STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05152

GRAMATIK

A. Gelbman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-05152-7

9780657051525T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

א. געלבמאנ

גראמאטיק

II טייל

סינטאקס

VI—VII קלאס

פינפטע אופלאגע

באשטעטיקט דורכנ פאָלקאָמבילד אוססר

מעלוכע־פארלאג פאר די נאציאָנאלע מינדערהײַטנ אינ אוססר
קיִעוו • 1937

LIBRARY
of the Jewish Teachers Seminary
and People's University
154-56 EAST 70th ST. N.Y.21,N.Y.
No. 7687

פאראנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר — ל. מישקאָווסקי. טעכנישער רעדאַקטאָר — ש. בוים.
קאָרעקטאָר — מ. דובינסקי.
פאפיר 62X94—1/16—38 קג. 7 דרוקבויגנ. אינ איינ פאפיר־בויגנ 96000 צייכנס. טיראַזש 10500 עקז.
פארלאג־נומ. 130־E. 11־טע דרוקעריי אופקפ״ט, בערדיטשעוו. באשט. נומ. 2637. באפולמ. פונ הויפטליט
נומ. 2657. אָפגעגעבנ אינ זאצ 19/VI—1937. אונטערגעשריבנ צומ דרוק 12/VII — 1937 י.
Ціна книги 1 крб. Оправа 30 к.

§ 1. זאַץ.

ריידן — הייסט מיטיילן עמעצן די געדאנקען מיט דער הילף פון ווערטער. א געדאנק קאָן אויסגעדריקט ווערן אי מיט איין וואָרט, אי מיט א גרופּע ווערטער.

צומבײַשפּיל: פאַרנאַכט. מיר פאָרן צו צום דאָרף.

דער ערשטער געדאנק איז דאָ ארויסגעזאָגט מיט איין וואָרט, דער צווייטער — מיט פינף.

> א וואָרט אָדער א גרופּע געבונדענע ווערטער, וואָס דריקט אויס א פאַרענדיקטן געדאנק, הייסט זאַץ.

זאַצן זײַנען פאַראַן דערציילערישע, פרעגיקע און אויסרופיקע.

יעדער זאַץ ווערט ארויסגערעדט מיט א באַשטימטער אינטאָנאַציע.

זאַצן זײַנען פאַראַן איינפאַכע און צונויפגעזעצטע.

> א זאַץ, וואָס קאָן ניט צעטיילט ווערן אף טיילן, אזוי אז יעדער טייל זאָל זײַן א זאַץ, הייסט איינפאַכער.

צומבײַשפּיל: א שמאָלער וועג האָט זיך געצויגן אף א הויכן אָנשיט פון צווײַגן.

אויב מע זאָל, אַשטייגער, צעטיילן דעם דאָזיקן זאַץ אף צוויי טיילן (צומבײַשפּיל, אזוי: א שמאָלער וועג האָט זיך געצויגן. אף א הויכן אָנשיט פון צווײַגן.), וועלן די ווערטער „אף א הויכן אָנשיט פון צווײַגן" ניט אויסדריקן קיין פאַרענדיקטן געדאנק.

> א זאַץ, וואָס באַשטייט פון טיילן, וועלכע קאָנען אליין זײַן זאַצן, הייסט צונויפגעזעצטער.

צומבײַשפּיל: דער רעגן האָט אויפגעהערט, און די קאָראָסטענער גראָבן שוין.

אויב מע זאָל דעם דאָזיקן זאַץ צעטיילן אף צוויי טיילן, וועלן מיר באַקומען צוויי איינפאַכע זאַצן: 1. דער רעגן האָט אויפגעהערט. 2. די קאָראָסטענער גראָבן שוין. די דאָזיקע זאַצן זײַנען צונויפגעבונדן אין איין צונויפגעזעצטן זאַץ מיט דער הילף פון בינדוואָרט „און". דערבײַ איז אויך געענדערט געוואָרן די אינטאָנאַציע.

די זאַצן, וואָס זײַנען טיילן פון א צונויפגעזעצטן זאַץ, קאָנען אויך געבויט ווערן אנדערש, ווי בעשאַס זיי קומען אלס באַזונדערע איינפאַכע זאַצן מיטן זעלבן אינהאַלט.

אָט זײַנען צוויי איינפאַכע זאַצן:

1. די סלאָוועשנער זײַנען ארויס פון דער פּאַלאַטקע.
2. דער הימל איז שוין געווען אויסגעלײַטערט.

אין א צונויפגעזעצטן זאַץ קאָן מען זיי איבערגעבן אזוי:

ווענ די סלאָוועשנער זײַנענ ארויס פונ זייער פאלאטקע, איז דער הימל שוינ געווענ אויסגעלײַטערט.

אינ פארגלײַכ מיט די איינפאכע זאצנ קומט דאָ צו באַמ ערשטנ זאצ דאָס בינדוואָרט „ווענ", אינ צווייטנ זאצ האָט זיכ געענדערט דער ווערטער־סיידער („איז" קומט דאָ אינ אָנהייב זאצ); עס האָט זיכ אויכ געענדערט די אינטאָנאציע.

אינ צונויפגעזעצטנ זאצ איז די געדאנקלעכע פארבינדונג פונ די זאצנ אנ ענגערע, ווי די באזונדערע איינפאכע זאצנ.

אינ צונויפגעזעצטנ זאצ ווערט אנ איינפאכער זאצ אָפּגעטיילט פונ אנדערנ מיט א קאָמע אָדער מיט אנדערע אָפּשטעל־צייכנס.

אינ זאצ קאָנ מענ אונטערשיידנ זעלבשטענדיקע אונ באהילפיקע ווערטער.

> דאָס זעלבשטענדיקע וואָרט אינ זאצ צוזאמענ מיט זײַנע באהילפיקע הייסט זאצגליד.

א זאצגליד קאָנ אמאָל באשטיינ פונ מער ווי איינ זעלבשטענדיק וואָרט.

צומבײַשפּיל: דער כאוועր גאָלדבערג האָט געעפנט די פארזאמלונג.

אינ דעמ דאָזיקנ זאצ איז פאראנ דרײַ זאצגלידער. 1. דער כאווער גאָלדבערג; 2. האָט געעפנט; 3. די פארזאמלונג. דער ערשטער זאצגליד באשטייט פונ איינ באהילפיק וואָרט מיט צוויי זעלבשטענדיקע; די איבעריקע — פונ איינ באהילפיק אונ איינ זעלבשטענדיק וואָרט.

> דער זאצגליד, וואָס באצייכנט אינ זאצ דעמ געגנשטאנד פונ געדאנק אונ ענטפערט אפ דער פראגע: „ווער?", „וואָס?", הייסט סוביעקט.

צומבײַשפּיל: דער טראקטעריסט פירט דעמ טראקטער. „דער טראקטעריסט" באצייכנט דעמ געגנשטאנד, וועלכער פילט אויס די טוונג. „דער טרעקטעריסט" איז סוביעקט.

דאָס ביכל ליגט אפנ טיש. „דאָס ביכל" באצייכנט דעמ געגנשטאנד, וועלכער געפינט זיכ אינ א באשטימטנ צושטאנד. „דאָס ביכל" — סוביעקט.

דער וואלד איז א גרינער. „דער וואלד" באצייכנט דעמ געגנשטאנד, וועלכנ עס ווערט געגעבנ א סימענ. „דער וואלד" — סוביעקט.

> דער זאצגליד, וועלכער באצייכנט אינ זאצ, וואָס עס טוט דער סוביעקט, וואָס קומט פאָר מיטנ סוביעקט, א וואָסערער איז דער סוביעקט אָדער וואָס איז ער, — רופט זיכ פרעדיקאט.

צומבײַשפּיל: די קינדער זינגענ.

וואָס טוענ די קינדער? — (זיי) זינגענ — פרעדיקאט.

די וואסער גיסט זיכ.

וואָס קומט פאָר מיט דער וואסער? (זי) גיסט זיכ — פרעדיקאט.

דער הימל איז א בלויער.

א וואָסערער איז דער הימל? — (ער) איז א בלויער — פרעדיקאט.

טשוהונ איז א מעטאל.

וואָס איז טשוהונ? — (ער) איז א מעטאל — פרעדיקאט.

דער סוביעקט און דער פרעדיקאט הייסן הויפטגלידער פון זאץ. די זאצגלידער אין זאץ, וואָס דערקלערן א הויפטגליד, הייסן בײַגלידער.

צומבײַשפּיל: דער רויטפּאָניקער זאוואָד האָט אויסגעפּילט דעם פּלאַן.

וואָסער זאוואָד? דער רויטפּאָניקער (א בײַגליד). וואָס האָט ער אויסגעפּילט? — דעם פּלאַן (א בײַגליד).

בײַגלידער קאָנען דערקלערן ניט בלויז דעם סוביעקט און דעם פּרעדיקאט, נאָר אויך איינער דעם אנדערן.

צומבײַשפּיל: גאָלדענע שטראַלן פאַלן סנאָפּעסווײַז אפ גלאַנציקע מאשינעס.

„שטראַלן" איז דער סוביעקט. צום סוביעקט קומט א בײַגליד „גאָלדענע" (ענטפערט אפ דער פראַגע „וואָסערע?"). „פאַלן" — פּרעדיקאט. צום פּרעדיקאט קומט דער בײַגליד „סנאָפּעסווײַז" (ענטפערט אפ דער פראַגע „וויאַזוי?"). צום פּרעדיקאט קומט אויך דער בײַגליד „אפ מאשינעס" (ענטפערט אפ דער פראַגע „אפ וואָס?"). דער בײַגליד „גלאַנציקע" דערקלערט דעם בײַגליד „מאשינעס" און ענטפערט אפ דער פראַגע „וואָסערע?".

דעם גאנצן זאץ (די הויפּטגלידער מיט די בײַגלידער) קאָן מען צעטיילן אפ צוויי טיילן (גרופּעס): 1. די סוביעקט־גרופּע, ד. ה. דער סוביעקט מיט אלע בײַגלידער, וואָס זײַנען מיט אים געבונדן. 2. די פּרעדיקאט־גרופּע, ד. ה. דער פּרעדיקאט מיט אלע בײַגלידער, וואָס זײַנען מיט אים געבונדן.

די גרופּירונג פון די זאצגלידער אינעם דערמאנטן זאץ קאָן מען פאָרשטעלן אין אזא סכעמע:



א זאץ, וואָס באשטייט נאָר פון הויפּטגלידער, הייסט אומפארברייטערטער. א זאץ, וואָס האָט בײַגלידער אויך, הייסט פארברייטערטער.

אויפגאבע 1. צעטיילט דעמ טעקסט אפ זאצנ, שרייבט אראָפּ אונ שטעלט אריינ צווישנ די זאצנ פונקטנ:

14 פּעוורא ל 1934.

„טשעליוסקינ" איז פארטרונקענ מיר זיינענ אפ אנ אייז־קריהע דאָס איז פּאָר־געקומענ נעכטנ פאר אונדז אינ די אויגנ האָט זיכ געבּרעקלט דאָס מעכטיקע יאָריקע אייז א כוואליע פונ מוירעדיקער גרייס איז געווענ גאָר נאָענט לויט דער פאראָר־דענונג פונעמ קאפּיטאנ האָט מענ אָנגעהויבנ אויסלאָדנ די דערנערונג אפנ אייז מיר האָבנ געארבעט מיט ברענ עס איז געווענ אנגענעמ צו זענ די זאכלעכקייט אונ די רויִקייט פונ די מענטשנ.

„טשעליוסקינ" איז אראָפּ אונטערנ וואסער.

מיר לעבנ אינ ביידלעכ מיר שלאָפנ אינ שלאָפ־זעק מיט די וואָליקעס אונ טור־זשורקעס ווארעמע קליידער איז פאראנ גענוג פּראָדוקטנ זיינענ פאראנ מיר וועלנ לעבנ די מענטשנ זעענ אויס גוט זיי זיינענ נאָר עטוואָס קויטיק נעכטנ האָט אָנ־געהויבנ ארבעטנ דער ראדיאָ.

15 פּעוורא ל.

איכ גיי ארומ אינ א פּעלצ־קאָסטיומ מיטנ פּעלצ ארופ אינ די פיס איז ווארעמ דער אינעווייניקסטער טייל פונעמ ביידל איז באזילבערט מיט פראָסט־טוי קיינ באהייצונג איז ניטאָ באטאָג צינדנ מיר אָנ א פּרימוס אפ אופקאָכנ טיי אינ ביידל איז ווארעמ פונעמ פּרימוס מיר זיצנ אָנ היטלענ מיר זיינענ עלפ מענטשנ מיר דער־מאנענ די איבערגעלעבטע טעג צווישנ די נידעריקע ביידלעכ גייט זיכ ארומ דער איינזאמער וועכטער מיט א ביקס אונ איז גרייט יעדע מינוט צו וואָרענענ וועגנ א צונויפפּרעסונג פונ אייז אָדער וועגנ א בער.

28 פּעוורא ל.

אינ דער קיכ האָבנ מיר אוועקגעשטעלט א באק־אייוועלע צו באקנ ברויט די ערשטע פלעצלעכ האָבנ זיכ באקומענ זייער געשמאק.

29 מארט.

היינט האָבנ מיר דערגאנצט אונדזערע דערנערונג־רעזערוונ מע האָט געשאָסנ צוויי בערנ — א בעריכע אונ א יאָריקנ בער בא דער בעריכע אינ מאָגנ האָבנ מיר געפונענ א שטיק מאטעריע עטלעכע פּאפּיראָסנ־קעסטלעכ מאָרגנ וועלנ מיר עסנ בערנ־פליייש.

7 אפּרעל.

12 אזייגער מיט 15 מינוט איז געקומענ צו פליִענ סליעפּניאָוו 16 אזייגער מיט 15 מינוט — קאמאניִנ אונ מאָלאָקאָוו דריי מאשינעס זיינענ געשטאנענ אפנ אייז אונ אופגענומענ אפנ באָרט די אָפּפאָרער.

(פונ טאָגבוכ פונ טשעליוסקינעצ מארקאָוו)

אויפגאבע 2. שרייבט אראָפּ אונ שטעלט אריינ נאָכ יעדנ זאצ די געהעריקע אָפּשטעל־צייכנס:

די פארזאמלונג האָט זיכ אָנגעהויבנ ניט אזוי, ווי עלקע רודנער האָט אויסגע־רעכנט באלד ווי דער פּרעזידיום האָט פארנומענ דאָס אָרט ארומ טיש, האָבנ זיכ ערגעצ פונ די הינטערשטע בענק דערטראָגנ אויסגעשרייענ:

— זאָל מענ ריידנ וועגנ כאָנציִענ

— פאַרוואָס באַהאַלט מענ דאָס

— ווו איז דאָס ברויט פונעמ אַמבאַר

סימכע בערעזינ האָט דאָרט פונעמ ווינקל אונטערגעהערט

— פאַר גאַנוועגע ברויט וואָס שווייגנ מיר

— ווו זיינענ די שליסלענ

— די פראַגע וועלנ מיר באַהאַנדלענ, כאַווייריִמ, — האָט עלקע אים איבערגעריסנ, — ווער וויל א וואָרט אונ ווער שטעלט די פראַגע

— די כומעראַנצעס האָבנ זיכ איבערגעקוקט. אַלע האָבנ געוואָרפנ זייערע בליקנ אַפ סימכענ. סימכע האָט זיכ אַראָפּגעזעצט

— אונדז, כאַווייריִמ, איז די פראַגע קלאָר קעגנ כאָנציִענ האָט מענ דאָ פאַרשפרייט רעכילעס ס'איז ניט נאָר קעגנ כאָנציִענ ט'איז קעגנ אונדז אַלעמענ, קעגנ דעמ קאָלעקטיוו א וואָרט האָט סימכע בערעזינ

סימכע האָט זיכ עטלעכע מאָל אופגעהויבנ אונ צוריק אַוועקגעזעצט.

— וואָס פרעגט איר מיכ איכ וויים פונ גאָרניט

— ער אַליינ האָט געזאָגט

— אַפ אונדז וויל ער אַרויספאָרנ

— אָט א הונט אַלייג בילט דאָס

— ער האָט גערעדט

— באַלעגופ דו מיִעסער קולאַק (נאָטע לוריע)

אופגאַבע 3. שרייבט אַרויס פריִער די איינפאַכע זאַצנ, נאָכדעמ — די צונויפגעזעצטע, אונ באַצייכנט (מיט א ציפער), פונ וויפל איינפאַכע זאַצנ עס באַשטייט יעדער צונויפגעזעצטער זאַצ:

די זעגנ אונ העק האָבנ זיכ דערקלייבנ אויכ צו די סאָסנעס אַפנ האָריונקאַמענ. דער גאַנצער וואַלד, ווו צווישנ די ביימער האָבנ זיכ געדיכט געפלאָכטנ איינע אינ די אַנדערע פאַרשיידענע קוסטנ, האָט געקנאַקט, געקרעכצט, געוואַלגערט זיכ אונטערנ מעכטיקנ אייזערנעמ אָנגריפ. די קוסטנ האָבנ זיכ אויסגעלייגט לעבנ דעמ טייכ־זומפ. די פאַרוואָקסענע בלאָטע האָט די קוסטנ איינגעשלונגענ, צעשווענקט, אַרויסגעוואָרפנ אונ ווידער געגרייט זיכ פוילנ אונ סאַמענ די לופט מיט שטיקנדיקנ גערוכ.

דער שטויב האָט זיכ אינ וואָלקנס געטראָגנ אונטער דעמ הונדערט־אויגיקנ דאַכ. דאָס זעגעכצ האָט זיכ פונ דאָרט געשאָטנ, ווי א שמעקנדיקער רעגנ.

די זעגנ האָבנ דאָ געזונגענ מיט הילכיקע, פריילעכע באַסנ. די העמערלעכ האָבנ געענטפערט מיט דונערדיקנ שרויט. די הובלעס האָבנ געשאַרט, הילכיק געפייפט, געגלעט די געשטופלטע ברעטער.

אומעטומ זיינענ געהאַנגענ, געקרייזלט זיכ, געדרייט אונ געשורשעט אונטער די פיס די בורשטינענע געל־גרינע שפענדלעכ.

נידעריקער האָט מענ פעניאָקעס געקאָרטשעט. איבער די צעצווייגטע וואָרצלענ האָבנ העק געהאַקט. די וואָרצלענ זיינענ ווי אָדערנ טיפ אינ דער ערד אַריינגעוואַקסנ, אָבער די העק אונ די לאָמענ זיינענ פאַראַקשנט געווענ — זיי האָבנ איבערגעהאַקט די ווילד־פאַרדרייטע געפלעכטנ אונ קנופנ, זיי האָבנ אַרויסגעריסנ פונ דער ערד די הונדערט־יאָריקע אַלטע וואָרצל־געוויקסנ. די צעבראָקטע רעשט־

לעכ פונ פעניאָקעס אונ וואָרצלענ האָט מענ צונויפגעשארט אינ בערגלעכ אונ גע־ברענט. די שײַטערס האָבנ ארויסגעאָטעמט א ביטערנ טשאד, דער רויכ האָט זיכ נידעריק געשפרייט. דאָס פײַער איז געווענ א בײַסיקס, אונ עס האָט בײַז געפּרעסנ דאָס דאָזיקע הארטע פארעלטערטע האָלצווארג.
(אנא קאראווײַעווא)

אופגאבע 4. געפינט דעמ סוביעקט, דעמ פרעדיקאט אונ די בײַגלידער. ווײַזט דורכ א סכעמע די פארבינדונג צווישנ די זאצגלידער אינ יעדנ זאצ:

א געשמאק ווינטעלע בלאָזט. אפנ הימל ווײַזנ זיכ וואָלקנס. די ביימער שאָקלענ זיכ פאמעלעכ. זיי פירנ צווישנ זיכ א שמועס אפ זייער לאָשנ. דאָס ווינטעלע האָט אופגעוועקט די שלאָפנדיקע טווע. אלע זאנגענ כאפנ זיכ אופ, ווי יונגע קינדער, מיט א קאָל. שפילפייגעלעכ טרעטנ ארויס אפ צווײַגעלעכ. זיי זינגענ. צוויי בו־שעלעס מיט לאנגע רויטע פיס שטייענ אפנ גראָז. ניט ווײַט אינ א וועלדעלע קנאקט דער סאָלאָוויי. די גאנצע וועלט איז לעבעדיק געוואָרנ.

(לויט מענדעלע מויכער־ספאָרימ)

אופגאבע 5. מאכט איבער די פאָלגנדיקע אומפארברייטערטע זאצנ אפ פארברייטערטע, צוגעבנדיק בײַגלידער:

דער צוג האָט זיכ אָפּגעשטעלט. פיאָנערנ שפרינגענ ארויס. מע מארשירט. אויס־געשפרייט זײַנענ פעלדער. זאנגענ וויגנ זיכ. עס מורמלט א טײַכל. עס פלאטערט א פאָנ. עס ווײַזנ זיכ פאלאטקעס. כעוורע לויפנ אנטקעגנ. מע באגריסט.

2 §. סוביעקט.

אלס א סוביעקט אינ א זאצ קאָנ קומענ:

1. א סובסטאנטיוו אינ נאָמינאטיוו.

צומבײַשפיל: דאָס יינגל איז זיכ געגאנגענ ווײַטער. דער סוביעקט איז „דאָס יינגל".

2. א פראָנאָמ אינ נאָמינאטיוו.

צומבײַשפיל: איכ גיי מיט אײַכ אינ געוועט. דער סוביעקט איז „איכ".

3. א צאָלוואָרט.

צומבײַשפיל: צוויי זײַנענ שטארקער פאר איינעמ. דער סוביעקט איז „צוויי".

4. אנ אינפיניטיוו.

צומבײַשפיל: לייענענ איז א נוצלעכע זאכ. דער סוביעקט איז „לייענענ".

דער סוביעקט קאָנ אמאָל באשטיינ פונ עטלעכע זעלבשטענדיקע ווערטער.

א) פונ צוויי סובסטאנטיוונ אינ נאָמינאטיוו, וואָס באצייכענ איינ געגנשטאנד.

צומבײַשפיל: כאווער שיינפעלד איז שוינ געזונט. דער סוביעקט איז „כאווער שיינפעלד".

דער וואגאָנ מעל איז שוינ אָנגעקומענ. דער סוביעקט איז „דער וואגאָנ מעל".

ב) א סובסטאנטיוו אינ נאָמינאטיוו צוזאמענ מיט א סובסטאנ־טיוו אינ דאטיוו מיט דער פרעפּאָזיציע „מיט".

צומבײַשפּיל: מוישע מיטן ברודער זײַנען אוועק אין שול אַרײַן. דער סוביעקט איז „מוישע מיטן ברודער".

אויפגאַבע 6. געפינט דעם סוביעקט און באַשטימט, פון וויפל זעלבשטענדיקע ווערטער ער באַשטייט און צו וועלכע וואָרט־קלאַסן זיי געהערן:

I. עס לויפן אָפּ אַזוי עטלעכע סטאַנציעס. אויף יעדער סטאַנציע ליידיקט אויס דער וואַגאָן אַ פּאָר פּאַרשוינדלעך. אַנדערע ווײַבער זיצן שוין, ווי די פּריצטעס, אויף די בענק מיט זייערע פּעקלעך. מײַן ברודער עליע און אונדזער כאַווער פּיניע האָבן זיך מעכײַע געווען. זיי האָבן די בעסטע ערטער. ערשט דאָ דערזעט טײַבל, אַז בײַ איר מאַן פּיניע איז אויפגעלאָפן אַ באַק און מע קאָן דערקענען פינגער. טײַבל איז אויס מענטש, זי האָט אויף אים ראַכמאָנעס. פּיניע שווערט איר, אַז ער פילט ניט קיין זאַך. ער רעדט בעסער מיט די ייִדן. ער פרעגט זיי, וווהין זיי פאָרן.

(שאָלעמ־אַלייכעמ)

II. 1. יענער איז נאָך נעכטן אוועקגעפאָרן. 2. פאָרן איז דאָ זייער לײַכט. 3. דער איז געקומען מיט אַ באַריכט, אַן אַנדערער — מיט אַ מיטיילונג, אַ דריטער — מיט אַ פראַגע. 4. אַלץ איז געווען צוגעגרייט און פאָרויסגעזען. 5. פיר האָבן פאָרזיכטיק אונטערגעהאַלטן די פאַרבלוטיקטע האַנט, זיי האָבן שטיל אַראָפּגעפירט טשאַפּײַעוון פונעם זאַמדיקן בערגל. אַלע פיר האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אין וואַסער. צוויי זײַנען באַלד דערהאַרגעט געוואָרן. 6. קאָנדראַ איז אַוועקגעריסן מיט גיכע טריט. נאָך אים זײַנען אוועק פינף און צוואַנציק רײַטער. אין וועג האָבן זיי זיך צעטיילט. פינף זײַנען אוועק צום טײַכל. צען האָבן זיך געלאָזט צום וואַלד. די איבעריקע האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די ביימער.

III. 1. מירע מיט באָרעכן האָבן באַטראַכט דעם פּאַרקן. 2. אַריבערשפּרינגען איבער אַזאַ הויכן פּאַרקן איז ניט גרינג. 3. די גלאָז טיי ווערט קאַלט. 4. ענטפערן איז גוט קורץ און שאַרף. 5. מישע מיט מוניען וווינען אין איין הויז. 6. אָרגאַניזירן ווי געהעריק די אַרבעט איז זייער וויכטיק. 7. קעמפן קעגן דעם אַנאַלפאַבעטיזם איז אומבאַדינגט נייטיק. 8. שרײַבן אין וואַנטצײַטונג איז דער כויוו פון יעדן שילער. 9. לאַכן איז געזונט. 10. מייער מיט שימקען האָבן געקראָגן פּרעמיעס. 11. אַ רינג פּיאָנערן איז געקומען צוגאַסט אין קאָלווירט.

3 §. פּרעדיקאַט.

פּרעדיקאַטן זײַנען פאַראַן אײנפאַכע און צונויפגעזעצטע.
אַן אײנפאַכער פּרעדיקאַט באַשטייט נאָר פון אַ ווערב (אין פאַרשיידענע מאָדוסן און צײַטן).
אַ צונויפגעזעצטער פּרעדיקאַט באַשטייט פון אַ באַהילפיקן ווערב מיט אַ וואָרט פון אַן אַנדער וואָרט־קלאַס.

אַלס אײנפאַכער פּרעדיקאַט אין זאַץ קאָן קומען:

1. אַ ווערב אין דירעקטן מאָדוס. דער ווערב אין דירעקטן מאָדוס קאָן קומען:

א) אין קעגנוואַרט.

צומבײַשפּיל: די זונ וואַרעמט שטאַרק, דער פּרעדיקאַט — „וואַרעמט".

ב) אין פאַרגאַנגענהײַט.

צומבײַשפּיל: מישקע האָט זיכ פאַרקוקט אין הימל. דער פּרעדיקאַט — „האָט זיכ פאַרקוקט".

ג) אין דער פילמאָליקער פאַרגאַנגענהײַט.

צומבײַשפּיל: הערשעלע פלעגט לויפנ צו די קינדער. דער פּרעדיקאַט — „פלעגט לויפנ".

ד) אין צוקונפט.

צומבײַשפּיל: דער טעכניקער וועט קומענ שפּעטער. דער פּרעדיקאַט — „וועט קומענ".

2. א ווערב אינ באַפעל־מאָדוס.

צומבײַשפּיל: פאַרשרײַב זיכ אינ ליטעראַרישנ קרײַזל. דער פּרעדיקאַט — „פאַרשרײַב זיכ".

3. א ווערב אינ באַדינג־מאָדוס.

צומבײַשפּיל: איכ וואָלט די אַרבעט געמאַכט אָנ זײַנ הילפ. דער פּרעדיקאַט — „וואָלט געמאַכט".

4. אַלס אײנפאַכער פּרעדיקאַט קאָנ אויכ קומענ א ווערב מיט „זאָל".

דער ווערב מיט „זאָל" קאָנ באַצײכענענ:

א) א באַפעל אָדער א ווונטש.

צומבײַשפּיל: דו זאָלסט אַרײַנגײנ אינ שול. איכ זאָל נאָר ניט פאַרגעסנ.

דער פּרעדיקאַט — „זאָלסט אַרײַנגײנ", „זאָל ניט פאַרגעסנ".

ב) ניט־זיכערקײַט אינ עמעצנס רײד.

צומבײַשפּיל: ער זאָל האָבנ אָוועקגעגאַנגענ פונ דער אַרבעט (ד. ה. מע זאָגט, אַז ער איז אָוועקגעגאַנגענ, אָבער ס'איז ניט זיכער). דער פּרעדיקאַט — „זאָל האָבנ אָוועקגעגאַנגענ".

ג) א באַדינג.

צומבײַשפּיל: איכ זאָל האָבנ א בלײַער, וואָלט איכ געשריבנ. דער פּרעדיקאַט — „זאָל האָבנ".

בא ווערבנ, וואָס באַצײכענענ דעם אָנהײב, די מעגלעכקײַט, די נויטווענדיקײַט פונ א טוונג, קומט אָפט אַנ אינפיניטיוו, וועלכער רופט אָנ די טוונג גופא.

צומבײַשפּיל: ער האָט אָנגעהויבנ צו שרײַבנ. איכ קאָנ לײענענ. מע מוז צופאָרנ. זײ דאַרפנ גײנ. לאָזט אַרבעטנ.

די אינפיניטיווו בא אַזעלכע ווערבנ זײַנענ טײלנ פונ פּרעדיקאַט.

א צונויפגעזעצטער פּרעדיקאַט אַנטהאַלט, אַכוץ דעם באַהילפיקנ ווערב (זײַנ אָדער ווערנ) אינ פאַרשײדענע מאָדוסנ אונ צײַטנ:

1. א סובסטאַנטיוו אינ נאָמינאַטיוו, אינ דאַטיוו אָדער אינ פּאָסעסיוו.

צומבײַשפּיל: דער אַרבעטער איז א שלאָגלער. דער פּרעדיקאַט — „איז א שלאָגלער". א „שלאָגלער" איז א סובסטאַנטיוו אינ נאָמינאַטיוו. דער קאַסטנ איז פונ אײַזנ. דער פּרעדיקאַט — „איז פונ אײַזנ". „פונ אײַזנ" איז א סובסטאַנ־

טיוו אין דאַטיוו. דאָס בוך איז יאַשעס. דער פּרעדיקאַט — „איז יאַשעס". „יאַשעס" איז אַ סובסטאַנטיוו אין פּאָסעסיוו.

2. אַן אַדיעקטיוו.

צומבײַשפּיל: די קאָמפּאַרטיי איז אַ שטאַרקע. דער פּרעדיקאַט — „איז אַ שטאַרקע". „שטאַרקע" איז אַן אַדיעקטיוו.

3. אַן אַדווערב.

צומבײַשפּיל: די טיי ווערט קאַלט. דער פּרעדיקאַט — „ווערט קאַלט". „קאַלט" איז אַן אַדווערב.

4. אַ צאָלוואָרט.

צומבײַשפּיל: דרײַ און פיר איז זיבן. דער פּרעדיקאַט — „איז זיבן". מיר זײַנען די ערשטע. דער פּרעדיקאַט — „זײַנען די ערשטע".

5. אַ פּראָנאָם אין נאָמינאַטיוו.

צומבײַשפּיל: איך בין דאָך ניט דו. דער פּרעדיקאַט — „בין ניט דו". ער איז אַזעלכער. דער פּרעדיקאַט — „איז אַזעלכער".

אויפגאַבע 7. געפינט די פּרעדיקאַטן אין די ווײַטערדיקע זאַצן און באַשטימט מינדלעך דעם מאָדוס, צאָל, צײַט, פּערזאָן פון יעדער פּרעדיקאַט:

I. געבעט האָט מען גאָרנען אין הויף אפן וואָגן, נאָר שלאָפן די נאַכט האָט ער זיך ניט געלייגט. פון דער זײַט קאַנאַלן האָט געבלאָזן אַ ווינטל. אַ בלאָווער שטערן האָט אַ פאַל געגעבן פון דער מיט הימל און דערלאַנגט דעם ווײַטן וואַלד מיט אַ פײַערדיקער רויט. גאָרנען האָט זיך געשטעלט פאַר די אויגן דער פּלאַן פון די קאַנאַלן. פון אָזוראַנער הרעבליעס ציט דער קאַנאַל זײַן ליניע באַרג־אַראָפּ — קילאָמעטער נאָך קילאָמעטער גייט נידעריקער דער דנאָ. בײַ לוטשינקער הרעבליע פאַלט דער קאַנאַל אַרײַן אין טיפן טײַכל. (ה. אָרלאַנד)

II. 1. פּעטריק האָט זיך אוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע. 2. דו זאָלסט מיך מיטנעמען, וואָלט איך דיר געקאָנט מיטהעלפן. 3. אַז מע האָט שוין פאַרענדיקט די אַרבעט, איז ער ערשט אַרײַנגעקומען. 4. ער איז געפאָרן צו דער מוטער, האָט ער זי שוין ניט געטראָפן. 5. מישקע האָט אים געזען נאָך מיט יאָרן צוריק. 6. ער געדענקט נאָך דאָס אָרט גוט: ער איז דאָ ניט איין מאָל געזעסן. 7. איך זאָל וויסן, אַז ער וועט קומען, וואָלט איך ניט געפאָרן. 8. מישע זאָל כאָטש ניט פאַרגעסן איבערצוגעבן דעם בריוו. 9. זאָג אים אָן, ער זאָל ניט פאַרשפּעטיקן.

אויפגאַבע 8. שטעלט צונויף עטלעכע זאַצן און אַלס פּרעדיקאַטן נעמט ווערבן מיט „זאָל" אין פאַרשיידענע באַטײַטן.

אויפגאַבע 9. שרײַבט אַרויס באַזונדער די איינפאַכע פּרעדיקאַטן מיט זייערע סובייעקטן, און באַזונדער די צונויפגעזעצטע מיט זייערע סובייעקטן, באַצייכנט פונויבן צו וואָסער וואָרט־קלאַס געהער יעדער ניט־ווערבישער טייל פונעם צונויפגעזעצטן פּרעדיקאַט:

I. 1. מע איז צוגעפאָרן צום ראַט. דער ראַט איז געווען אפן דעם הויפּט־פּלאַץ, אינעם הויז פון דער געוועזענער פאַרוואַלטונג. דער ראַט איז אַ גרוימער. וויפל מענטשן ס'איז אָנגעקומען! מע שטופּט זיך צו די פענצטער. 2. אין אָנדערהאַלבן

שאָ ארום איז שוינ פֿיאָדער ארויסגעפֿאָרנ פֿונ איוואנטייעווקע. דער הימל איז אלץ שווארצער געוואָרנ. 3. קימאט יעדנ טאָג פֿלעגט טשאפּײַעוו מיט פֿיאָדערנ זיכ ארײַנ־כאפּנ דאָס אינ איינ בריגאדע, דאָס אינ דער צווייטער. 4. די וועגנ זײַנענ דאָ ברייטע, לײַכטע, דאָס אָרט איז דאָ א גלײַכס. אלע זײַנענ דאָ אונדזערע. 5. די נעסיע איז שוינ געווענ די לעצטע. טשאפּײַעוו איז געווענ אומעטיק. ער איז ארײַנגעגאנ־גענ אפֿ א מינוט צו באטורינענ. 6. אינגיכנ איז געקומענ פּאוול סטעפּאניטש. טשאפּײַעוו איז געוואָרנ אביסל פֿריילעכער, ער איז געוואָרנ וויכער, רויִקער אונ שטי־לער. יעדע מינוט איז טײַער, די געפֿאר איז נאָענט, די קאזאקישע אטאקעס ווערנ אָפֿטער. מע האָט באשלאָסנ זיכ אוועקלאָזנ באנאכט.

II. 1. פֿינקאָווא איז א פֿויערטע פֿונ סאמארער גובערניע. שטענדיק איז פֿינקאָווא געווענ אינ די ערשטע רייענ אינ שלאכט. זי איז א קעמפֿערנ אינ די רייענ פֿונ דער רויטער ארמיי. 2. דער פֿארטאָג איז פֿריש אונ זומערדיק אונ וויכ. 3. דער הימל איז ריינ. 4. יעדער נײַער פֿאבריק־קוימענ איז אנ אָנזאָג פֿונ נײַע ניצחוינעס. 5. די העפֿטנ זײַנענ מײַנע, אָבער דער בלײַער איז דײַנער. 6. אויב דו ביסט אזעל־כער, וועל איכ דיר שוינ טאקע ניט געבנ גאָרניט. 7. ווער איז דער דאָזיקער? 8. ער איז דער ערשטער אינ שלאכט.

§ 4. מיטשטימונג פֿונ פּרעדיקאט מיטנ סוביעקט.

דער פּרעדיקאט, וואָס באשטייט נאָר פֿונ א פּערזאָניקנ ווערב, שטימט געוויינלעכ מיט מיטנ סוביעקט אינ פּערזאָנ אונ אינ צאָל.

צומבײַשפּיל: איכ קומ הײַנט פֿונ שטאָט. די בריגאדע קומט פֿונ שטאָט. די בריגאדעס קומענ הײַנט פֿונ שטאָט.

ווענ דער איינפֿאכער פּרעדיקאט באשטייט פֿונ א באהילפֿיקנ ווערב מיט א פּאר־טיציפּ אָדער מיט אנ אינפֿיניטיוו, שטימט מיט מיטנ סוביעקט אינ פּערזאָנ אונ אינ צאָל נאָר דער באהילפֿיקער ווערב.

צומבײַשפּיל: איכ בינ געקומענ. דו ביסט געקומענ. די בריגאדעס זײַנענ געקומענ.

בא א צונויפֿגעזעצטנ פּרעדיקאט שטימט מיט מיטנ סוביעקט אינ פּערזאָנ אונ אינ צאָל דער באהילפֿיקער ווערב.

אכוץ דעמ פּערזאָניקנ ווערב, שטימט נאָכ מיט מיטנ סוביעקט אנ אדיעקטיוו אלס טייל פֿונ א צונויפֿגעזעצטנ פּרעדיקאט. ער שטימט מיט מיטנ סוביעקט אינ מינ, אינ צאָל אונ אינ בייגפֿאָרמע (נאָמינאטיוו).

צומבײַשפּיל: דער כאווער איז א גוטער. די כאווערטע איז א גוטע. די קינ־דער זײַנענ גוטע.

אזוי שטימט מיט אויכ א פּראָנאָמ, וואָס בייגט זיכ ווי אנ אדיעקטיוו.

צומבײַשפּיל: דער העפֿט איז מײַנער. די פֿעג איז מײַנע. דער מענטש איז דער זעלביקער. די מענטשנ זײַנענ די זעלביקע.

דער פּרעדיקאט קאָנ אמאָל ניט מיטשטימענ אָדער ניט אינ דער פֿולער מאָס מיטשטימענ מיטנ סוביעקט, ד. ה. דער סוביעקט קאָנ זײַנ אינ מערצאָל אונ דער פּרעדיקאט אינ איינצאָל, אָדער פֿארקערט. אזא דערשײַנונג הייסט אומפֿולע מיט־

שטימונג. די אומפולע מיטשטימונג איז מײנסטנס פארשפרײט אינ דער אומ־גאנג־שפראכ.

צומבײַשפּיל: ס'איז דאָ גענוג ביכער.

דאָ איז דער באהילפיקער ווערב „איז" אָנשטאָט „זײַנענ", ווי עס וואָלט געווענ בא דער פולער מיטשטימונג.

אזא אומפולע מיטשטימונג קומט פאָר איבערהויפּט, ווענ דער באהילפיקער ווערב קומט מיט די ווערטער: דאָ (איז דאָ), פאראנ (איז פאראנ), געווענ (איז געווענ), ניטאָ (איז ניטאָ).

אָפטער קומט עס פאָר, ווענ דער פּרעדיקאט שטײט אינ זאצ אפנ ערשטנ אָרט.

צומבײַשפּיל: ס'איז דאָ פארשײדענע וועגנ. ס'איז פאראנ גענוג מענטשנ, ס'איז ניטאָ קײנ דעזשורנעס.

ווענ דער סוביעקט באשטײט פונ א זאמלנאָמענ מיט א סובסטאנטיוו אינ מער־צאָל, קאָנ דער פּרעדיקאט קומענ סײַ אינ אײנצאָל, סײַ אינ מערצאָל.

צומבײַשפּיל: א גרופּע רויטארמײער האָט פארנומענ די שטאָט. א גרופּע רויט־ארמײער האָבנ פארנומענ די שטאָט.

ווענ דער סוביעקט באשטײט פונ א צאָלוואָרט מיט א מאָסנאָמענ, קומט דער פּרעדיקאט געוויינלעכ אינ אײנצאָל.

צומבײַשפּיל: פינפ קילאָ מעל קאָסט צענ רובל.

ווענ דער סוביעקט באשטײט פונ א סובסטאנטיוו אינ נאָמינאטיוו צוזאמענ מיט א סוב־סטאנטיוו אינ דאטיוו מיט דער פּרעפּאָזיציע „מיט", קומט דער פּרעדיקאט אינ מערצאָל.

צומבײַשפּיל: כיענע מיט רײזלענ האָבנ זיכ איבערגעקוקט.

אופגאבע 10. שרײַבט אראָפּ אונ שטעלט דעמ פּרעדיקאט אינ דער געהעריקער צאָל:

די צאָפּנדיקע קאלטע זאָנע פונ פּססר (האָבנ) א טונדרע־באָדנ. די פלאָרע (זײַנ) דאָ אנ (אָרעמ). זי (באשטײנ) פונ מאָכנ, לישײַעס א. ד. גל. די צאָפּנדיקע זאָנע (זײַנ) (אָרעמ) אינ געוויקסנ. דערפאר (האָבנ) דאָ די באלעבאַטים א באזונדערע באדײַטונג פאר דער אָרטיקער באפעלקערונג. פונ די הײמישע באלעבאַטים (זײַנ) דאָ פאראנ הירשנ אונ הינט. מיט אָט די באלעבאַטים (פירנ) מענ מאסע. צו דאָרעמ־צו פונ טונדרע־באָדנ (גײנ) דער אשיקער באָדנ. אזעלכע באָדנס (זײַנ) פארשפרײט איבער א האלבער טעריטאָריע פונ פּססר. ווײַטער (גײנ) די גרויע וואלד־באָדנס. זײ (זײַנ) לויט זײער באשטאנד נעענטער צו שווארצערד. דאָרעמדיקער פונ די טונ־דרעס (זײַנ) פאראנ זומפּיקע באָדנס. זײ גיבנ טאָרפ. טאָרפ (זײַנ) א ווערטפולער הײצ־מאטעריאל.

אופגאבע 11. שרײַבט אראָפּ אונ פארבײַט דעמ אינפיניטיוו אינ קלאמערנ אפ א פּערזאָניקנ ווערב:

1. אינ סטעפּ (זײַנ) גאָר קײנ בײמער ניטאָ. 2. בא דער שול (זײַנ) געווענ פאר־שײדענע קרײַזלעכ. 3. עס (זײַנ) פארצײכנט געוואָרנ אײניקע פאלנ פונ אומדיסציפּלי־נירטקײַט. 4. ס'(זײַנ) דאָ אזעלכע סאָסנעס, וואָס האלטנ צו צוואנציק ארשינ. 5. אפנ שטיל־אָקעאנישנ ברעגלאנד (זײַנ) פאראנ אָנ א שיר טאָרפ־באָדנס. 6. עס (זײַנ) דאָ ביכער מיט דערצײלונגענ, מיט געמעלנ, מיט לידער. עס (זײַנ) פאראנ ביכער מיט ציפערנ אונ טאבעלעס 7. שטאָלענע מאסטבײמער (זײַנ) צעשטעלט איבערנ גאנצנ לאנד, איבער די מאסטבײמער (זײַנ) צעהאנגענ עלעקטרישע דראָטנ.

5 §. אָביעקט.

אָביעקט איז א זאצגליד, וואָס איז געבונדן מיטן פרעדיקאט (אמאָל אויך מיט אן אנדער זאצגליד) און דערגאנצט אים.

אלס אָביעקט אין זאץ קאָן קומען:

1. א סובסטאנטיוו אָדער א פראָנאָם אין אקוזאטיוו. דאָס איז א דירעקטער אָביעקט. ער ווייַזט א געגנשטאנד, אף וועלכן עס גייט אריבער די טוונג.

צומבייַשפיל: מישע לייענט א בוך. פאָליע זעט דיך.

2. א סובסטאנטיוו אָדער א פראָנאָם אין דאטיוו מיט אָדער אָן א פרעפאָזיציע. דאָס איז אָן אומדירעקטער אָביעקט. ער ווייַזט:

א) צו וועמען די טוונג איז געווענדעט.

צומבייַשפיל: די געשיכטע האָט ער דערציילט דעם לערער. דער רעדנער ווענדעט זיך צו דער פארזאמלונג.

ב) א געצייַג, מיט וועלכן די טוונג ווערט אויסגעפילט.

צומבייַשפיל: שרייַבט מיט א בלייַער, ער שנייַדט מיט א מעסער.

3. א סכומיק צאָלוואָרט.

צומבייַשפיל: נעם אראָפ זעקס.

4. צוויי סובסטאנטיוון אין אקוזאטיוו אָדער אין דאטיוו;ביידע סובסטאנטיוון באצייכענען איין געגנשטאנד.

צומבייַשפיל: מיר האָבן געלייענט וועגן דעם העלד טשקאלאָוו. די יונגע שרייַבער האָבן געהאט א שמועס מיטן כאווער קאלינין.

5. אויב בא א ווערב, וועלכער באצייכנט זעלבשטענדיק א טוונג, קומט אן אינפיניטיוו, וואָס דערקלערט דעם אינהאלט פון דער טוונג, ווערט אזא אינפיניטיוו פארעכנט פאר אן אָביעקט. צומבייַשפיל: „ער לערנט זיך מאָלן" — איז לויטן באטייַט נאָענט צו „ער לערנט זיך מאָלערייַ" (מאָלערייַ — אן אָביעקט). „מע הערט זינגען" — איז לויטן באטייַט נאָענט צו „מע הערט א געזאנג" (געזאנג — אָביעקט).

אויפגאבע 12. שרייַבט אראָפ דעם ווייַטערדיקן טעקסט. געפינט אלע סוביעקטן, אָביעקטן אין אקוזאטיוו, אָביעקטן אין דאטיוו מיט אָדער אָן פרעפאָזיציעס. באצייכנט זיי פונויבן: ס.; אָב. אק.; אָב. ד.:

שאט, מיר פאָרן קיין אמעריקע.

די מאמע וױשט די אויגן און נעמט זיך צום בעטגעוואנט. מע דארף איבערשיטן אלע קישנס. מייַנע שוועגערן בראָכע העלפט איר איבערשיטן די קישנס. מיר האָבן דרייַ גרויסע איבערבעטן, זעקס קישנס און פיר קליינע קישעלעך, מאמזיירימלעך הייסן זיי.

שוין געקומען לייזער מיט די אָדלערס, מיט דרייַ ברענענדיקע פערד. זיי קאָנען ניט אייַנשטיין, אָדער זיי טופען מיט די פיס, אָדער זיי פאָרשקען מיט די נאָזלעכער און באשפריצן מיר דאָס פאָנעם. איך ווייס ניט, וואָס איך זאָל טון פריער, צי איך זאָל קוקן אף די פערד, צי איך זאָל העלפן טראָגן די פעקלעך מיט די קישנס? שטיי איך בא די פערד און זע, ווי מע טראָגט די פעקלעך מיט די קישנס.

אַלע הײבן אָן זיך גרייטן צום געזעגענען. אונדזער כאַווער פיניע האָט איינגאַנצן פאַרלאָרן דאָס האַלדזטיכל. לייזער טרײַבט. ער זאָגט, אַז מיר קאָנען נאָך פאַרשפּעטיקן די באַן.

איך זיץ אויבנאָן. איך זע פאַר זיך די גאַנצע וועלט, און די גאַנצע וועלט זעט מיך. לייזער נעמט זיך צו דער בײַטש. (לויט שאָלעם־אַלייכעם)

אופגאַבע 13. מאַכט דורך דאָס זעלבע, וואָס אין דער פריִערדיקער אופגאַבע:

אָפּמאַרגן גאַנצפרי, איידער דער פּאַסטעך האָט נאָך פאַרנומען די בעהיימעס, איז אונדזער ביניאָמין שוין געשטאַנען גרייט מיטן פּעקל אונטערן אָרעם. איגעווייניק איז געלעגן אַלע זאַכן, וואָס זײַנען נייטיק געווען צו דער נעסיִע... אין קעשענע האָט ער געהאַט אַ פופצנטהאַלבן גראָשן, וואָס ער האָט פאַרן אוועקגאַנג אַרויסבאַקומען בײַ זײַן ווײַב.

אַקלאַל, ער איז געווען פאַרזאָרגט מיט אַלצדינג און שוין געקאָנט זיך לאָזן אין וועג אַרײַן.

די זון איז דערווײַל אופגעגאַנגען זייער שיין און האָט אַראָפּגעקוקט מיט איר ליכטיק פּאָנעם אַף דער וועלט. איין קוק אירער האָט צוגעגעבן אַ שטיק געזונט, מעכײַע געווען איטלעכע זאַך באַזונדער. (לויט מענדעלע מויכער־ספאָרים)

§ 6. אַטריבוט

דער אַטריבוט איז אַ זאַצגליד, וואָס באַשטימט אַ סובסטאַנטיוו און ענטפערט אַף די פראַגעס „וועלכער?“, „וואָסער?“, „וועמעס?“, „וויפל?“

אַלס אַטריבוט אין זאַץ קאָן קומען:

1. אַן אַדיעקטיוו.

צומבײַשפיל: אַ ליכטיקע זון האָט אַראָפּגעשײַנט פון הימל.

2. אַ סובסטאַנטיוו אין פּאָסעסיוו.

צומבײַשפיל: שאָלעם־אַלייכעמס ווערק.

3. אַ סובסטאַנטיוו אין דאַטיוו מיט אַ פּרעפּאָזיציע.

צומבײַשפיל: די לאָטערײַ־בילעטן פון אָסאָאַוויִאַכעם.

4. פּראָנאָם.

צומבײַשפיל: דער דאָזיקער מענטש. מײַן כאַווער.

5. אַ צאָלוואָרט.

צומבײַשפיל: די זיבעצנטע פּאַרטיי־קאָנפערענץ. פינף שילער האָט מען פּרעמירט.

6. אַן אינפיניטיוו.

צומבײַשפיל: די פײַקײַט צו אָרגאַניזירן (וועלכע פײַקײַט?).

אופגאַבע 14. שרײַבט אַרויס פון ווײַטערדיקן טעקסט אַלע אַטריבוטן מיט די ווערטער, וואָס באַשטימען, דערקלערט צו וואָסער וואָרט־קלאַס געהער יעדער אַטריבוט:

בײַ יאַוודאָכעס אין דער גרויסער שטוב איז געגאַנגען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון לוטשינקער אָרעמפּויערים. מאַרקאַס געל שאַלעכל האָט זיך ערגעץ געקווייטלט אַף די פּעדערשטע בענק. פאַרשוויצטע פּענעמער האָבן זיך אויסגעטיילט און ווידער זיך

פארהילט אין וואָלקנס רויך. דאָס מאָגערע פּאָלישוקל[1] מיטן קלאָטשע־בערדל האָט זיך א שטעל געטאָן אפן טיש און מיטביידע הענט זיך אונטערגעשפּארט די זײַטן. דער אוילעם האָט זיך געאמפּערט איבער קלייניקייטן, און מארקא האָט זיך ארויסגערוקט פון יאוודאָכעס שטוב און געלאָזט זיך אין דער געדיכטער פינצטערניש פון פרי־הארבסטיקן וואלד. קאלטע ליכטיקע טראָפּנס זײַנען געווען אײַנגעזועצט אף שטאמען בא די זײַטן לאָנקע. ס'בלאָזן פון די זײַטן פארדומפּענע ווינטן. מארקא שפּאנט א פארפּאליעטע, א דערשראָקענע. (ה. אָרלאנד)

אופגאבע 15. שרײַבט אראָפּ די ווײַטערדיקע זאצן און שטעלט די אטריבוטן אין דער געהעריקער פאָרם:

שלאָפן סטעפּעס (ווילד) שלאָף
אונטער (גרויס) הערדעס שאָף.
און די (לאנג) בערג מיט שניי
פול מיט אויצרעס זײַנען זיי,
אין מאשינעס נאָר געווענדט,
אין (געטרײַ, שטארק) הענט,
ווערט פון (ווילד, פּיסט) קאנט
זײַן דאָס (רײַכסט, שענסט) לאנד.

(ל. קוויטקאָ)

אופגאבע 16. שטעלט די אטריבוטן אין געהעריקער פאָרם:

א מיטן באטאָג האָט זיך אָנגעהויבן כמארען. פון מיזרעך־זײַט הימל זײַנען גע־גאנגען אף דער זון (קליין, העל) וואָלקנדלעך, מאכנעסווײַז געגאנגען, ווי טשערע־דעס שאָף, זיך צונויפגעשלאָגן און טונקעלער געוואָרן, און ווידער זיך צעפליקט אין (ליכטיק) הויפנס וואטע. א (גרינג) ווינטל האָט געטרייסלט דעם וואלד, געבלאָזן טרוקן אף די קאנאלן און באדעקט די (ברודיק) ריטשקעלעך מיט אן אָנפלי פון (געל) סאָסנע־נאָדלען. די וואָלקנדלעך האָבן געיאָגט און אָנגעגאָסן זיך מיט שווארצקײַט. זיי זײַנען ווײַטער געגאנגען צו דער מיט הימל און געוואָרפן (לײַכט) שאָטנס אף די (גרינ־גלאנצנדיק) לאָנקעס. א שטיק כמארע האָט א שפּאר געטאָן אף דער זון און איז גלײַך אראָפּגעשווומען. מיטאמאָל איז פון א זײַט אָנגעלאָפן א קייט כמארעס ווי א טאבון (שווארץ) פערד, און אײַנגעשלונגען די זון. דאָס ווינטל האָט אופגעהערט, ס'איז טונקל געוואָרן אף די קאנאלן. טיף אין וואלד האָבן רינדער געמעקעט און זיך געריסן אהיים — צום (כוטעריש) שליאך. (ה. אָרלאנד)

אופגאבע 17. שטעלט צונויף זאצן מיט די ווײַטערדיקע ווערטער אלס אטריבוטן:

רויט, הויך, שיין, טונקל, אײַזערן, זילבערן, פרײַ, באָלשעוויסטיש, פּראָלעטאריש, דער צענטער, זעכצן, אונדזער, זײַנע, מישעס.

§ 7. אומשטאנד.

דער אומשטאנד איז א זאצגליד, וואָס דערקלערט דעם פּרעדיקאט און ווײַזט די צײַט, דאָס אָרט, דעם אופן, די סיבע, דעם צוועק פון דער טוונג.

אלס אומשטאנד אין זאץ קאָן קומען:

1 פּאָלישוק — אזוי פלעג מען אמאָל רופן א פּאָליעסער פּויער.

1. אַן אַדווערב.

צומבײַשפּיל: פאַרנאַכט וועלן מיר שפּאַצירן (צײַט).ביידע זײַנען גע־שטאַנען פונדערווײַטנס (אָרט). די טײ האָט מען געטרונקען פאַמעלעך (אופן).

2. אַ סובסטאַנטיוו אין אַקוזאַטיוו.

צומבײַשפּיל: ער אַרבעט שוין אַ יאָר (צײַט).

3. אַ סובסטאַנטיוו אין דאַטיוו מיט אַ פּרעפּאָזיציע.

צומבײַשפּיל: נאָך מיטאָג וועט זיך צונויפקומען די גאַנצע פאַבריק (צײַט). אַלע זײַנען אַרויס אויפן פּלאַץ (אָרט). ער האָט הײַנט געאַרבעט מיט ענטוזיאַזם (אופן). די קינדער האָבן אויש אָנגעהויבן צו טאַנצן פאַר פרייד (סיבה). די שילער האָבן צונויפגעזאַמלט געלט לטובת די געליטענע שפּאַנישע קינדער (צוועק).

4. אַן אינפיניטיוו.

צומבײַשפּיל: מיר גייען אין שול זיך לערנען (צוועק).

5. אַ גערונדיוו.

צומבײַשפּיל: שרײַב ניט שטייענדיק (אופן).

אויפגאַבע 18. שרײַבט אַרויס די אומשטאַנדן און שטעלט פעסט, וואָס זיי באַצייכענען (צײַט, אָרט א. ד. גל.) און צו וואָסער וואָרט־קלאַס געהערן זיי:

I. די מאַמע מײַנע האָט געלעבט אין אָרעמקייט... זי פלעג טאָג ווי נאַכט אַרבעטן... איין באָכער האָט ערגעץ זיך אוועקגעשלעפּט און איז פאַרפאַלן געוואָרן ביז אויפן הײַנטיקן טאָג. לעבן דער מאַמען איז געבליבן אַ קראַנק מיידל און איך, שלי־מאַזל. די מאַמע האָט מיך צום סוף אַרײַנגעגעבן אין אַ קלייט פון צעלניק. מײַן אַרבעט איז געווען די ערשטע צײַט אָנצוכאַפּן איטלעכן מיט אַ ליאַרעם, מיט אַ גע־שריי און שלעפּן אים אין קלייט אַרײַן. טכּלעס איז דאָס מיר געווען אַביסל פריקרע. איך האָב געהאָרעוועט, געאַרבעט איבער מײַנע קויכעס און געטאָן קאָלערליי מלאָ־כעס אין קלייט און אין שטוב. וויבאַלד עמעצער האָט זיך אַ ווײַז געטאָן פונדער־ווײַטנס, אַז איך האָב זיך געשווינד קעגן אים אַ לאָז געטאָן און געשלעפּט פאַר די פּאָלעס.

(לויט מענדעלע מוכר־ספרים)

II. אינדרויסן האָט געגאָסן אַ רעגן. דער רעגן האָט האַסטיק געפּלייצט און גערוישט. זאַוול איז דענסטמאָל געוואָרן אומעטיק. ער איז פּאַמעלעך אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. די וואַסערן זײַנען געלאָפן באַרג־אַראָפּ אין אַלע זײַטן פון דער ברייטער געפּלאָנטער־טער שטאָט. זיי זײַנען געפאַלן מיט ראַש אין אָפענע אײַזערנע ליוקן אַרײַן. זאַוול איז שוין גוט נאַס געוואָרן. דער רעגן האָט אים דורכגענעצט דורך און דורך. פאַר־טאָגלעך איז זאַוול געגאַנגען איבער די גאַסן. אונטער דער פּאָלע האָט ער געטראָגן אַ פּעקל געדרוקטע אופרופן און, פאַרבײַגייענדיק, געקלעפּט זיי אויף פּאַרקאַנעס און טויערן. ער האָט געטאָן זײַן אַרבעט געלאַסן און פּינקטלעך. אויף אַנדערע גאַסן האָבן דאָס אייגענע געטאָן אַנדערע אַרבעטער. דאָס מיידל פון דער טאַבעק־פאַבריק איז אויך געווען אין גאַס מיט אַ פּעקל אופרופן אונטערן טוך. זי איז געווען אָנגעטאָן לײַכט, און ס'האָט זי אין אָנהייב אַביסל געפּיבערט. הײַנט טשאַטעווען די ווײַסע הינט אויף די גאַסן, מאָרגן וועלן אָנקומען רויטע פּאָלקן.

(לויט גויעב לוריע)

8 §. פרעפאָזיציע.

א פרעפאָזיציע בינדט צונויפ א בייגליד מיט אנ אנדער זאצגליד פונ זאצ אונ ווייזט די באציִונג צווישנ זיי.

א פרעפאָזיציע קומט באַ אנ אָביעקט, בא אנ אטריבוט, בא אנ אומשטאנד. א סובסטאנטיוו מיט א פרעפאָזיציע קאָנ אויכ זייַנ א טייל פונ א סוביעקט אָדער פונ א פרעדיקאט.

פרעפאָזיציעס זייַנענ די ווערטער: אדאנק, אונטער, אויסער, איבער, אינ, אינ־מיטנ, אָנ, אנטקעגנ, אופ, ארומ, אָנשטאָט, בא, ביז, בייס, בעשאס, דורכ, הינטער, וועגנ, ?זינט, כוצ (אכוצ), לויט, לעבנ, לעטויוועס, לעקאָוועד, מאכמעס, מיט, מיצאד, מיקויעכ, נאָכ, ערעוו, פאר, פארבייַ, פונ, צו, צווישנ, צוליב, קיינ, קעגניבער א. אנד.

דער גרעסטער טייל פרעפאָזיציעס באצייכענענ די פארבינדונג צווישנ א טוונג אונ א זאכ אינ רוימ אונ אינ צייַט, ד. ה. זיי ווייַזנ דאָס אָרט, די צייַט פונ דער טוונג. צומבייַשפּיל: א בלויער הימל הענגט איבער דעמ פעלד (אָרט). די פארזאמלונג וועט פאָרקומענ נאָכ דער ארבעט (צייַט).

פרעפאָזיציעס האָבנ אנדערע באטייַטנ אויכ.

צומבייַשפּיל: איכ האָב פארשפּעטיקט איבער דיר (סיבע). די טווּע פונ קאָלווירט (אָנגעהעריקייַט). שנייַדנ מיט מאשינעס (אינסטרומענט).

איינע אונ די זעלבע פרעפאָזיציע באצייכנט אָפט פארשיידענע באציִונגענ.

צומבייַשפּיל: שטיינ פאר דעמ טויער (אָרט). דער העפט איז פאר אימ (צוועק). איכ בינ געקומענ פאר דיר (צייַט). דאָס מעסערל האָט ער געקויפט פאר צוויי רובל (פרייַז). העכער פאר א הויז (פארגלייַכ).

פארשיידענע פרעפאָזיציעס, ווידער, קאָנענ באצייכענענ די זעלביקע באציִונג.

צומבייַשפּיל: מייַנ ברודער ארבעט אינ א פאבריק. מייַנ ברודער ארבעט אפ א פאבריק.

אינ יִדיש שפּילנ פרעפאָזיציעס א גרעסערע ראָליע, ווי אינ רוסיש, אוקראיִניש, ווייַסרוסיש. דאָרט, ווו אינ די דאָזיקע שפּראכנ קאָנ מענ איבערגעבנ די אָדער יענע באציִונג מיט דער הילפ פונ א פלעקסיע, מוז מענ אינ יִדיש אָפט אָנקומענ צו א פרעפאָזיציע.

צומבייַשפּיל: Здание школы окружено со всех сторон садом

אפ יִדיש: די געבייַדע פונ דער שול איז ארומגערינגלט פונ אלע זייַטנ מיט א סאָד.

איינע אונ די זעלביקע רוסישע בייגפאָרמ ווערט אינ יִדיש איבערגעגעבנ דורכ פארשיידענע פרעפאָזיציעס. ווענ דער רוסישער творительный падеж ווייַזט אפ א געצייַג, מיט וועלכנ די זאכ ווערט געמאכט, ווערט ער אינ יִדיש איבערגעגעבנ דורכ דער פרעפאָזיציע „מיט".

צומבייַשפּיל: рубить топором — האקנ מיט דער האק.

אינ א פאסיווּ זאצ, ווו דער творительный падеж ווייַזט אפ א טוער, ווערט ער איבערגעגעבנ דורכ דער פרעפאָזיצע „דורכ" אָדער „פונ".

צומבייַשפּיל: Постановление принято комиссией — דער באשלוס איז אָנגענו־מענ געוואָרנ דורכ (פונ) דער קאָמיסיע.

ווענ דער סובסטאַנטיוו אינ твор. падеж איז א טייל פונ צונויפגעזעצטנ פּרע־דיקאַט, ווערט ער אינ ייִדיש איבערגעגעבנ דורכ א נאָמינאַטיוו.

צומבײַשפּיל: Михаил был рабочим — מיכאל איז געווענ אַנ אַרבעטער.

אויפגאַבע 19. שרײַבט אַרויס אַלע פּרעפּאָזיציעס מיט זייערע סובסטאַנטיוונ. דערקלערט, וועלכע פונ זיי באַטײַטנ אָרט, צײַט א. אַנד:

אינ גרוזיע, אפנ ברעג פונ טײַכ קורא, איז פאַראַנ א שטעטל גאָרי. אינ דעם דאָזיקנ שטעטל האָט געווינט די פאַמיליע פונעם שוסטער וויסאַריאָנ דזשוגאַשווילי. אינ 1879 יאָר איז בא וויסאַריאָנ דזשוגאַשווילי געבוירנ געוואָרנ א זונ יאָסיפ. דאָס איז ער געוואָרנ דער פירער פונעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט, אונ אימ רופנ מיר איצט כאַווער סטאַלינ. פונ אכצנ יאָר אָנ גיט ער אָפּ אַלע זײַנע קויכעס דעמ קאַמפּ פאַר באַפרײַענ די אַרבעטער. ער פלעג אָרגאַניזירנ די אַרבעטער אינ קרײַזלעכ, געלערנט זיי קעמפנ קעגנ קייסער, קעגנ די פריצימ אונ קאַפּיטאַליסטנ.

ניט איינ מאָל איז ער אַרײַנגעפאַלנ אינ די הענט פונ דער פּאָליציי. ער פלעג זיצנ אינ די טורמעס, מע האָט אימ פאַרשיקט קיינ סיביר. פונ דער פאַרשיקונג פלעג ער אַנטלויפנ אונ ווידער פירנ רעוואָליוציאָנערע אַרבעט. כאַווער סטאַלינ האָט שטענדיק געאַרבעט מיט לענינענ. נאָכ לענינס טויט זעצט פאַר די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איר אַרבעט אונטערנ אָנפיר פונ כ׳ סטאַלינ.

אויפגאַבע 20. שרײַבט אַרויס באַזונדער די זאַצנ מיט פּרעפּאָזיציעס בא אומשטאַנדנ (אָרט, ריכטונג, צײַט, סיבע) אונ באַזונדער זאַצנ מיט פּרעפּאָזיציעס בא אומדירעקטע אָביעקטנ:

1. איבער דעמ טיש הענגט א לאָמפּ. 2. איבער זײַנ צעטראָגנקײַט האָט ער פאַר־שפּעטיקט. 3. וואָלקנס האָבנ זיכ געטראָגנ איבער דער שטאָט. 4. איבער דעמ שטור־רעמ האָט מענ ניט געקאָנט זיכ צונויפקומענ. 5. די קויל איז דורכגעפלויגנ איבער זײַנ קאָפּ. 6. די אַרבעט איז געמאַכט געוואָרנ אינ איינ טאָג. 7. ער זיצט אינ שטוב. 8. ער גייט אינ שול. 9. ער איז געקומענ אינ דער זעלבער וואָכ. 10. די העפטנ אונ די ביכער האָט ער פאַרוויקלט אינ פּאַפּיר. 11. יאַשע גייט אַרײַנ אינ א געסל. 12. פאַרוואָס שטייסטו בא דער טיר? 13. דעמ בלײַער האָב איכ גענומענ בא יאַשענ. 14. דאָס פלייש וועגט בא דרײַ קילאָ. 15. זיי זײַנענ געשטאַנענ באַמ טויער. 16. בא מיר האָסטו געפּויעלט. 17. בא אַזעלכע טעמפּנ וועסטו הײַנט ניט באַווײַזנ צו ענדיקנ די אַרבעט. 18. דער טינטער שטייט אפנ טיש. 19. איכ וואַרט אפ א בריוו. 20. איכ מיינ אפ א קאַטאָוועס. 21. מישע גיט אפ אימ א קוק. 22. דאָס ביכל האָב איכ גענומענ אפ לייענענ. 23. ער האָט אַוועקגעלייגט די הענט אפ זײַנ אַקסל. 24. זיי שפּילנ אפ א פּיאַנינאָ.

אויפגאַבע 21. שטעלט צונויפ זאַצנ מיט די ווײַטערדיקע פּרעפּאָזיציעס, יעדע פּרעפּאָזיציע זאָל אינ פאַרשיידענע זאַצנ האָבנ פאַרשיידענע באַטײַטנ:

איבער, אינ, בא, אפ.

אויפגאַבע 22. טראַכט צו ענלעכע פּרעפּאָזיציעס אָנשטאָט די אונטערגעשטראָכענע אינ די ווײַטערדיקע זאַצנ:

1. זיי זײַנענ צופרידנ פונ דער אַרבעט. 2. ער האָט פאַר זיי געזאָרגט. 3. אַנ אָריוונ אפ קאָכנ אונ באַקנ. 4. דאָס בילד הענגט נאָר פאַר שיינקײַט וועגנ. 5. זיי

רעדנ וועגנ די נײַע מאשינעס. 6. פארגרייט הײ פאר די פערד. 7. עס הענגט א לעמפל אפ צו באלויכטנ די שטוב. 8. ער זיצט א גאנצנ טאָג באם טײַכ. 9. זיצ גלײַכ בײַסנ שרײַבנ.

אופגאבע 23. זעצט איבער די ווײַטערדיקע זאצנ פונ רוסיש אונ קוקט זיכ צו, מיט וועלכע פרעפּאָזיציעס עס ווערנ אינ ייִדיש איבערגעגעבנ פארשיידענע בייגפאָרמעס:

1. Вагоны были доверху нагружены арбузами. 2. Рабочие совхоза должны убирать хлеб. 3. Окончен весь ремонт тракторов. 4. Митя был сыном крестьянина. 5. Все домики—одного размера и одного образца. 6. Собравшиеся внимательно слушали выступления ораторов. 7. Раздалась команда вожатого, и началась работа. 8. На звуки музыки вышли жильцы дома.

אופגאבע 24. זעצט איבער די ווײַטערדיקע זאצנ אונ לייגט אכט אפנ ריכטיקנ געברויכ פונ די פרעפּאָזיציעס.

1. Дорожка была усыпана камешками. 2. Из-за ворот послышался собачий лай. 3. Писано черным по белому. 4. Стоял он около ворот. 5. Делегат избран собранием. 6. Мартынов чувствовал себя строителем новой жизни.

אופגאבע 25. שרײַבט אראָפּ פאָלגנדיקע בײַשפּילנ מיט די פאסיקע פרעפּאָזיציעס:

1. פענצטערלעכ קוקנ ארויס... צווײַגנ אונ בלעטער. 2. שטערנדלעכ האָבנ געווונקענ... די אָפענע פענצטער. 3. כאַים מאכט צו די אויגנ... מידקײַט. 4. איכ טו אימ א כאפּ... דער ווענטקע. 5. דער ראיאָנ איז רײַכ... קוילנ. 6. די שול... שאָלעמ-אליייכעמס נאָמענ איז אָפּגערעמאָנטירט געוואָרנ. 7. ער איז ניט געקומענ... שלעכטנ וועטער. 8. די מטס גיט ארויס א צײַטונג... נאָמענ „דער באָלשעוויסטישער וועג". 9. די קאָמפּארטיי קעמפט... די סאָנימ פונעמ ארבעטער-קלאס. 10. ער האָט זיכ דער ערשטער פארינטערעסירט... זייער לעבנ. 11. דער שיכט ערד איז... קאָליר ענלעכ... אש.

אופגאבע 26. שטעלט אופ זאצנ מיט די פרעפּאָזיציעס:

אויסער, אָנשטאָט, אדאנק, לעקאָוועד, לעטויוועס, פארבײַ, קעגניבער.

§ 9. סינאָנימישע קאָנסטרוקציעס מיט אונ אָנ פרעפּאָזיציעס.

אפ צו באצייכענענ א טייל פונ א גאנצס קאָנ מענ נוצנ א קאָנסטרוקציע מיט א פרעפּאָזיציע אָדער אָנ א פרעפּאָזיציע.

צומבײַשפּיל:

א. 5% פונ די שילער האָבנ זיכ נאָכ ניט אײַנגעשלאָסנ אינ סאָצגעוועט.

ב. 5% שילער האָבנ זיכ נאָכ ניט אײַנגעשלאָסנ אינ סאָצגעוועט.

אפ באצייכענענ אָנגעהעריקײַט קאָנ מענ ניצנ א קאָנסטרוקציע מיט דער פּרעפּאָזיציע „פונ" אָדער א סובסטאנטיוו אינ פּאָסעסיוו.

צומבײַשפּיל:

ב. דעמ כאווער סטאלינס רעדע.	א. די רעדע פונ כ׳ סטאלינ.

די קאָנסטרוקציע א ניצט מענ איבערהויפּט, ווענ מע וויל מער באטאָנענ דעמ, צו וועמענ דער געגנשטאנד געהער.

די קאָנסטרוקציע ב — ווענ מע וויל שטארקער באטאָנענ דעמ געגנשטאנד אליינ.

בא אנ איבערכאזערונג פונ אלציינע פּרעפּאָזיציעס איז בעסער צו ניצנ דעמ פּאָ־ סעסיוו, אויב מע וויל ניט ספּעציעל באטאָנענ דעמ, צו וועמענ דער געגנשטאנד געהער.

צומבײַשפּיל: אנ אויסצוג פונ כ׳ מאָלאָטאָווס רעדע, ניט: אנ אויסצוג פונ דער רעדע פונ כ׳ מאָלאָטאָוו.

אָנשטאָט אנ אטריבוט — א סובסטאנטיוו מיט א פּרעפּאָזיציע קאָנ קומענ אנ אדיעקטיוו.

צומבײַשפּיל:

ב. ער איז א פארשטאנדיקער מענטש.	א. ער איז א מענטש מיט פארשטאנד.

אָנשטאָט א פּרעפּאָזיציע מיט א סובסטאנטיוו אינ דאטיוו קאָנ קומענ א צונויפּואצ.

צומבײַשפּיל: דער פאָנד פארג פארזיי איז בא אונדז אינ קאָלווירט גרייט — דער פארזיי־פאָנד איז בא אונדז אינ קאָלווירט גרייט.

אָנשטאָט א סובסטאנטיוו אינ דאטיוו מיט א פּרעפּאָזיציע, וועלכע באצייכנט אנ אומשטאנד, קאָנענ קומענ:

א גערונדיוו.

צומבײַשפּיל: לייענ ניט בײַסנ ליגנ — לייענ ניט ליגנדיק (אויפנ).

אנ אדווערב מיטנ סופיקס — „ווײַז".

צומבײַשפּיל: די פּיאָנערנ האָבנ מארשירט אינ פּאָרנ. די פּיאָנערנ האָבנ מאר־ שירט פּאָרנווײַז (אויפנ).

אופגאבע 27. שטעלט צונויפ זאצנ מיט סובסטאנטיוונ, מיט אונ אָנ פּרעפּאָזיציעס נאָכ פאָלגנדיקע ווערטער:

אנ אָנהייב, א פערטל, א ברעג, א מערהײַט, א טייל, א קוואל, א מאכנע.

אופגאבע 28. בויט איבער די קאָנסטרוקציעס מיט פּרעפּאָזיציעס אפ אדיעקטיווישע קאָנסטרוקציעס אונ פארקערט. באמערקט דערבײַ, וואָסערע ענדערונגענ עס קומענ פאָר אינ אייניקע פאלנ אינעמ באטײַט:

1. בא אונדז אינ פאבריק ארבעטנ אסאכ יוגנטלעכע. 2. עס שטייענ דאָרט הײַזער פונ 10 שטאָקנ. 3. מיר שיקנ א קאָלווירטישע דעלעגאציע צו די דניעפּראָפּעטראָווסקער ארבעטער. 4. דער כאווער איז פונ שטאָט. 5. אנטקעגנ אימ איז געשטאנענ א בערדיקער מענטש. 6. די פויערימ זײַנענ געזעסנ אָנגעפּעלצטע. 7. די ארבעטער פונ אונדזער פאבריק באקומענ אינ גאָר־ קיכ פליישיקע וואַרמעסנ. 8. מע האָט געעפנט אנ אויסשטעלונג פונ די וואַנטצײַטונגענ פונ די זאוואָדנ. 9. די מילכ איז מיט וואסער. 10. די

ראָד איז פֿון אײַזן. 11. דאָס טישל איז געדעקט מיט לאַק. 12. ער איז אַלײן פֿון מאָסקווע.

אופֿגאַבע 29. אין פֿאָלגנדיקע בײַשפּילן פֿאַרבײַט די קאָנסטרוקציעס מיט פּרעפּאָזיציעס אַף צונויפֿזאַצן און פֿאַרקערט:

1. די מיטגלידער פֿונעם קאָלווירט גרייטן זיך צום פֿאַרזײ. 2. אונדזער פֿאַבריק איז אַרײַנגעטראָטן אין סאָצפֿאַרמעסטונג מיטן זאַוואָד פֿון מאַשינעס. 3. דער קלוב פֿאַר אַרבעטער שפּילט אַ גרויסע ראָליע אין אונדזער פֿאָליט־אופֿקלער־אַרבעט. 4. מע האָט געעפֿנט אַ נײַע פֿאַבריק פֿון זייגערס. 5. דער היטער פֿון וואַלד איז בײַ דער געשעעניש ניט געווען. 6. ער איז אַ מענטש מיט אַ קאָפּ. 7. די אונטערנעמערס, די אָנגעשטאָפּטע זעק מיט געלט, האָבן דערקלערט אַ לאָקאַוט. 8. די אַרבעט אין פֿעלד דאַרף גיין מיט שטאַרקערע טעמפּן.

אופֿגאַבע 30. פֿאַרבײַט די אומשטאַנדן, וואָס זײַנען אויסגעדריקט אין דאַטיוו מיט אַ פּרעפּאָזיציע, אַף אַ גערונדיוו.

1. בײַסן דורכפֿאָרן האָט ער באַמערקט די שטוב. 2. שרײַבנדיק, האָט מישע געטראַכט וועגן דער פֿאַרזאַמלונג. 3. גייענדיק, האָט דער אַלטער געלאָזט קנוילן רויך פֿון זײַן ליולקע. 4. שווימענדיק, האָט זיך פּעטיע אונטערגעטוקט. 5. דער דירעקטאָר האָט געשריבן דאָס צעטעלע בעשאַסן ריידן.

אופֿגאַבע 31. פֿאַרבײַט די אומשטאַנדן, וואָס זײַנען אויסגעדריקט אין אַ דאַטיוו מיט אַ פּרעפּאָזיציע, אַף אַן אַדווערב מיט „ווײַז“ און פֿאַרקערט.

1. די מאָדעל האָט אוראָם געמאַכט לויט טיילן. 2. די אַרבעטער האָבן מאַרשירט קאָלאָנעסווײַז. 3. די קינדער זײַנען געגאַנגען אין פּאָרן. 4. אין טעאַטער זײַנען די כעוורע געגאַנגען רינגענווײַז. 5. ער האָט געמאַכט די אַרבעט צוביסלעך.

איבערכאַזערונג.

אופֿגאַבע 32. באַשטימט די זאַצגלידער פֿון יעדן זאַץ און שטעלט פֿעסט, צו וואָסער וואָרטקלאַס יעדער זאַצגליד געהער:

I מע זוכט דעם קלאַסן־סוינע אויסער די קאָלווירטן, מע זוכט אים אין געשטאַלט פֿון אַ מענטשן מיט אַ כײַישער פֿיזיאָנאָמיע, מיט אומגעהייערע ציין, מיט אַ דיקן האַלדז, מיט אַן „אָברעז“ אין די הענט. מע זוכט אַזאַ באַלעגוף, ווי מיר קענען אים פֿון די פּלאַקאַטן. אָבער אַזוינע באַלעגופֿים זײַנען שוין לאַנג ניטאָ אַף דער אויבערפֿלאַך. די איצטיקע באַלעגופֿים און פֿידבאַלעגופֿים, די איצטיקע אַנטיסאָוועטישע עלעמענטן אין דאָרף — דאָס זײַנען מערסטנטייל מענטשן „שטילע“, „זיסינקע“, קימאַט „הייליקע“. זיי דאַרף מען ניט זוכן ווײַט פֿון קאָלווירט. זיי זיצן אין קאָלווירט גופֿע און פֿאַרנעמען דאָרט די שטעלעס פֿון שפּײַכלער־פֿאַרוואַלטערס, פֿון ווירטשאַפֿט־פֿאַרוואַלטערס, בוכפֿירער, סעקרעטאַרן א. אַז. וו.

(י. סטאַלין, „וועגן דער אַרבעט אין דאָרף“)

II. איך געדענק מיך נאָך פון דער צײַט, ווען איך האָב אין צייכנ געשפּילט און זומער־צײַט אפנ הויף פונ ליימ בולקעס געבאקנ; ווינטער בינ איך א גאַנצנ טאָג געזעסנ אינ שטוב און געוויגט א קליינ ברודערל.

זומער איז דאָס באשעפעניש געזעסנ אפנ הויף, געווארעמט זיך אפ דער זונ און געקוקט, ווי איך שפּיל אינ צייכנ.

די מאמע איז שטענדיק געווענ פארנומענ. אסאך פּארנאָסעס האָט זי געהאט. די אָרעמע מאמע איז א פּשעקופּקע [1] געווענ, לעקעך געבאקנ, אפ כאסענעס געגאנגענ, געווענ אנ אײַנקויפערנ פאר באלעבאטישע הײַזער. דער טאטע איז געווענ א שרײַבער בא רעב זײַנוועלענ אינ וואלד.

טיילמאָל האָט די מאמע אפ וועטשערע א קוליש געמאכט. דעמלט איז שוינ א גאנצער יאָנטעוו געווענ. דאָך האָט עס זעלטנ פּאסירט.

די מאמע פלעג מערסטנטייל אהיימ קומענ שפּעט, מיד; אָפּט — פארווײנט און פארביטערט. זי קלאָגט זיך, אז עס ווערנ בא די באלעבאָסטעס כויוועס פארפאלנ, אז מע הייסט איר אויסלייגנ, דערנאָך הייסט מענ איר קומענ מאָרגנ און איבערמאָרגנ. דערווײַל קויפט מענ ווידער און אז עס קומט צום כעזשבנ, געדענקט ניט די באלעבאָסטע, צי זי האָט ניט באצאָלט פאר אײערנעכטיקנ האלב־קווארטירל [2] פּוטער... מע „שטעלט עס דערווײַל אוועק״.

דערנאָך הייבט זיך איר אָנ דאכטנ, קימאט אפ זיכער, אז זי האָט דאָס האלב־קווארטירל פּוטער פארעכנט; שפּעטער וואָלט זי מויערנ דערופ געשטעלט. און אז די אָרעמע מאמע דערמאנט נאָכאמאָל וועגנ קווארטירל פּוטער, הייסט זי שוינ א גאנעווטע, מאכט זי א בילבל, וויל זי אויסנארנ א האלבנ גילדנ... זאָגט מענ איר, אז אויב זי וועט נאָכאמאָל א פּיפּס טונ וועגנ פּוטער, זאָל זי זיך מער אינ די אויגנ ניט ווײַזנ. (י. ל. פּערעצ)

10 §. גלײַכארטיקע זאצגלידער.

אינ זאצ קאָנענ עטלעכע אלציינע זאצגלידער (סוביעקטנ, פּרעדיקאטנ, אָביעקטנ א. ד. גל.) זײַנ געבונדנ מיט איינ אלגעמיינעמ זאצגליד. אשטייגער:

1. עטלעכע סוביעקטנ, געבונדנ מיט איינ פּרעדיקאט.

צומבײַשפּיל: ד י ע ר ד, ד י פ א ב ר י ק נ, ד י ז א ו ו א ָ ד נ געהערנ צו די ארבעטנדיקע.

די סכעמע פונ זאצ איז אזא:

די ערד
די פאבריקנ } ——————געהערנ
די זאוואָדנ
|
צו די ארבעטנדיקע.

2. עטלעכע פּרעדיקאטנ, געבונדנ מיט איינ סוביעקט.

צומבײַשפּיל: דער ווינט פ ײַ פ ט און ר ײַ ס ט די לאָדנס.

3. עטלעכע אָביעקטנ אינ איינ בייגפאָרמע און מיט די זעלבע פּרעפּאָזיציעס, געבונדנ מיט איינ פּרעדיקאט.

---

1 פּ ש ע ק ו פּ ק ע — אינ פּוילישנ — א מארק־זיצערקע, א קליינהענדלערנ.

2 פונ וואָרט קוואָרט — א מאָס, וואָס מע פלעג ניצנ אמאָליקע יאָרנ.

צומבײַשפּיל: 1) מיר האָבנ אײַנגעקויפֿט הענטלעכ, פּענעס, בלײַערס אונ העפֿטנ. 2) מע האָט גערעדט וועגנ דער גערעטעניש, וועגנ הײ־שניט, וועגנ רעמאָנט פֿונ די מאשינעס.

4. עטלעכע אטריבוטנ, געבונדנ מיט אײנ סובסטאנטיוו.

צומבײַשפּיל: די גאס איז באלויכטנ מיט ווײַסע, רויטע, גרינע אונ בלויע פֿײַערנ.

5. עטלעכע אלצײַנע אומשטאנדנ, געבונדנ מיט אײנ פּרעדיקאט.

צומבײַשפּיל: באטאָג אונ באנאכט רוישנ די מאָטאָרנ.

> **אלצײַנע זאצגלידער, געבונדנ מיט אײנ אלגעמײַנעמ זאצגליד, הײסנ גלײַכארטיקע זאצגלידער.**

אינ רײדנ מאכט מענ צווישנ די גלײַכארטיקע זאצגלידער פּאוזעס.

גלײַכארטיקע זאצגלידער קאָנענ צווישנ זיכ צונויפֿגעבונדנ ווערנ דורכ בינדווערטער. די בינדווערטער ווײַזנ די באציִונג צווישנ די גלײַכארטיקע זאצגלידער.

זײ קאָנענ באצײכענענ: איבערעכענונג, קעגנשטעלונג, מעגלעכקײַט פֿונ אויסוואל א. אז. וו.

1. איבערעכענונג באצײכענענ די בינדווערטער: אונ, אי־אי, סײַ־סײַ.

צומבײַשפּיל: ס'ע שטײענ טישנ אונ בענקלעכ. אינ וואלד וועט איר געפֿינענ אי שוואָמענ, אי יאגעדעס. דער שנײ האָט אָפּגעווײַסט סײַ דאָס פֿעלד, סײַ דעמ וואלד.

דאָס בינדוואָרט „אונ" קומט געוויינלעכ צווישנ די לעצטע צווײ גלײַכארטיקע זאצגלידער. „אונ" קאָנ אויכ קומענ צווישנ אלע גלײַכארטיקע זאצגלידער אפֿ צו באטאָנענ שטארקער די פֿארבינדונג.

צומבײַשפּיל: זײ טאנצנ, אונ זינגענ, אונ שפּילנ, אונ פֿרײענ זיכ.

די בינדווערטער „אי", „אונ", „סײַ" כאזערנ זיכ איבער בא יעדנ גלײַכארטיקנ זאצגליד אונ באטאָנענ שטארקער יעדנ פֿונ זײ.

2. קעגנשטעלונג באצײכענענ די בינדווערטער: נאָר, אָבער.

צומבײַשפּיל: דאָס קינד טראָגט א גרויסנ, נאָר א גרינגנ לופֿט־באלאָנ. מײַנ יונגער, אָבער דערפֿארענער כאווער האָט מיר געגעבנ אנ אײצע.

3. מעגלעכקײַט פֿונ אויסוואל באצײכענענ די בינדווערטער: אָדער, צי.

צומבײַשפּיל: גיב מיר דעמ בלײַער אָדער די פּענ. וועסט גײנ צי פֿאָרנ?

דאָס בינדוואָרט „אָדער" קאָנ קומענ צווישנ די גלײַכארטיקע זאצגלידער אָדער פֿאר יעדנ פֿונ זײ.

צומבײַשפּיל: ער קומט אָדער הײַנט, אָדער מאָרגנ.

אטריבוטנ — אדיעקטיווג, וואָס געהערנ צו אײנ סובסטאנטיוו, זײַנענ גלײַכארטיקע דאנ, ווענ זײ באצײכענענ אײגנשאפֿטנ פֿונ אײנ ארט — מאטעריאל, קאָליר, פֿארנעמ א. ד. גל.

צומבײַשפּיל: 1) אינעמ מאגאזינ פֿארקויפֿט מענ וואָלענע, זײַדענע אונ לײַוונטענע קלײדער. 2) אפֿ די בײטנ האָבנ זיכ געוויגט ווײַסע, רויטע, געלע אונ אָראנזשעווע בלומענ.

ווענ עטלעכע אטריבוטנ — אדיעקטיווג באצייכענע פארשיידנארטיקע סימאָנים פונ א געגנשטאנד, זײַנענ זיי געוויינלעכ ניט קיינ גלײַכארטיקע זאצגלידער.

צומבײַשפּיל: אינ גאס איז געשטאנענ א הויכע שטיינערנע סטאטוע.

„הויכע" באצייכנט מאָס, אונ „שטיינערנע" — מאטעריאל.

אומשטאנדנ זײַנענ גלײַכארטיקע, אויב זיי ווײַזנ אלע אָרט אָדער צײַט א. ד. גל.

צומבײַשפּיל: געלאָזט האָבנ זיכ מענטשנ איבער שטעט אונ דערפער.

דערבײַ קאָנענ אמאָל קומענ בא די אומשטאנדנ פארשיידענע פּרעפּאָזיציעס, צ.ב.: מע האָט שוינ די ווייצ ארײַנגעפירט אינ די קלוניעס אונ אפ די בוידעמער.

אָבער דאָס זײַנענ פּרעפּאָזיציעס, וואָס ווײַזנ אָרט־באציִונג.

בא עטלעכע גלײַכארטיקע זאצגלידער קאָנ זיכ איבערכאזערנ דער זעלביקער בײַגליד. דאָס דינט צו פארשטארקנ די באטאָנונג פונ די גלײַכארטיקע זאצגלידער.

צומבײַשפּיל:

א. יעדער קאָמיוגיסט, פּיאָנער, שילער דארפ באהערשנ די וויסנ־שאפט.

ב. יעדער קאָמיוגיסט, יעדער פּיאָנער, יעדער שילער דארפ בא־הערשנ די וויסנשאפט.

11 §. אָפּשטעל־צייכנס בא גלײַכארטיקע זאצגלידער.

1. גלײַכארטיקע זאצגלידער, וואָס זײַנענ ניט פארבונדנ מיט קיינ בינדווערטער, ווערנ אָפּגעטיילט איינער פונ אנדערנ מיט קאָמעס.

צומבײַשפּיל: באם עק וועלדל איז געשטאנענ א כורווע אָנ פענצטער, אָנ טירנ, אָנ א דאכ.

2. גלײַכארטיקע זאצגלידער, וואָס זײַנענ פארבונדנ מיט „אונ" ניט מער ווי צוויי מאָל, טיילנ זיכ ניט אָפּ מיט קיינ קאָמעס. ווענ „אונ" כאזערט זיכ איבער מער ווי צוויי מאָל, קומט שוינ פאר יעדנ בינדוואָרט א קאָמע.

צומבײַשפּיל: 1. די הויכע ווערבעס בייגט אונ דרייט ער אונ הייבט א כוואליע ווי א בארג 2. אונ זע די געמויערטע גרויסע פאבריקנ, ווו ארבעטער זעגנ, אונ הובליענ, אונ נייענ, אונ שמידנ, אונ פײַלנ...

3. ווענ די גלײַכארטיקע זאצגלידער זײַנענ געבונדנ מיט די בינדווערטער: „אי־אי", „סײַ־סײַ", „אָדער־אָדער", קומענ קאָמעס, אָנגעהויבנ פונעם צווייטנ בינדוואָרט.

צומבײַשפּיל: האָסט צוגענומענ אי די העפטנ, אי די פענעס, אי די בלײַערס. ער גייט אנ אָנגעפּעלצטער סײַ ווינטער, סײַ זומער. שרײַב מיר אויס אָדער „זײַ גרייט", אָדער „אָקטיאבערל".

4. ווענ די בינדווערטער „אָדער", „צי" קומענ פאָר אינ זאצ נאָר איינ מאָל, קומט פאר זיי קיינ קאָמע ניט.

צומבײַשפּיל: זײַ הײַנט אינ שול אָדער אינ קלוב. וואָס ווילסטו: עפּל צי בארנ?

5. פאר גלײַכארטיקע זאצגלידער, וואָס זײַנענ צונויפגעבונדנ מיט „נאָר" אונ „אָבער", קומט שטענדיק א קאָמע.

צומבײַשפּיל: ער האָט גוט געלייענט, אָבער שלעכט געשריבן. ניט מישע, נאָר סימע איז געווען אין טעאַטער.

6. אדיעקטיוון, וואָס באַצייכענען פאַרשיידנאַרטיקע סימאָנים, טיילן זיך ניט אָפּ מיט קיין קאָמעס, ווײַל זיי זײַנען ניט קיין גלײַכאַרטיקע זאַצגלידער.

צומבײַשפּיל: איך לייען אַן אויסלענדישע קאָמוניסטישע צײַטונג.

עס קאָן אָבער פּאָרקומען, אַז די פאַרשיידנאַרטיקע סימאָנים פון אַ געגנשטאַנד זאָלן זײַן צווישן זיך ענלעך: זיי קאָנען אַלע באַצייכענען מײַלעס אָדער כעסרוינעס פונעם געגנשטאַנד א.ד.ג. אויב אַזוינע אַטריבוטן איז פאַראַן מער פון צוויי און זיי ווערן אויסגערעדט מיט דער אינטאָנאַציע פון איבערעכענונג, קומען צווישן זיי קאָמעס.

צומבײַשפּיל: זײַנע גרויסע, בלויע, מילדע אויגן האָבן שטענדיק געשמייכלט.

7. אויב פאַר די גלײַכאַרטיקע זאַצגלידער שטייט אַ פאַראַלגעמיינערונג-וואָרט, ד. ה. אַ וואָרט, וואָס שליסט אײַן די איבערגערעכנטע זאַכן, קומט פאַר זיי אַ צוויי-פּונקט. אויב די פאַראַלגעמיינערונג שטייט נאָך די גלײַכאַרטיקע זאַצגלידער, קומט דאַן נאָך זיי אַ טירע.

צומבײַשפּיל:

א. דער פּראָלעטאַריאַט האָט נאָך אַ גאַנצע ריי אַנדערע אָרגאַניזאַציעס: פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, פאַבריק-זאַוואָדישע אָרגאַניזאַציעס, פּרעסע, יוגנט-פאַרבאַנד א. אז. וו.

ב. די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, פאַבריק-זאַוואָדישע אָרגאַניזאַציעס, פּרעסע, יוגנט-פאַרבאַנד א. אז. וו. — אַלע זײַנען זיי נייטיק דעם אַרבעטער-קלאַס אין קאַמף.

8. אַ צווייפּונקט קאָן אויך קומען פאַר אַן איבערעכענונג אָן אַ פאַראַלגעמיינערונג, אויב פאַר דער איבערעכענונג ווערט געמאַכט אַ פּויזע.

צומבײַשפּיל: דער פּראָלעטאַריאַט האָט נאָך: פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, פאַבריק-זאַוואָדישע אָרגאַניזאַציעס, פּרעסע, יוגנט-פאַרבאַנד א. אז. וו.

9. אויב די גלײַכאַרטיקע זאַצגלידער האָבן צו זיך דערקלער-ווערטער, קומען די קאָמעס נאָך יעדן זאַצגליד מיט די דערקלער-ווערטער צו אים.

צומבײַשפּיל: אױפן צוזאַמענפאָר זײַנען געקומען אַרבעטער פון גרויסע אונטערנעמונגען, קאָלווירטניקעס פון פאַרשיידענע געגנטן, אָנגעשטעלטע פון אַלערליי אַנשטאַלטן א. אז. וו.

אויפגאַבע 33. דערקלערט די אָפּשטעל-צייכנס בײַ די גלײַכאַרטיקע זאַצגלידער:

I. 1. אַן אווירע, וואָס דער גאָרטן איז ניט אַריבער צו רוען דעם עפּל-ייִד אין רעשוס אַרײַן. מיר וואָלט דאָס געווען אַסאַך מער ניכע, ווי בײַ דער מעכאַשייפע. איר האָט נאָך אַזאַ צאָרע ניט געזען. לאָז אַראָפּפאַלן אַן עפּעלע אַ ווערעמדיקס, אַן אײַנגעדאַרטס, אַן אײַנגעקנייטשטס, ווי בײַ אַן אַלטער באַבעצי דאָס פּאָנעם, וועט זי זיך ניט פוילן זיך אָנבייגן, אויפהייבן, אַרײַנלייגן אין פאַרטעך אַרײַן און אַוועקטראָגן. ווהין טראָגט זי זיי? אַפּאָנעם, אין קעלער. 2. אַלע זײַנען שוין דאָ: איך, און מײַן ברודער עליע, און מײַן שוועגערן בראָכע, און אונדזער כאַווער פּיניע, און זײַן ווײַב טײַבל, און די גאַנצע מישפּאָכע זייערע: פּיניעס טאַטע, הערש-לייב מע-

כאַניק, שנײַדער דער זייגערמאַכער, פּיניעס שוּוער און שוויגער, דער מילנער מיט דער מילנערקע. אַלע דרייען זיכ אַרום אונדז, קוקנ אַפּ אונדז, גיבנ אונדז אייצעס, מיר זאָלנ זײַנ געהיט פאַר גאַנאָווים. 3. פאַר מײַנע אויגנ פליִענ שטיבער, וויאָרסטנ, ביימער, מענטשנ, פעלדער, וועלדער — ס'איז ניט צו באַשרײַבנ! און וויאַזוי פליט די באַנ! און וויאַזוי קלאַפּנ די רעדער!

(שאָלעמ־אַליײכעמ)

II. די געשיכטע פונ דער גאַנצער ביזאַהעריקער געזעלשאַפט איז די געשיכטע פונ קלאַסנקאַמפּ.

פרײַער און שקלאַפּ, פּאַטריציִער און פּלעבייער, פּעאָדאַל און לײַבייגענער, צעכ־מײַסטער און געזעל, קורצ — דער אונטערדריקער און דער אונטערדריקטער זײַנענ געשטאַנענ אינ אַ שטענדיקנ קעגנזאַצ איינער צומ אַנדערנ, האָבנ געפירט אַנ אומופהערלעכנ קאַמפּ, אַמאָל אַ פאַרבאַהאַלטענעמ, אַמאָל אַנ אָפענעמ, אַ קאַמפּ, וואָס פלעגט זיכ יעדעס מאָל ענדיקנ מיט אַ רעוואָליוציִאָנערער איבערבויונג פונ דער גאַנצער געזעלשאַפט אָדער מיטנ געמיינזאַמענ אונטערגאַנג פונ די קעמפנדיקע קלאַסנ.

אינ די פריִערדיקע עפּאָכעס פונ דער געשיכטע געפינענ מיר אומעטומ אַ פולשטענדיקע צעגלידערונג פונ דער געזעלשאַפט אַפּ פאַרשיידענע שטאַנדנ, אַ ריי פאַרשיידנאַרטיקע שטאַפּלענ פונ די געזעלשאַפטלעכע לאַגעס. אינעמ אַלטנ רוימ האָבנ מיר פּאַטריציִער, רײַטער, פּלעבייער, שקלאַפנ; אינ מיטלאַלטער — פעאָדאַלע האַרנ, וואַסאַלנ, צעכ־מײַסטערס, געזעלנ, לײַבייגענע, און דערצו נאָכ קימאַט אינ יעדנ פונ די דאָזיקע קלאַסנ — ווידער באַזונדערע שטופּעס.

(ק. מאַרקס, „קאָמוניסטישער מאַניפעסט”)

אויפגאַבע 34. שרײַבט אַרויס די גלײַכאַרטיקע זאַצגלידער און באַשטימט, צו וואָסער וואָרט־קלאַס יעדער זאַצגליד געהער:

1. די סטאַנציע האָט געבלישטשעט מיט ווײַסע, גרינע, געלע און רויטע פײַערנ. 2. דער ווינט האָט געשניטנ אינ די אויגנ, אינ פּאָנעמ, אינ די אויערנ. 3. עס שעמערירנ די לאָזונגענ אַפּ דער רוסישער, דײַטשישער, שפּאַנישער, פראַנצויזישער, ענגלישער און כינעזישער שפּראַכ. 4. אַפּ די טריבונעס געפינענ זיכ סטאַכאַנאָווצעס, אַרטיסטנ, שרײַבער, קינסטלער, מוזיקער, געלערנטע. 5. אַפּ דער בויונג האָט מענ געקלאַפּט, געהאַקט, געזעגט, געטעסעט, געטראָגנ ליימ, זאַמד, קלעצער, ציגל. 6. דאָס יונגוואַרג האָט געלאַכט, גערעדט, געטומלט.

אויפגאַבע 35. שרײַבט אַראָפּ און שטעלט אַרײַנ די געהעריקע אָפּשטעל־צייכנס. שטרײַכט אונטער די פאַראַלגעמיינערונגענ:

I. 1. פונ אײַכ פאָדערט זיכ בלויז איינס אַרבעטנ ערלעכ טיילנ די קאָלווירטישע האַכנאָסעס לויט דער אַרבעט אָפּהיטנ דאָס קאָלווירטישע גוטס אָפּהיטנ די טראַקטערס און די מאַשינענ גוט אַרומגיינ אַרומ די פערד אויספילנ די פאַרגעבונגענ פונ אײַער אַרבעטער־פויערשער מעלוכע פאַרפעסטיקנ די קאָלווירטנ און אַרויסשלײַדערנ פונ די קאָלווירטנ די באַלעגופים און די פידבאַלעגופים, וואָס האָבנ זיכ אַהינ פאַרקליבנ. 2. עס זײַנענ געשאַפנ געוואָרנ נײַע פּראָדוציר־צווײַגנ ווערקשטעל־בויונג אויטאָ־

מאָביל־אינדוסטריע טראקטער־אינדוסטריע כעמישע אינדוסטריע מאָטאָר־בויונג עראָ־פלאנ־בויונג קאָמבײַנ־בויונג די פראָדוקציע פונ מעכטיקע טורבינעס אונ גענע־ראטערס אונ אזוי ווײַטער אונ דאָס גלײַכנ. 3. עס זײַנענ געשאפנ געוואָרנ אינ־דוסטריעלע נעסטנ אינ די נאציאָנאלע רעפובליקנ אונ אינ די ראנד־געגנטנ פונ פססר אינ ווײַסרוסלאנד אינ אוקראינע אינ צאָפנקאווקאז אונ טראנסקאווקאז אינ מיטל־אזיע אינ קאזאכסטאנ אינ בוריאטאָ־מאָנגאָליע אינ טאטאריע אינ באשקיריע אפנ אוראל אינ מיזרעכ־ אונ מײַרעוו־סיביר אפנ ווײַטנ ׳מיזרעכ א. אז. וו. 4. עס זײַ־נענ פארשווונדנ די אלטע מעיוכאָסים דער באלעגופ — דער עקספלואטאטער דער פראָצענטניק — דער בלוטזויגער דער סויכער — דער ספעקוליאנט דער גאלעכ דער אוריאדניק. איצט זײַנענ די כאָשעווע לײַט די טוער פונ די קאָלווירטנ אונ פונ די ראטווירטנ פונ די שולנ אונ קלובנ די עלטסטע טראקטעריסטנ אונ קאָמבײַנערנ די פעלדצוכט־בריגאדירנ אונ פיצוכט־בריגאדירנ די בעסטע שלאָגלער אונ שלאָגלערנס פונ די קאָלווירטישע פעלדער.

(י. סטאלינ)

II. 1. יאשע מישע מײַע כאנע קימ זיי אלע זײַנענ מיטגלידער פונ אונדזער דראמקרײַז. 2. דעקאבער יאנוואר פעווראל אָט די כאדאָשימ האָבנ מיר זייער אָנ־געשטרענגט געארבעט. 3. די דילנ די פענצטער דאָס מעבל די ווענט אלצ האָט שעמעררט מיט ריינקײַט. 4. דער בריגאדיר דער מײַסטער דער נאטשאלניק פונ צעכ אלע אָנפירנדיקע כאוויירימ דארפנ גוט אָרגאניזירנ די גאנצע ארבעט.

אופגאבע 36. שרײַבט אראָפ, שטרײַכט אונטער די גלײַכארטיקע אטריבוטנ־אדיעקטיוונ אונ שטעלט ארײַנ, ווו מ׳דארפ, קאָמעס:

I. אפ לוטשינקער בלאָטעס האָבנ זיכ ערשט צעפיקעט די קראָנ־קריגעלעכ [1]; ווײַסע ציטערדיקע איידעלע קײַלעכלעכ האָבנ ארויסגעקוקט פונ צעעפנטנ גרינעמ געבלעטער, ווי לײַנענע פאָליעסישע קינדער וואָלטנ אהינצו ארײַנגעלייגט זשמעניעס ריינעמ ליכטיקנ ווײַסנ שניי.

טאָג ווי נאכט איז געגאנגענ אזוי דאָס וואסער צו די גרינ־פארשימלטע דעמבענע לעזשענעס אונ געטריבנ די געליימטע הילצערנע מילראָד.

פאראיאָרנ האָט א פארטיע אינזשעניערנ אינ הויכע גומענע שטיוול געמאָסטנ די ארומיקע בלאָטעס. קורצע שארפע מוגטערע ארבעט־רופנ האָבנ זיכ געטראָגנ פונ דער הרעבליע צומ וואסער, צו די בלאָטעס.

(אָרלאנד)

II. 1. די ביבליאָטעק האָט באקומענ פרישע יידישע רוסישע אוקראינישע דײַטשישע צייטונגענ. 2. מײַנ כאווער איז אוועקגעפאָרנ אינ דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט. 3. די בלויע גרינע רויטע ווײַסע מײַקעס פונ די פיזקולטורניקעס פארנעמענ אזש דאָס אויג. 4. פונ אנ אנאלפאבעטיש אומקולטורעל לאנד ווערט פססר א שריפטקענעוודיק א קולטורעל לאנד. עס ווערט באדעקט מיט א ריזיקער נעצ הויכע מיטלע אונ אָנפאנגלעכע שולנ.

---

[1] וואסער־קווייטנ.

אופגאבע 37. שטעלט צונויפ עטלעכע זאצנ מיט גלײַכארטיקע זאצגלידער אונ כאזוערט איבער באַזיי אײנע אונ די זעלבע פונ די ווײַטער געבראכטע פראָנאָמענ אָדער אדיעקטיוונ צוליב שטארקער באַטאָנענ די זאצגלידער:

זאצגלידער: 1. פארטייער, קאָמיוגיסטנ, פיאָנערנ. 2. ארבעטער, קאָלווירטניקעס, רויטארמייער. 3. פיאָנער, שילער. 4. זאוואָד, פאבריק, קאָלווירט, אנשטאלט. 5. שטאָט, שטעטל, דאָרפ.

פראָנאָמענ: אונדזער, דער, יעדער, איטלעכער, קײנ.

אדיעקטיוונ: געטרײַער, סאָוועטישער, איבערגעגעבענער.

אופגאבע 38. שרײַבט אראָפ אונ שטעלט ארײַנ פאר אָדער נאָכ די גלײַכארטיקע זאצגלידער די פאסיקע פאראלגעמײנערונג:

1. איר געפינט דאָרטנ עפל, אונ בארנ, אונ פלוימענ, אונ ווײַנשל, אונ פערשקעס, אונ שפאנקעס, אונ מארעלנ, אונ מאלענעס, אונ אָזשעניצעס, אונ שאָלקאָוויצעס. 2. מיר דארפנ האָבנ לאָקאָמאָטיוונ, דאמפשיפנ, הייבקראנענ, קאָנווייערס, עלעקטרישע וועגעלעכ, עלעוואטערס אפ צו פירנ אונ אופהייבנ פראכט. מיר דארפנ קוילנגרעבערס, ארצגרעבערס, טרעגערס, אָנלאָדערס, פורמאנעס, בויערס, וועבערס, כעמיקער, שוסטערס, מילנערס, אייזמאכערס. א.א.וו. 3. אפ קוזניעצקבוי זײַנענ זיכ צונויפגעפאָרנ אונ צונויפגעגאנגענ רוסנ, אוקראַינער, קאזאקנ, טאָטערנ, ווײַסרוסנ, אמעריקאנער, דײַטשנ, בוריאטנ, ענגלענדער, עסטאָנער, גריכנ, לעטנ, גרוזינער, ייִדנ, ארמענער, איטאליענער, ציגײַנער, כינעזער. 4. פונ אלע עקנ רוסלאנד זײַנענ זיי זיכ צונויפגעפאָרנ קײנ מינסק, זיכ פאָרמירט אינ רויטע ראָטעס. אפ קעפ האָבנ זיי געטראָגנ קאשקעטנ, אכטשפיציקע קעפיס, הויכע שעפסענע פאפאכעס.

אפ די פיס: צעריסענע שטיוול, לאקירטע צעפאלענע טופליעס, געלע שיכ מיט הויכע נעזער.

אפ די פלייצעס: גראָע שינעלנ, וואטאָווענע קורטקעס, זומערדיקע אײנבאָרטנע מאַרינארקעס מיט אופגעשטעלטע קאָלנערס.

די ביקסנ האָבנ זיי געטראָגנ אפ די פלייצעס, אונטער די פאכוועס, אינ די הענט.

איבערכאזערונג.

אופגאבע 39. שרײַבט אראָפ אונ שטעלט ארײַנ די געהעריקע אָפשטעל־צייכנס:

1. די בריגאדעס זײַנענ געשטאנענ אינ די סטאניצעס [1] ס'האָט פלוצעמ זיכ פארשפרייט די שרעקלעכע יעדיע דער שטאב די פאָליט־אָפטיילונג די קאָמאנדירונג פונ דער דיוויזיע אלצ איז צעשמעטערט, די פארבינדונג איז צעשמעטערט, דער אָפטייל פונ אויסשטאטונג איז שוינ ניטאָ. ס'איז ניטאָ אונ ס'וועט ניט זײַנ קײנ סנאריאדנ קײנ פאטראָנעס קײנ אָנטאָנ קײנ שוכווארג קײנ ברויט... אינ אזא לאגע געפינענ זיכ איז שרעקלעכ! די רויטארמייער זײַנענ פארמאטערט פונ די שלאכטנ אויסגעצערט פונ הונגער. אָפגעשניטענע ארומגערינגלטע פונ קאזאקנ אָנ אנ אָנפירונג—וואָס וועלנ זיי טונ?

---

1 סטאניצע — א דאָרפ אינ קובאנ.

די רויטע פאָלקנ האָבנ זיכ גערוקט איבער די רויִנירטע און פארוויסטע ערטער, אַלצ מער זיכ געניייטיקט אינ ברויט אינ וואסער אינ פאטראָנעס אינ סנאריאדנ אינ פורלעכ און אינ פערד...

טשאפײַעוו האָט זיכ זעלטנ גוט פאנאנדערגעקליבנ אינ סטעפּ און האָט שטענדיק פינקטלעכ באשטימט, ווו ס'געפינענ זיכ די סטאניצעס די כוטערס די וועגנ און די סטעזשקעס.

ער איז אָפּגעפאָרנ א וויאָרסט אָנדערהאלבנ אָפּגעשטעלט זײַנ כעווריע. די יאטנ האָבנ ארויסגענומענ די ווײַסגווארדייִשע מאלבושים פאָגאָנעס קאָקארדעס קנעפלעכ סטענגעס. אינ פינפ מינוט ארום איז דעמ אָטריאד געווענ ניט צו דערקענענ.

(לויט פורמאנאָוונ)

II. די קרעטשמע איז געווענ באלאגערט אינדרויסנ מיט פורלעכ מיט וועגעלעכ אלערליי. הינטער א וואָגנ, אָנגעלייגט מיט נײַע לאָפּעטעס מיט נײַע ליימענע טעפּ און מאקרעטעס, שטייט צוגעבונדנ א רויט־געפלעקטע קו. א פאָר גרויע ברייטביי־ניקע פײַנע אָקסנ שטייענ געשפאנט אינ דעמ יאָכ מאכנ אזוי ערנסט מיט דעמ מויל און מאלעגייִרענ געשמאק. דעמ ארענדארס ציג שטייט דערווײַלע אפנ וואָגנ שטעקט הינטערווײַלעכס ארײַנ דעמ קאָפּ אינ א זעקעלע דאָרט נעמט באלד אימ ארויס מיט א פול מויל פּירקעט דרייט דאָס עקל קײַט מאכט מיט די באקנ טרייסלט דאָס בערדל גיכ געשווינד.

מיט גרויס מי שלאָג איכ זיכ דורכ און לאָז זיכ ארײַנגײַנ אינ קרעטשמע. נאָכ אפ דער שוועל טוט מיר א זעצ א שארפער ביטערער שטיקנדיקער רייעכ פונ בראָנפנ מאכאָרקע און מענטשנ־שוויס. עס הייבנ אָנ ארויסצושווימענ פונ טונקעלנ נעפּל קעסיידער געז בערד בערדלעכ טשופּרינעס גאנצע פּענעמער און צורעס פונ מאנצבלענ און פרויענ. גאָר צולעצט שווימט ארויס אינ דעמ געשטאלט פונ א ייִדענע א רירעוודיקע א זשוואווע דעמ שענקערס ווײַב נעבנ פעסלעכ פלעשער קעליי־שעקלעכ גלעזלעכ קרענצלעכ בייגל געקאָכטע אייער דארע פּישלעכ און שטיקלעכ פארהארטעוועטע לעבער.

(לויט מ. מ.־ס.)

12 §. פאראלעליזמ.

א סובסטאנטיוו, וועלכער שטימט מיט אינ דער בייגפאָרמע מיט א פריִערדיקנ סובסטאנטיוו און וואָס באצייכנט צוזאמענ מיטנ ערשטנ איינ געגנשטאנד, ווערט אָנגערופנ פ א ר א ל ע ל י ז מ.

צומבײַשפּיל: אײַזיק דער שמיד ארבעט גוט. דער סובסטאנטיוו „דער שמיד" שטימט מיט מיטנ סובסטאנטיוו „אײַזיק" אינ דער בייגפאָרמע און באצייכנט צוזאמענ מיט אימ איינ מענטשנ.

דער פאראלעליזמ בילדעט צוזאמענ מיטנ פריִערדיקנ סובסטאנטיוו איינ זאצ־גליד.

צומבײַשפּיל: די שטאָט אָדעס ליגט פאר אונדזערע אויגנ. די סובסטאנטיוונ „די שטאָט אָדעס" זײַנענ ביידע אינ נאָמינאטיוו און זײַנענ אינעמ זאצ דער סובייעקט.

מיר זעען פאר זיך די שטאָט אָדעס. די סובסטאַנטיוון „די שטאָט אָדעס״ זייַנען ביידע אין אקוזאטיוו און זייַנען אינעם זאַץ דער דירעקטער אָביעקט.

פאראלעליזמען זייַנען:

1. א נאָמען און פאמיליע. צומבייַשפּיל: וולאדימיר לענין.

2. א סובסטאנטיוו א קלאַלנאָמען און אַן אייגננאָמען בא אים.

צומבייַשפּיל: דער טייַך וואָלגע, דער לערער רויטמאַן, בערע דער שוסטער, די צייַטונג „דער עמעס״, דער אייַזנבאַנער „קראַסין״, דער סטאַראָסטע פון אונדזער קורס פיליפּאָוו.

3. א סובסטאנטיוו צוזאמען מיט א צווייטן סובסטאנטיוו, וואָס ווייַזט זייַנעם א סימען.

צומבייַשפּיל: דער ארבעטער דער שלאָגלער. א כאַווער א סטודענט.

4. א פאראלעליזם איז אויך א סובסטאנטיוו, וואָס קומט נאָך א סובסטאנטיוו, וועלכער באצייכנט א צאָל, וואָג אָדער פארנעם פונעם געגנשטאנד און וואָס שטימט אין בייגפאָרמע מיטן פריערדיקן סובסטאנטיוו.

צומבייַשפּיל: א טוץ פענעס, א קילאָ צוקער, א טעלער סופּ, א קלאַס שילער.

באמערקונג: אויב דער פאראלעליזם, א סובסטאנטיוו אין איינצאָל, האָט בא זיך ניט קיין ארטיקל, קאָן צווישן אים און פאָריקן סובסטאנטיוו קומען א בינדצייכן. צומבייַשפּיל: דער קאָמיוגיסט-סטאכאנאָוועץ.

§ 13. בייגונג אין פאראלעליזמען.

אייגננעמען פאראלעליזמען באקומען ניט שטענדיק די געהעריקע פלעקסיעס בא דער בייגונג.

צומבייַשפּיל: איך רוף וועלוולען.

אָבער: איך רוף דעם כאַווער וועלוול (ניט וועלוולען).

מיר באקענען זיך מיט בערגעלסאָנען. אָבער: מיר באקענען זיך מיטן שרייַבער בערגעלסאָן.

אויב דער פאראלעליזם איז אין פּאָסעסיוו, באקומט די פלעקסיע בלויז דער לעצטער סובסטאנטיוו.

צומבייַשפּיל: מיר באהאנדלען דעם דיכטער ווינטשעווסקיס ווערק. מיר לערנען אָשער שווארצמאַנס א ליד.

אויפגאבע 40. שרייַבט אראָפּ, שטרייַכט אונטער די פאראלעליזמען, באצייכנט, וואָסערע זאצגלידער זייַנען זיי:

1. אונדזער פירער לענין איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט סימבירסק. 2. דער גאנצער ראטנפארבאנד האָט פייַערלעך באגעגנט די העלדן די טשעליוסקינצעס. 3. אין אונדזער גאראַזש ארבעטן עטלעכע שאָפערן פרויען. 4. מיר באקומען די צייַטונג „דער שטערן״. 5. א רעדל מענטשן האָט ארומגערינגלט דעם גאַסט. 6. עס וואַקסט דער צענטער פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט בירעבידזשאַן. 7. דער געהילף-בריגאדיר זיפּמאן צייכנט זיך אויס מיט איר שלאָגלערישער ארבעט. 8. די גאָרקיך האָט באקומען א וואַגאָן מעל און א וואַגאָן קארטאָפל. 9. דער דאָקטער שפּילבערג האָט געלייענט א לעקציע. 10. אפן אינדזל צײלאָן וואַקסט טיי.

אופגאבע 41. שרײַבט אראָפּ, שטרײַכט אונטער די פּאראלעליזמען, באצייכנט, וואָסערע זאצגלידער זײַנען זיי, אין וואָסער בייגפאָרמע שטייען זיי:

וואָלאָדיע פּאוולאָוו איז דאנ געווענ א שילער פונעמ זעקסטנ קלאס. ער האָט קאָנסטרוירט אנ אווטאָמאָביל, וואָס ווערט געבראכט אינ באַוועגונג מיט דער הילפ פונ עלעקטרע. קעדיי צו רעאליזירנ זײַנ פּראָיעקט, האָט דער שילער דער קאָנסטרוקטער זיכ גענייטיקט אינ הילפ. האָט ער זיכ געווענדעט מיט א בריוו וועגנ דעמ צומ פאָלקסקאָמיסאר פונ דער שווערער אינדוסטריע כאווער אָרדזשאָניקידזע. דער שעפ פונ דער שול דער מעטאל־זאוואָד האָט באקומענ פונעמ פאָלקסקאָמיסאר א פאָרשלאג קומענ צוהילפ וואָלאָדיען. דער דירעקטער פונ מעטאל־זאוואָד כאווער באָריסאָוו האָט איבערגעגעבנ אינ וואָלאָדיע פּאוולאָווס רעשוס א מאָטאָר.

וואָלאָדיע פּאוולאָוו צוזאמענ מיט זײַנע כאווײרימ טקאטש, קאליטש א. א. זעצנ פאָר די קאָנסטרוקטערישע ארבעטנ.

אופגאבע 42. טראכט צו זאצנ מיט די ווײַטערדיקע פּאראלעליזמענ: א יאמ קעפּ, דער טײַכ דניעפּער, די שיפ „קאָטאָווסקי", א שטאָט מענטשנ, א כוידעש ארבעט, א דאָר קעמפער, א סעריע בילדער, אנ עשעלאָנ איבערוואנדערער.

אופגאבע 43. ביילדעט אויס פּאראלעליזמענ מיט די ווײַטערדיקע ווערטער, צוגעבנדיק צו זיי אייגננעמענ, טראכט צו זאצנ מיט די דאָזיקע פּאראלעליזמענ.

1) דער פאָרזיצער פונ צאק, 2) דער אָנפירער פונ די טשעליוסקינצעס, 3) דער פירער פונ די דײַטשישע קאָמוניסטנ, 4) דער אווטער פונ „ליאמ אונ פעטריק", 5) דער רוסישער שרײַבער, 6) דער פאָרזיצער פונ דער פארזאמלונג.

אופגאבע 44. שטעלט די פּאראלעליזמענ אינ דער געהעריקער פאָרמ:

אונטער די קלאנגענ פונ (דער אגענט זובאָק) הארמאָשקע האָט (די ראָמערנ מארפושע) געטאנצט אָנ אָטעמ. צומ טאקט דער הארמאָשקע האָט געקלונגענ (ניקאָליי אנדרייעוו) קלאפּנ מיט די אָפּצאסנ פונ די לאקירטע שטיוול. נאָכ דעמ דריטנ מאנצבל — (דער קליינוואוקסיקער מאטראָס איגומענקאָ) — האָט די לוסטיקע שפּיל ניט פארכאפּט. פלוצעמ זײַנענ (מארפושע די ראָמערנ) אויגנ פארגליווערט געוואָרנ, די הארמאָשקע איז הענגענ געבליבנ בא (זובאָק דער אגענט) אפ דער האנט. בא (אנדרייעוו דער אויספאָרשער) האָבנ די אויגנ געפרעגט:

— וואָס איז שוינ ווידער?

פונ דער וואנט האָט זיכ געהערט (דער נאטשאלניק פיליפּאָוו) דערמאנונג. בא (איגומענקאָ דער מאטראָס) האָט דאָס פּאָנעמ זיכ אויסגעדרייט צו דער וואנט.

(לויט בערגעלסאָנענ)

§ 14. אָפּזונדערונג.

צוליב ווענדנ א באזונדערע אויפמערקזאמקײַט אפ א וואָרט אָדער א גרופּע ווערטער פונעמ זאצ, טיילט זיי דער ריידער אויס מיט דער הילפ פונ אינטאָנאציע. צווישנ די אָפּגעזונדערטע ווערטער אונ דעמ איבעריקנ טייל זאצ קומט א פּאוזע. די אָפּגעזונדערטע ווערטער ווערנ אָפּגעטיילט מיט קאָמעס.

געווײנלעכ ווערנ אינ זאצ אָפגעזונדערט אזוינע ווערטער־גרופּעס:

1) א פאראלעליזם, וואָס דערקלערט א פראָנאָם.

צומ בײַשפּיל: זיי, די שילער, האָבנ זיכ צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס.

2) א פאראלעליזם, וואָס ווערט פארבונדנ מיטנ פאָריקנ סובסטאנטיוו דורכ די ווערטער: צומבײַשפּיל, אשטייגער.

צומבײַשפּיל: שטאָפנ, אשטייגער וואסער, קאָנענ עקזיסטירנ אינ פארשיידענע צושטאנדנ.

3) א פאראלעליזם, וואָס האָט צו זיכ דערקלער־ווערטער.

צומבײַשפּיל: ראסקינענ, דעמ רעדאקטער פונ דער פילטיראזשקע, קענענ גוט אלע ארבעטער.

באמערקונג: די קאָמעס בא אָפגעזונדערטע פאראלעליזמענ ווערנ צומאָל פאר־ביטנ אפ טירעענ.

צומבײַשפּיל: באָרעכ שוכמאנ — קאָמיוגיסט־סטאכאנאָוועצ פונעמ זעקסטנ לעדער־זאוואָד.

4) ס'ווערנ אָפגעזונדערט אינ זאצ ווערטער, וועלכע דערגאנצנ אונ פארפינקטלעכנ דעמ אינהאלט פונ אנ אומשטאנד.

צומבײַשפּיל: דאָרט, אינ שטילנ טאָל, האָט געמורמלט א קליינ טײַכל.
אינ לאָנדאָנ, אינ די ארבעטער־קווארטאלנ, הענגענ הײַנט רויטע פאָנענ.
ס'איז געווענ שטיל דאנ, אינ טיפער האלבנאכט.

5) ווערטער, וואָס דערגאנצנ אָדער פארפינקטלעכנ א פרידיקנ זאצגליד, אויב זיי ווערנ פארבונדנ צווישנ זיכ דורכ די ווערטער: כוץ, אפילע, באזונדערס, ביפראט, דערינ, מיטנ אויסנאמ פונ...

צומבײַשפּיל: אלע לענדער, כוצנ ראטנפארבאנד, ווערנ צעטרייסלט פונעמ קריזיס.
יעדער איינציקער פונ אונדז, ביפראט דו, דארפ דאָס פארגעדענקענ.
אלע קאָלווירטניקעס, אפילע די גאָר אלטיטשקע, זײַנענ הײַנט אינ פעלד.

אופגאבע 45. שרײַבט אראָפ, געפינט די אָפגעזונדערטע ווערטער אונ שטעלט אָפשטעל־צייכנס.

1. די שטאָט דער ריזיקער ניו־יאָרק האָט אופגעוואכט. 2. דער הונט קאשטאנ דער געטרײַער היטער פונ אונדזער גאָרטנ איז פארשווונדנ געוואָרנ. 3. פלוצעמ טוט אימ א כאפ טרעזאָר א געזונטער דאָרפ־הונט אונ ברעכט אימ א ביינ. 4. אנדריי בערקוטאָוו א ריזיק הויכער פויער האָט פאמעלעכ ארומגעשפאנט. עפּעס האָס אימ פארטשעפּעט בערקוטאָוונ. 5. דער דאָקטער א בלייכער מענטש מיט א שווארצ שפּי־ציק בערדל גייט דורכ די פאלאטע. 6. טעקלע די מוטער זײַנע הייצט אונטער. 7. וועגנ עפּעס האָבנ זיי זיכ די גאנצע צײַט געסוידעט רעב געדאליע מיטנ געשוועסטערקינד דעמ קאסיר.

אופגאבע 46. שרײַבט אראָפ, שטרײַכט אונטער די אָפגעזונדערטע ווערטער, שטעלט די נייטיקע אָפשטעל־צייכנס:

1. קעגניבער פונ צווייטנ הויז קומט ארויס א ייִנגל. 2. אפילע איצט אינ אָט דער שטורעמדיקער ווינטערנאכט האָט די איינזאמקײַט אימ ניט געשראָקנ. 3. שטיל, אפ די שפּיצ פינגער גייט לייע ארײַנ אינ שטוב. 4. די ערשטע אומלעגאלע פאר־

זאַמלונג איז געווען אין וואַלד ווײַט הינטער דער שטאָט. 5. און שפּעטער נאָך אַ לאַנגן איבעררײַס האָב איך אים ווידער באַגעגנט. 6. דערציילונגען וועגן רײַזעס אַשטייגער זשול ווערנס ווערק לייענען די שילער מיט אינטערעס. 7. אַלע אַרבעטער באַזונדערס די יונגע פֿאַרנעמען זיך גערן מיט פֿיזקולטור. 8. דער שעף פֿונעם צעך אַ דערפֿאַרענער טוער איז אַרײַנגעדרונגען אין יעדער קלייניקייט. 9. עס בלישטשען מיט פֿרייד די אויגן פֿון די קינדער פֿון די יונגע בירגער פֿון אונדזער לאַנד.

אויפֿגאַבע 47. פֿירט אַרײַן די אונטערגעשטראָכענע ווערטער אַלס אָפּגעזונדערטע אין די געהעריקע זאַצן און שטעלט די נייטיקע אָפּשטעלצייכנס.

1. אים וועלן מיר קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן. 2. אונדזערע יאַטן האָבן ליב אַלערליי ספּאָרט־פֿאַרווײַלונגען. 3. נאָך גאָר ניט לאַנג איז ער געווען בײַ אונדז. 4. אין דער עקסקורסיע האָבן זיך באַטייליקט אַלע שילער. 5. די פֿאַרזאַמלונג וועט פֿאָרקר־מען דאָ. 6. אינדערפֿרי האָט זיך אָנגעהויבן דער פּאַראַד. 7. די אויסשטעלונג שפּיגלט אָפּ דעם וווּקס אין אַלע געביטן פֿון דער קולטור־אַרבעט. 7. בײַ אונדז אינטערעסירן זיך מיט שאָך אַלע מיטגלידער פֿון דער פֿאַמיליע. 9. איצט איז דער קאַפּיטאַן געווען פֿעסט און אַנטשלאָסן. 10. דיך האָט מען אויך אײַנגעלאַדן.

1. דעם געטרײַסטן פֿרײַנט. 2. דערהויפּט פֿוטבאָל. 3. צוריק מיט עטלעכע טעג. 4. כּוץ צוויי קראַנקע. 5. אין דעם גרויסן זאַל. 6. פּונקט 8 אַזייגער. 7. דערין אויך אינעם געביט פֿון טעאַטער. 8. באַזונדערס דער עלטערער ברודער מײַנער. 9. בײַסן שטאַרקן שטורעם. 10 יאַשע.

§ 15. דער אומפֿולער זאַץ.

אין אונדזערע רייד ניצן מיר אָפֿט זאַצן, אין וועלכע ס׳איז דורכגעלאָזט דער סובייעקט, דער פּרעדיקאַט אָדער אַ בײַגליד. דערבײַ קאָן מען פֿעסטשטעלן, וואָס עס איז דורכגעלאָזט.

צומבײַשפּיל:

— ווער איז הײַנט דעזשורנע?

— איך.

אין צווייטן זאַץ איז דורכגעלאָזט דער פּרעדיקאַט (בין דעזשורנע.)

א זאַץ, אין וועלכן ס׳איז דורכגעלאָזט אַ זאַצגליד, הייסט **אומפֿולער**.

אומפֿולע זאַצן ניצן מיר געוויינלעך אין אַזעלכע פֿאַלן:

1. ווען פֿון די פֿריערדיקע רייד איז קלאָר, וואָס דער ריידער מיינט, ווײַל ס׳איז שוין איינמאָל דערמאָנט געוואָרן וועגן דעם.

צומבײַשפּיל: אַסאַך כעוורע האָבן געקויפֿט נײַע ביכלעך, אַ טייל אָבער ניצן אויס די אַלטע.

אין צווייטן זאַץ איז פֿאַרפֿעלט דער אָביעקט (ביכלעך). מע פֿאַרשטייט אָבער, וואָס מע מיינט, ווײַל אין ערשטן זאַץ איז ביכלעך שוין דערמאָנט געוואָרן.

אָפט קומט דאָס פאָר אינ אַנ ענטפער אַפ א פראַגע. פונ דער פראַגע איז פאַר־שטענדלעכ, וואָס אינ ענטפער־זאַצ וואָלט געדאַרפט זײַנ.

צומבײַשפּיל:

— וואָס האָסטו געטאָנ א גאַנצנ טאָג?

— ג ע ל ײ ע נ ט, ג ע ש ר י ב נ.

אינ צווייטנ זאַצ איז פאַרפעלט דער סוביעקט, דער פערזאָניקער ווערב און א צײַט־אומשטאַנד (איכ האָב א גאַנצנ טאָג).

— ווער איז אַרויסגעטראָטנ אַפ דער פאַרזאַמלונג?

— א ס א כ כ א ו ו ײ ר י מ.

אינ צווייטנ זאַצ איז פאַרפעלט דער פרעדיקאַט און אַנ אָרט־אומשטאַנד (זײַנענ אַרויסגעטראָטנ אַפ דער פאַרזאַמלונג).

— דו גייסט פונ קלוב צי פונ שול?

— פ ו נ ש ו ל.

דער צווייטער זאַצ באַשטייט נאָר פונ א בײַגליד, עס פעלט דער סוביעקט (איכ) און דער פרעדיקאַט (גיי).

2. אַזעלכע זאַצנ נוצט מענ אויכ, ווענ מיר פאַרשטייענ, וואָס פאַר א זאַצגליד עס דאַרפ זײַנ, כאָטש דער פאַרפעלטער זאַצגליד איז פריִער ניט דערמאָנט געוואָרנ.

צומבײַשפּיל: דעמ ערשטער מײַ — אַלע אַפ דער דעמאָנסטראַציע.

דאָ איז פאַרשפּאָרט דער פרעדיקאַט (זאָלנ גייִנ, דאַרפנ קומענ).

אינ ריידנ הערנ מיר דאָ אָנשטאָט דעמ פרעדיקאַט א פּאַוזע. באַמ שרײַבנ באַ־צייכענענ מיר אָט די פּאַוזע מיט א טירע.

אַזעלכע זאַצנ נוצט מענ אָפט אינ לאָזונגענ, אינ צײַטונג־קעפּלעכ.

א הייסנ גרוס דער העלדישער רויטער אַרמיי! — פאַרפעלט: שיקנ מיר. פאַר א געזונטנ דאָר — פאַרפעלט: לאָמיר קעמפנ.

3. אַזעלכע זאַצנ ניצנ מיר אויכ, ווענ סײַ פאַרנ ריידער, סײַ פאַרנ הערער איז פונ די אַרומיקע באַדינגונגענ קלאָר, וועגנ וואָס מע רעדט, און מע דאַרפ דעריבער די זאַכ ניט אָנרופנ.

אַזוי, לעמאָשל, ווענ עמעצער נעמט א זייגער אינ דער האַנט אַרײַנ, קאָנ אימ דער צווייטער זאָגנ:

— לייג אַוועק!

דאָ איז דורכגעלאָזט דער אָביעקט „זייגער‟. ווײַל ביידע ווייסנ וועגנ וואָס עס רעדט זיכ.

§ 16. דער אָנרופיקער זאַצ.

אינ באַשרײַבונגענ טרעפט מענ אָפט זאַצנ אָנ פרעדיקאַטנ.

צומבײַשפּיל: פאַרטאָג. א פּילץ. קיל. די זונ גייט אויפ.

די ערשטע צוויי זאַצנ האָבנ ניט קיינ פרעדיקאַטנ.

אַזוינע זאַצנ דאַרפ מענ אָבער ניט מישנ מיט אומפולע. די פרעדיקאַטנ זײַנענ דאָ ניט דורכגעלאָזט, נאָר זיי זײַנענ ניטאָ און דאַרפנ ניט זײַנ. אַזעלכע זאַצנ הייסנ א נ ר ו פ י ק ע.

דער אָנרופיקער זאַצ דינט אָפּט אינ דער קינסטלערישער שפּראַכ אָפּ באַצייכענענ דאָס אָרט פונ דער האַנדלונג, די צײַט, פאַרשיידענע אומשטאַנדנ, צ. ב.: 1) א ברייטע שטעטלדיקע גאַס. פונ ביידע זײַטנ טוליענ זיכ נידעריקע הײַזלעכ. 2. נאַכט. שפּעט. שלאָפנ די וועלדער. שלאָפנ די שטעט.

קורצע אָפּגעהאַקטע אָנרופיקע זאַצנ, איינס נאָכנ צווייטנ, קאָנענ איבערגעבנ גע־פּרעסט גאַנצע בילדער.

צומבײַשפּיל: כעוורע. מיידלעכ. רייענ. פאָנענ. קאָמיוגיסטנ פאָרנ אפּנ פּראָנט.

אָנרופיקע זאַצנ זײַנענ אויכ נעמענ פונ ביכער, צײַטונגענ, קעפּלעכ, פּונקטנ פונ א פּלאַנ, אויפשריפטנ, א. ד. גל.

צומבײַשפּיל: „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס". „דער עמעס". דער גאַנג פונ דער ברויט־פאַרגרייטונג. זאַוואָד „רויטער אַקער".

§ 17. דער סוביעקטלאָזער זאַצ.

אינ דער שפּראַכ טרעפנ זיכ זאַצנ סוביעקטלאָזע, דערבײַ קאָנ מענ דאָ ניט פאַר־שטיינ, ווער דער סוביעקט וואָלט געקאָנט זײַנ, ווײַל דער ריידער פאַרבינדט ניט די דערשײַנונג, וועגנ וועלכער ער רעדט, מיט קיינ שום טוער.

צומבײַשפּיל: עס טאָגט שוינ.

דער פּרעדיקאַט אינעם סוביעקטלאָזנ זאַצ קומט אינ דער פאָרם פונ דער דריטער פּערזאָנ איינצאָל. אויב אפּנ ערשטנ אָרט אינעם סוביעקטלאָזנ זאַצ גייט ניט קיינ בײַגליד, קומט פאַרנ פּרעדיקאַט דאָס וואָרט „עס". דאָס וואָרט „עס" האָט שוינ דאָ אָנגעוואָרנ דעם באַטײַט פונעם פּערזאָניקנ פּראָנאָמ „עס".

צומבײַשפּיל: א. אינדרויסנ רעגנט. ב. עס רעגנט אינדרויסנ.

דער פּרעדיקאַט אינ סוביעקטלאָזע זאַצנ קאָנ אויסגעדריקט ווערנ:

1) דורכ א ווערב, וואָס האָט בלויז די דריטע פּערזאָנ, צ. ב.: עס רעגנט. עס דונערט. ניטאָ: איכ רעגנ. איכ דונער.

2) דורכ א ווערב, וואָס האָט אויכ די איבעריקע פּערזאָנענ, צ. ב.: עס שטעכט מיכ. פאַראַנ: איכ שטעכ, אָבער דאַנ האָט שוינ דער זאַצ א סוביעקט.

3) דורכ א ווערב מיט „זיכ", צ. ב.: עס שרײַבט זיכ גרינג. מיר בענקט זיכ.

4) דורכנ באַהילפיקנ ווערב „איז" אונ א וואָרט פונ אַנ אַנדער וואָרטקלאַס. צ. ב.: מיר איז גוט. ס'איז מיר א שאָד. אינדרויסנ איז שיינ — דער פּרעדיקאַט איז דאָ א צונויפגעזעצטער.

§ 18. דער באַפעל־זאַצ.

דער באַפעל־זאַצ דריקט אויס א פאַרלאַנג, א באַפעל, א ביטע, א ווונטש, א פאָרשלאַג א. אז. וו.

צום בײַשפּיל: זאָל לעבנ די רויטע אַרמיי! שרײַבט אונדז אָפּטער. דערלאַנגט מיר די העפטנ!

דער פרעדיקאט אין א באפעל־זאצ ווערט אויסגעדריקט דורך א ווערב אין באַ־פעל־מאָדוס.

אויב דער באפעל־זאצ ווערט ארויסגעבראכט מיט אן אויסרופיקער אינטאָנאציע, שטעלט מען צום סאָף אן אויסרופצייכן.

צומבײַשפיל: קעמפט פאר א גוטער גערעטעניש!

§ 19. דער אינפיניטיווישער זאצ.

> דער אינפיניטיווישער זאצ ווערט געוויינלעך גענוצט צוליב אויסדריקן א באפעל, א דירעקטיוו.

צומבײַשפיל: ליקווידירן דעם דורכרײַס!

דער אינפיניטיווישער זאצ קומט אָפט פאָר אין לאָזונגען, אין קעפלעך פון אר־טיקלען א. ד. גל.

דער אינפיניטיווישער זאצ האָט ניט קיין סוביעקט.

צום סאָף פון אן אינפיניטיווישן זאצ קומט געוויינלעך אן אויסרופצייכן.

אופגאבע 48. שרײַבט ארויס די אומפולע זאצן און דערקלערט, וואָסער זאצגליד איז פארפעלט:

I. — ברידער, — האָט איבערגעריסן די שטילקײַט דער פעטער זאכאר, ברעכנ־דיק דאָס שטרויעלע, — איך האָב פאר אײַך מיט די באלאקאָווער מוזשיקעס געליטן?

— געליטן!

— הייסט עס, אז איר אנערקענט עס?

— מיר אנערקענען.

— מיר אנערקענען. וואָס איז דאָ צו ריידן?

— און אין מאָסקווע צו לענינען אליין געגאנגען?

— יאָ, געגאנגען.

— גוט, — האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפ זאכאר, — און לענין האָט אונדזער ביטע באפרידיקט?

— באפרידיקט.

(לויט פאנפיאָראָוון)

II. דער דעזשורנע באגריסט זיך מיט די רויטארמייער און הייבט אָן ארומגיין די רייען. פון צײַט צו צײַט שטעלט ער זיך אָפ לעבן איינעם און פרעגט אָפגע־ריסן, גיך:

— ווו שטייסטו אפ דער וואך?

— בא די טויערן פון קאזארמע...

— דעם אוסטאוו געלערנט?

— יאָ!..

— ווי הייסטו?

— באלאבויעוו.

וועגן געווער שווײַגט ער, דער קאָמאנדיר, ווײַל ער ווייסט, אז פעדיע באלא־

בויעוו קענ די ביקס אונ די מאקסימקע אפ אויסנווייניק... אָט, וועק אימ אופ בא־נאכט:

— כאווער באלאבויעוו, וויפל טיילנ האָט א ביקסנ־שלאָס?..

— זיבנ טיילנ, כאווער קאָמאנדיר:

III. רעטעניש: ניט קיינ העמד — אונ דאָכ געניית;

ניט קיינ בוימ — אונ פול מיט בלעטער;

ניט קיינ מענטש — אונ רעדט צו דער זאכ.

אופגאבע 49. שטעלט צונויפ א שמועס, וואָס שילער פירנ צווישנ זיכ (וועגנ לערנענ, וועגנ שפיל א. ד. גל.) באנוצט דערביי אומפולע זאצנ.

אופגאבע 50. שרייבט ארויס באזונדער די אָנרופיקע זאצנ אונ באזונדער די אומפולע. דערקלערט וואָסער זאצגליד פ,לט.

I. פונ איינ איבערגעבויגנ הייזל גייט ארויס א באָרוועס יינגל, שלעכט געקליידט, אונ קעגניבער, פונ א צווייט הויז, קומט אויכ ארויס אזא יינגל.ביידע אויסגעדארט, מיט ברענענדיקע אויגנ. ביידע ציטערנ פאר קעלט, עפשער פונ הונגער אויכ.

איכ הער ווי זיי שמועסנ:

— פארטיק?

— אונ דו?

— אויכ!

— האָסט געגעסנ?

— ניינ... דער טאטע האָט ניט געברענגט.

— מיינער קראנק, די מאמע וויינט.

— גייענ מיר?

— בעסער לויפנ.

זיי לויפנ. הייזער, גאסנ. בא איינעמ פונ די שענסטע הייזער שטעלנ זיי זיכ אָפ.

— מיינ פעטערס הויז, — מאכט איינער שטאָלצ.

דער צווייטער ווייזט אפ א הויז קעגניבער.

— דאָס איז מיינ פעטערס!

— קאלט, — מאכט איינער מיט א ציטער.

— איכ בינ הונגעריק, — זאָגט דער צווייטער.

זיי לאָזנ זיכ ווייטער לויפנ.

(לויט פערעצנ)

II. רעטעניש: א ווייסער מויער אונ א געלער מויער;

וויל מענ צוקומענ צומ געלנ, מוז מענ צעברעכנ דעמ ווייסנ.

אופגאבע 51. שרייבט ארויס די אָנרופיקע זאצנ אונ באשטימט, וואָס זיי באצייכענענ:

די שטאָט איז געווענ א האלב־כאָרעווע. בייזע פארקלעמטע מיילער פונ פוסטע קראָמענ. גאָר פאר דורכגייער האָבנ גאסנ געהאט אויכ א מילדנ שמייכל. אופשריפטנ אפ שילדנ:

גובבילד.

קינדערהיים נום. 82.

קינדערהיים נום. 164.

און אלע קינדערהיימען, וואָס אונטער צוויי און אונטער דריי־ציפערדיקע נומערן, האָבן געהאַט אויך נעמען אַזעלכע, וואָס דער נאָמען אַליין איז אַ רוף און אַ לאָזונג.

„קינדערהיים אפּן נאָמען פון קאַרל ליבקנעכט".

„אפּן נאָמען פון כאַוווער לעניג".

„פּאַריזשער קאָמונע".

„קינדערהיים אפּן נאָמען פון קאַרל מאַרקס".

(לויט קושניראָוון)

אויפגאַבע 52. 1. באַשרייַבט אַן עקסקורסיע, אַ שפּאַציר און באַנוצט דערבײַ אָגרופיקע זאַצן צו באַצייכענען אָרט, צײַט א. ד. גל. 2. שטעלט צונויף מיט אָגרופיקע זאַצן אַ פּלאַן פון אַ דערציילונג.

אויפגאַבע 53. שרייַבט אַרויס באַזונדער די אומפולע זאַצן און באַזונדער די סוביעקטלאָזע:

צומאָרגנס האָט מען פון רעב אויזערן אַריבערגעשיקט נאָך יעקל סטאָליער. יעקל איז אַהין געגאַנגען.

— נו, וואָס וועסטו זאָגן עפּעס גוטס?.. — האָט רעב אויזער אָנגעהויבן.

— מע זאָגט דאָך עפּעס, אַז דו האָסט די גאַנצע דייע... וואָלט איך געוואָלט מיט דיר איבערשמועסן, צי ס׳איז גלײַך אַזוי?.. מײַלע, עפּשער קומט עס מיר?..

— ס׳איז ניט פאַראַן, צי עס קומט יאָ, צי עס קומט ניט... אַזוי פירט זיך אויף דער גאַנצער וועלט. אַז מע שטרײַקט, שטרײַקט מען...

— מײַלע, שטרײַקן איז שטרײַקן... איך מיין נאָר דאָס, ווי קומט מען דאָס אַרײַן צו יענעם באַלד מיטן געשלעג?.. מיטגעבראַכט נאָך מיכלס אַרבעטער אויך צו מיר אויפן הויף...

— ווער איז שולדיק, אַז זיי האָבן ניט געוואָלט אַרויסגיין אַליין?..

— הערסטו, דאָס שרײַ איך דאָך אויך, אַז נאָר די ייִדן... אין שול אַרײַן איז גוט צו גיין מיט ייִדן...

— און אין קאַמף אַרײַן אויך...

— זײַ־זשע מוחל, ווי הייסטו? ס׳איז מיר גאָר אַרויס פון זינען!.. — האָט רעב אויזער געקנייטשט דעם שטערן.

— יעקל.

— וואָס ווילן זיי, יעקל?

— אַ קורצן אַרבעט־טאָג, פון זיבן ביז זיבן און אין דער מיט צוויי שעה רו...

אויפגאַבע 54. שרייַבט איבער די ווייַטערדיקע סוביעקטלאָזע זאַצן אויף זאַצן מיט סוביעקטן:

1. עס ווילט זיך מיר אַביסל זיך דורכשפּאַצירן. 2. עס ווילט זיך דיר לויפן — לויפן, עס ווילט זיך דיר פּאָרן — פּאָר. 3. עס שלאָפט זיך אים ניט אין אַזאַ הייסער נאַכט. 4. עס לעבט זיך אונדז איצט גאַנץ גוט. 5. עס טראָגט אים איבער גאַסן און פעלדער.

אופגאַבע 55. שרײַבט אַראָפּ אונ שטעלט אַרײַנ דעמ פּאַרפּעלטנ פּערזאָניקנ ווערב אָדער פּרעדי־קאַט אָנשטאָט דער טירע:

דער מוזײ איז אינ דער לינקער זײַט. גײט אַרײַנ אונ באַטראַכט די אויסשטעלונג. אָט זײַנט איר אינ קאַזאַכסטאַנ. פונ קאַזאַכסטאַנ — אַפּ אוראַל. אַפּנ וועג כאַפּט אַ קוק אינעמ צווײשטאָקיקנ הויז פונעמ אַרבעטער־יִשעוו. דאָס הויז — אינמיטנ זאַל. אײנ וואַנט — ניטאָ, אַזוי אַז איר וועט קאָנענ גוט באַטראַכטנ, וואָס סע טוט זיכ אינעווײניק. די צימערנ — ליכטיקע, ציכטיקע. אַפּ די בעטנ — קישעלעכ, קאָלדרעס. אַפּ דער וואַנט — אַ גרויס בילד, אַ מעטאַלורגישער זאַוואָד. אַ באַטאַרײע פונ קאָקס־אויוונס. איבער די אויוונס — קוילנ־טורעמס. אונ ווײַטער — אַ שטאָט. פונונטנ — אַ ברעטעלע: „מאַגניטאָגאָרסקער זאַוואָד".

(לויט אילינענ)

אופגאַבע 56. שרײַבט אַראָפּ די ווײַטערדיקע זאַצנ אָנעמ פּרעדיקאַט אָדער אָנעמ פּערזאָניקנ ווערב, אונ אָנשטאָט די דורכגעלאָזטע ווערטער שטעלט אַרײַנ אַ טירע:

1. דער פּאָטער זײַנער איז געווענ אַנ אַרבעטער. די מוטער איז געווענ אַ פּוי־ערטע. ער אַלײנ איז פונ אַכצנ יאָר אַפּ אַ זאַוואָד. 2. דער טאָג איז אַ ליכטיקער. 3. דער סאָצאָפּמאַכ איז אויסגעפּילט. 4. דער זאַוואָד האָט איבערגעשטיגנ דעמ יאָר־פּלאַנ. 5. די פּאָליטבילדונג שטײט אַפּ דער געהעריקער הײכ. 6. אַ נײַע פּראָדוקציע־צווײַג איז אַ נײַע באַוועגונג פּאָרויס.

אופגאַבע 57. שרײַבט אויס פונ צײַטונג פינפ קעפּלעכ — אומפולע זאַצנ. מאַכט זיכ קלאָר, וואָסער וואָרט וואָלט מענ געקאָנט אַרײַנשטעלנ.

אופגאַבע 58. שטעלט צונויפ עטלעכע אומפולע זאַצנ — קעפּלעכ צו אַרטיקלענ אינ וואַנטצײַטונג אָדער עטלעכע לאָזונגענ.

אופגאַבע 59. שרײַבט אַרויס באַזונדער די באַפעל־זאַצנ אונ באַזונדער — די אינפיניטיווישע:

1. לאָמיר זיכ געזעגענענ, מײַנ שטיבל אונ מײַנ גאַס. 2. גיט רעזערווונ, גיט אַהער געשווינד! 3. אַראָפּנעמענ דאָס ברויט אָנ פאַרלוסטנ! 4. זאָל קלינגענ אומעטומ אונ־דזער פרײַע ליד! 5. פאַרניכטנ די אומווירטשאַפטלעכקײַט! 6. אונטערצײַענ די אָפּגע־שטאַנענע! 7. דערלאַנגט אַהער מעטאַל! פאַר די דאָמנעס גיט אַרצ! 8. פעסטיקנ ווײַטער די שוצפײיִקײַט פונ דער רויטער אַרמײ! האַלטנ טרוקנ דעמ פולווער!

אופגאַבע 60. שטעלט צונויפ לאָזונגענ אינ דער פאָרמ פונ באַפעל־זאַצנ אונ אינ דער פאָרמ פונ אינפיניטיווישע זאַצנ.

20 §. ווענדונג.

א סובסטאַנטיוו, וואָס ווײַזט אָנ די פּערזאָנ אָדער דעמ געגנשטאַנד, צו וועמענ די רײד איז געווענדעט, הײסט ו ו ע נ ד ו נ ג.

צומבײַשפּיל: כאַווײרימ, איכ לײג פאָר מאָרגנ אַרבעטנ אָפּדערנאַכט אויכ. די רײד איז געווענדעט צו די כאַווײרימ. „כאַווײרימ" איז דאָ אַ ווענדונג.

ש ט אָ ט, דו האָסט מיכ געפאַנגענ.

די ווענדונג איז דאָ „שטאָט".

ווענדונגענ, וואָס באַצייכענענ ניט קיינ לעבעדיקע וועזנס, קומענ פאָר איבערהויפּט אינ דער קינסטלערישער שפּראַכ.

די ווענדונג איז גראַמאַטיש ניט געבונדנ מיט א וועלכנ ניט איז זאַצגליד אינ זאַצ. זי איז געדאַנקלעכ געבונדנ מיטנ גאַנצנ זאַצ.

די ווענדונג קאָנ שטיינ אינ אָנהייב, אינמיטנ אָדער אינ סאָפ זאַצ.

צומביישפּיל:

א. כאַווײרים, ס'איז צייט צו גיינ אפ דער זיצונג.

ב. ס'איז צייט, כאַווײרים, צו גיינ אפ דער זיצונג.

ג. ס'איז צייט צו גיינ אפ דער זיצונג, כאַווײרים.

די ווענדונג קאָנ האָבנ צו זיכ דערקלער־ווערטער.

צומביישפּיל: פּראָלעטאַריער פונ אַלע לענדער, פאַרייניקט זיכ!

די ווענדונג איז „פּראָלעטאַריער" צוזאַמענ מיט די דערקלער־ווערטער „פונ אַלע לענדער".

די ווענדונג צוזאַמענ מיט די דערקלער־ווערטער טיילט זיכ אָפּ פונ זאַצ מיט א קאָמע.

ווענ די ווענדונג געפינט זיכ אינמיטנ זאַצ, טיילט מענ זי אויס מיט קאָמעס פונ ביידע זייטנ.

אויב די ווענדונג שטייט אינ אָנהייב זאַצ אונ ווערט אַרויסגעבראַכט מיט א פאַר־שטאַרקטער שטימ, קומט נאָכ דער ווענדונג אַנ אויסרופצייכנ.

צומביישפּיל: אַרבעטער אונ פויערימ, אַרבעטנדיקע אונ עקספּלואַטירטע! די ערד, די בענק, די פאַבריקנ, די זאַוואָדנ זיינענ אַריבער אינ אייגנטומ צומ גאַנצנ פאָלק!

אויב די ווענדונג שטייט צומ סאָפ א פרעגיקנ אָדער אויסרופיקנ זאַצ, קומט דער פרעגצייכנ אָדער אויסרופצייכנ נאָכ דער ווענדונג.

צומביישפּיל: לעבעדיקער געאַרבעט, כעוורע! פאַרוואָס האָסטו פאַרשפּעטיקט, ליזע?

אויפגאַבע 61. שרייבט אַראָפּ אונ שטרייכט אונטער די ווענדונגענ:

שלאָגלער פונ שאַכטע, זאַוואָד אונ מאַרטענ,
שלאָג מיטנ האַמער אונ שלאָג מיט דער פּענ!
מוליער אונ טאָקער! שוסטער אונ שמיד!
העכער די פאָנ פונ דער שלאָגלערשער ליד!

(אי. פּעפער)

אויפגאַבע 62. שרייבט אַראָפּ אונ שטעלט אַריינ די געהעריקע אָפּשטעל־צייכנס:

I. שטייט אופ איר אונטערדריקטע מאַסנ
אונ מאַכט פונ שקלאַפעריי אַנ ענד
לאָזט ניט מער קיינ ליידיקגייער פרעסנ
די פרוכט פונ אויסגעדאַרטע הענט!

וואָס האָט איר ברידער צו פאַרלירן?
וואָס טויג אַ לעבן אײַך אָן ברויט?
ווילט איר דען אייביק ווינטער פרירן
און אייביק זומער לײַדן נויט?

שטייט אויף איר אַרבעטסלײַט
הייבט זיך אויף מאַן מיט מאַן
מאַרשירט מיט אונדז אין אייניקײַט
צום קאַמף מיט דעם טיראַן!

(מ. ווינטשעווסקי)

II. איז דיר כאַוועד אויסגעקומען ווען ס'ניט איז
אַרויסגיין אין נאַכט־פעלד פון אַ שנעלצוג
און געבן פאַר דער ראַכוועס זיך אַ בוק
און זאָגן שטיל: געבענטשט זײַ ריז?

געבענטשט אוקראַינע זײַ, געבענטשט זײַ רײַסן [1]
געבענטשט זײַ לאַנד פון שוואַרצן יאַם ביז ווײַסן
געבענטשט זײַ איין־און־איינציק לאַנד
פון דניעפּער־טײַך ביז גרויסן אָקעאַן...

(ע. פינינבערג)

אויפגאַבע 63. אַרבעט איבער די ווײַטערדיקע זאַצן אַזוי, אַז די סוביעקטן זאָלן ווערן ווענדונגען:

1. אַ פּיאָנער דאַרף זײַן דער בעסטער שילער. 2. דער פיזקולטורניק זאָל זײַן גרייט צו אַרבעט און שוץ. 3. דער קאָלווירטניק דאַרף מיטהעלפן פאַרשטאַרקן דעם קאָלווירט. 4. די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט מוזן גיין אין קאַמף קעגן פאַ־שיזם. 5. יעדער פרוי מוז קעמפן פאַר אַ נײַעם שטייגער. 6. יעדער רויטאַרמייער דאַרף שטענדיק זײַן גרייט צו פאַרטיידיקן דאָס ראַטנלאַנד. 7. יעדער אַרבעטער, יעדער שילער דאַרף מיטהעלפן דער אַראָפּנעם־קאַמפּאַניע.

אויפגאַבע 64. שטעלט צונויף אַ בריוו. געברויכט אין אים (אָבער אין דער מאָס) ווענדונגען.

אויפגאַבע 65. שרײַבט אַראָפּ די ווײַטערדיקע זאַצן. אויב אין זאַץ איז פאַראַן אַ ווענדונג, שטרײַכט זי אונטער און טיילט זי אָפּ מיט די געהעריקע אָפּשטעל־צייכנס:

1. הערט איר קינדער ווי עס רירט זיך, מערקט איר, אַז דער סאָף קומט אָן? פּאַרוועהטס קינדער ס'מאַרשירט זיך לוסטיק בײַ דער רויטער פאָן. 2. אַלעקסאַנדער און וולאַדימיר אוליאַנאָוו זײַנען געווען ברידער. 3. וויינט ניט ברידער וויינט ניט שוועסטער וויינט ניט מוטער נאָך דײַן קינד 4. ברידער דאָ שטייען מיר, דאָרט — דער בלוטיקער פײַנט. 5. צעטראָג אָ ווינט אויף דײַנע פליגל די הייסע

---

1 אַזוי פלעגט מען אַמאָל רופן ווײַסרוסלאַנד.

ווערטער פֿונ מײַנ פֿעג. 6. שטיל אײַנ אָ נאַטור דײַנע זיסע אַקאָרדנ, די גאָלדענע האַרפֿע שטיל אײַנ. 7. ס'האָט הײַנט אַ פֿרישער ווינט אַפֿ הייסע גאַסנ זיכ פֿאַרקליבנ. 8. לאַנד מײַנס מײַנ ליטערס באַציר זיכ מיט בלומענ אונ ווי אַ פֿויגל דערהייבֿ זיכ אינ רוים. 9. שלאָגלער קומענ די ערד באַנײַענ.

21 §. באַמערקווערטער.

אַ וואָרט אָדער אַ גרופּע ווערטער, אינ וועלכע דער רײדער זאָגט עפּעס וועגנ זײַנע אייגענע רייד, הייסט באַמערקווערטער.

באַמערקווערטער קאָנענ באַצייכענענ:

1. די באַציִונג פֿונ רײדער צו זײַנע רייד.

א) זיכערקײַט (נאַטירלעכ, געוויס, אָנ ספֿק, אָנ צווייפֿל).

צומבײַשפּיל: ער וועט, נאַטירלעכ, קומענ צו דער צײַט.

בֿ) וואַרשײַנלעכקײַט (אַפּאָנעמ, דוכט זיכ, ווײַזט אויס, מיסטאַמע, עפּשער).

צומבײַשפּיל: ער איז, אַפּאָנעמ, ניט קיינ היגער.

ג) צופֿרידנקײַט, באַדויערונג (צומ גליק, צומ באַדויערנ, לײַדער, נעבעכ).

צומבײַשפּיל: צומ גליק, האָסטו ניט פֿאַרשפּעטיקט.

2. דעמ סדר פֿונ די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקענ.

צומבײַשפּיל: ערשטנס, דאַרפֿ איכ מאַכנ די אויפֿגאַבעס אַפֿ מאַטעמאַטיק, צווייטנס, דאַרפֿ איכ אויסלערנענ אַ ליד אַפֿ אויסווייניק.

3. די פֿאַרבינדונג צווישנ די רייד מיטנ פֿריִער געזאָגטנ (אַלזאָ, הייסט עס).

צומבײַשפּיל: די פֿור האָט זיכ אָפּגעשטעלט. אַלזאָ, זײַנענ מיר געקומענ.

4. צו וועמענ די רייד געהערנ.

צומבײַשפּיל: מע דאַרפֿ, לויט זײַנ מיינונג, באַלד צונויפֿרופֿנ אַ פֿאַרזאַמלונג.

5. באַמערקווערטער מיט פֿאַרשיידענע אַנדערע באַטײַטנ: אַגעוו, אַקלאַל, בעקיצער, מיילע, נישקאָשע, קלוימערשט, אינדערעמעסנ, פֿאַרקערט, אַשטייגער, צומבײַשפּיל א. אַנד.

מע דאַרפֿ נישט צונויפֿמישנ קיינ באַמערקווערטער מיט ענלעכע ווערטער, וואָס האָבנ אַנ אַנדער באַטײַט אונ שפּילנ אַנ אַנדער ראָליע אינ זאַצ.

צומבײַשפּיל:

א. ער האָט, אַפּאָנעמ, ניט געוווּסט פֿונ דער געשעעניש.

בֿ. ער האָט אַ פּאָנעמ פֿונ אַ קראַנקנ.

אינ א איז „אַפּאָנעמ" איינ וואָרט, אַ באַמערקוואָרט, וואָס באַצייכנט וואַרשײַנלעכקײַט, אינ בֿ — אַ סובסטאַנטיוו מיט אַנ אומבאַשטימיקנ אַרטיקל — אַנ אָביעקט.

באַמערקווערטער זײַנענ געוויינלעכ גראַמאַטיש ניט געבונדנ מיט קיינ איינעמ פֿונ די זאַצגלידער. זיי קאָנענ שטיינ אינ אָנהייבֿ, אינמיטנ אָדער אינ סאָפֿ זאַצ.

באַמערקווערטער ווערנ אינ ריידנ אַרויסגעבראַכט מיט אַ באַזונדער אינטאָנאַציע. באַמערקווערטער ווערנ אָפּגעטיילט פֿונ זאַצ מיט אַ קאָמע, אונ אויבֿ זיי שטייענ אינמיטנ זאַצ — מיט צוויי קאָמעס.

צומבײַשפּיל:

א. הײסט עס, פֿאָרן מיר אַף ערד. | בּ. פֿאָרן מיר אַף ערד, הײסט עס.
ג. פֿאָרן מיר, הײסט עס, אַף ערד.

מיט קײן קאָמעס װערן מערסטנטײל ניט אָפּגעטײלט די באַמערקװערטער: עפּשער, קלומערשט, מיסטאַמע.

די ראָליע פֿון באַמערקװערטער קאָן אַמאָל אױספֿילן אַ גאַנצער זאַץ — אַ באַמערק־זאַץ.

צומבײַשפּיל: די שטרײַקערס, הער איך זאָגן, האַלטן זיך שטאַרק אין קאַמף קעגן די באַלעבאַטים.

אַלס באַמערק־זאַצן קומען אָפֿט: זאָגט מען, זאָג איך, מאַכט ער, דאַרף מען רעכענען, מע זאָגט א. אנד.

אַ באַמערק־זאַץ װערט אױסגעטײלט מיט קאָמעס, ער קאָן אױך אַרײַנגענומען װערן אין קלאַמערן אָדער אין טירע פֿון בײדע זײַטן.

קלאַמערן אָדער טירע ברױכט מען דעמלט, װען דער באַמערק־זאַץ אַנטהאַלט אַ באַגעדאַנק, װאָס האָט אַ װײַטערע שײַכעס צום גרונט־זאַץ. אַזאַ באַמערק־זאַץ װערט אַרױסגעבראַכט מיט אַ באַזונדער אינטאָנאַציע.

צומבײַשפּיל: זי איז (אַזױ טראַכט ער זיך) אינגאַנצן ניט שולדיק.

אױפֿגאַבע 66. שרײַבט אַראָפּ און שטרײַכט אונטער די באַמערקװערטער און באַמערק־זאַצן:

בקיצור, עס גײט אַװעק אַ װאָך און צװײ — ניטאָ ניט קײן בריװ, ניט קײן ידיעה. „פֿאַרפֿאַלן, זאָג איך, פּעפּערל!" — און כאַפּ אַ קוק אַף מײַן האָדלען, נעבעך. קײן טראָפּן בלוט ניטאָ אין פּאָנעם, זוכט זיך אױף אַלעמאָל אַן אַנדער שטיקל אַרבעט אין שטוב. װײל, װײַזט אױס, פֿאַרגעסן דורך דעם די גרױסע צאָרעס אירע. דערװײַל, אַזױװי איך טראַכט פֿון האָדלען, קומט זי אָן, האָדל הײסט עס, זעצט זיך לעבן מיר אַף דער פּריזבע און רופֿט זיך אָן צו מיר שטילערהײט:

— הערסטו, טאַטע? הײַנט געזעגענען מיר זיך אָפּ מיט דיר אַף שטענדיק...

— װאָס הײסט, זאָג איך, דו געזעגנסט זיך אָפּ מיט מיר אַף שטענדיק?

— דאָס הײסט, זאָגט זי, איך פֿאָר, זאָגט זי, אַװעק, מאָרגן, זאָגט זי, גאַנצפֿרי. מיר װעלן זיך שױן קײנמאָל ניט זען.

אַזױ זאָגט זי צו מיר, האָדל הײסט עס. װאָס ענטפֿערט מען איר, לעמאָשל, אַף אַזאַ זאַך?

— איך זע אַרױס, זאָג איך, אַז דו װאַרפֿסט אַװעק, זאָג איך, צוליב אַ פּעפּערל טאַטע־מאַמע, זאָג איך, און לאָזט זיך אַװעק אין אַן אָרט, װאָס מע װײסט ניט װו, אַפּאָנעם, אַפּן פֿאַרגליװערטן ים.

(שאָלעם־אַלײכעם)

אױפֿגאַבע 67. שרײַבט אַראָפּ די װיַטערדיקע זאַצן און טײלט אָפּ די באַמערקװערטער און די באַמערק־זאַצן מיט קאָמעס, קלאַמערן אָדער טירע:

1. אַלע ייִנגלעך שטעלן זיך אױס אַרום מיר און זײַנען מיר מעקאַנע. יאָסי דעם נאָגידס ייִנגל הענעך מיטן אײגל ער איז אַ מױרעדיקער ניטפֿאַרגינער שטעלט מיר אַרױס אַ צונג. 2. אונדזער שכײנע פּעסי זאָל מיר מױכל זײַן האָט געזאָגט אַ גרױסן ליגן.

צוועלפ האָט זי געזאָגט גייענ מיר צומ טיש. לויט מײַנ רעכענונג בינ איכ דער פערצנ־טער. אפּאָנעמ זי האָט פארגעסנ ארײַנרעכענענ דעמ בלינדנ פעטער באָרעכ. 3. מע־נאשע דעמ רויפעס ווײַב רופט מענ אפ איר מאנס נאָמענ. זי איז א טרייטע יידענע. א פּאָנעמ האָט זי ווי אפּצולאָכעס א מאנצבלשנ. בא איר קאָנט איר געפינענ אײַנ־געמאכטס פונ פאראיאָרנ, פונ פארדרײַאָרנ און פונ פארצעניאָרנ. וואָס דארפ זי לע־מאָשל אזויפיל אײַנגעמאכטס? פרעגט זי אשטייגער ווייסט זי אליינ נישט. 4. אז איר דראפּעט זיכ ארופ אפנ בוידעמ איכ טו דאָס אָנ א לייטער און איר שטעלט ארויס א פוס פונעמ קליינעמ פענצטערל, אזוי זײַנט איר שוינ בא מענדל דעמ שויכעטס אפנ דאכ. 5. מײַנ שווענערנ בראָכע טרינקט אויס א פּאָר גלעזלעכ קוואס זי האָט ליב מײַנ ברודער עליעס קוואס — סאקאָנעס! דערגיסט זי באלד מיט ווא־סער. די מאמע פארזוכט אמאָל א גלעזל קוואס זי דארפ מענ בעטנ אליינ ווערט זי ניט נעמענ דערגיסט מענ באלד מיט וואסער. 6. מײַנ מאמע איז פארוויינט ווענ איז זי ניט פארוויינט? מײַנ שווענערנ בראָכע איז אינ קאס ווענ איז זי ניט אינ קאס? און מײַנ ברודער עליע שטייט אינמיטנ שטוב, דעמ קאָפּ אראָפּ, כאָטש מעלק אימ אויס.

(שאָלעמ־אלייכעמ)

אופגאבע 68. שרײַבט אויס די זאצנ, אינ וועלכע ס'איז פאראנ באמערקווערטער, טיילט אויס די באמערקווערטער מיט קאָמעס:

1. די געבײַדע זעט אויס פונדערווײַטנס ווי אנ אמאָליקע פעסטונג, זי איז זעט אויס שוינ זייער אנ אלטע. 2. די היצ איז געווענ גרויס, און ס'איז ניט מעגלעכ געווענ ווײַטער צו גיינ. 3. די מענטשנ זײַנענ שוינ מעגלעכ טאקע געווענ מיד. 4. בעקיצער פּאָר איכ מיר אזוי מיט מײַנ וועגעלע איבער די דאטשעס. 5. איכ מאכ עס בעקיצער, ווײַל איכ האָב קיינ צײַט ניט. 6. דאָס פּאָנעמ פונ דעמ מענטשנ איז מיר געווענ קענטיק. דער מענטש אָבער האָט מיכ קענטיק ניט דערקענט. 7. יעדער שילער קאָנ זײַנ אנ אויסגעצייכנטלער. 8. מיר וועלנ קאָנ זײַנ פּאָרנ אפ אנ עקסקור־סיע. 9. ער האָט א קינד הייסט עס וואָס גייט שוינ אינ שול ארײַנ. 10. ער האָט א קינד הייסט עס בערעלע. 11. עס דאכט זיכ אימ, אז ער פליט אפ אנ עראָפּלאנ. 12. מאָרגנ איז דאכט זיכ א שול־פארזאמלונג.

אופגאבע 69. שטעלט צונויפ זאצנ מיט פאָלגנדיקע באמערקווערטער און שטעלט דערבײַ איינ־יקע פארנ זאצ, אייניקע אינמיטנ, און אייניקע סאָפ זאצ:

לעמאָשל, מיסטאמע, מיילע, אפּאָנעמ, סאָפּקאָלסאָפּ, ערשטנס, צווייטנס, דריטנס, געווײַנלעכ, דעריקער, אשטייגער.

אופגאבע 70. שטעלט צונויפ פּאָרלעכ זאצנ, אינ וועלכע די געבראכטע ווערטער זאָלנ אינ איינ זאצ זײַנ באמערקווערטער, און אינ צווייטנ זאצגלידער:

נישקאָשע, מעגלעכ, געוויס, דאכט זיכ, הייסט עס, אשטייגער (א שטייגער), דע־ריקער (דער איקער), קאָנ זײַנ.

§ 22. אויסרופוואָרט.

אויסרופווערטער דריקנ אויס געפילנ, איבערלעבונגענ פונעמ ריידער. אויסרופווערטער זײַנענ גראמאטיש ניט געבונדנ מיט א וועלכנ ניט איז זאצ־

גליד אינ זאצ. זיי קומענ מערסטנטייל אינ אָנהייב זאצ, מע טיילט זיי אָפּ פונ זאצ מיט א קאָמע אָדער מיט אנ אויסרופּצייכנ.

צומבײַשפּיל: עכ, ווי נעמט מענ טויזנט הענט! איינ פּאָר הענט איז ווייניק!

אלס אויסרופוווערטער רעכענענ זיכ אויכ קלאַנגענ־נאָכמאַכיקע ווערטער: טראַכ, באָמ, מיאו, ציפּ־ציפּ א. א.

צומבײַשפּיל: פּלוצעמ האָט זיכ דערהערט: טראַכ־טא־רא־ראַכ! אמאָל קומט נאָכ אזעלכע ווערטער אנ אויסרופּצייכנ.

אופגאַבע 71. שרײַבט אראָפּ אונ שטעלט ארײַנ די געהעריקע אָפּשטעל־צייכנס:

1. אהא איר פילט שוינ. 2. וויי־וויי וואָס ס'האָט זיכ אָפּגעטאָנ. 3. אוי ווי שפּעט. 4. אכ ווערט דאָס זײַנ הײַנט א מיטינג. 5. עכ־עכ־עכ ווענ איר זאָלט וויסנ, מיט וואָס פאר א צאָרעס אָט דער טעוויע טראָגט זיכ ארומ. 6. היי ערדעלע שווארצ־ערדעלע דו מײַנ ווער האָט דאָס געזאָגט אונ ווענ, אז גרינג איז ערדעלע דיכ קענענ? 7. נו גענוג שוינ צײַט איז ווער ארײַנ זיכ לאָזנ ווײַטער צוג מײַנ צוג 8. אָ־כאָ־כאָ — שאָקלט מילינ מיטנ קאָפּ. 9. א־נו — זאָגט ער צו פיליענ — גיב די קאָמאנדע... 10. היי פעדיע פעסטער דעמ טראָט!..

§ 23. אקטיווע אונ פּאסיווע זאצ־קאָנסטרוקציע.

אינ זאצ ווײַזט דער סוביעקט געוויינלעכ דעמ טוער, דעמ אויספירער פונ דער טוונג, וואָס איז באצייכנט דורכנ פּרעדיקאט. דער דירעקטער אָביעקט (אינ אקוזא־טיוו) ווײַזט געוויינלעכ דעמ געגנשטאנד, אפ וועלכנ די טוונג גייט אריבער.

צומבײַשפּיל: דער דאָקטער האָט אָפּגעראטעוועט דעמ קראנקנ.

דער סוביעקט אינ זאצ „דער דאָקטער" ווײַזט דעמ טוער, דעמ אויספירער פונ דער טוונג „האָט אָפּגעראטעוועט". „דעמ קראנקנ" — אנ אָביעקט — ווײַזט, אפ וועמענ עס גייט אריבער די טוונג.

דער זעלבער געדאנק קאָנ אויכ אויסגעדריקט ווערנ אינ אזא גראמאטישער קאָנ־סטרוקציע, אז דער טוער זאָל קומענ אלס אָביעקט, אונ דער געגנשטאנד, אפ וועלכער די טוונג גייט אריבער — אלס סוביעקט.

צומבײַשפּיל: דער קראנקער איז אָפּגעראטעוועט געוואָרנ דורכנ דאָקטער.

דער סוביעקט איז „דער קראנקער". ער איז אָבער ניט דער טוער פונ דער טוונג. „דאָקטער" איז אנ אָביעקט אינ דאטיוו מיט א פּרעפּאָזיציע. ער איז אָבער דער טוער, דער אויספירער פונ דער טוונג „האָט אָפּגעראטעוועט". די טוונג איז אויסגעדריקט אינ א פּאסיווג ווערב „איז אָפּגעראטעוועט געוואָרנ".

> א זאצ, אינ וועלכנ דער סוביעקט באצייכנט דעמ פאקטישנ טוער אונ דער פּרעדיקאט איז אנ איבערגייענדיקער ווערב, הייסט **אקטיווער**.

> א זאצ, אינ וועלכנ דער סוביעקט באצייכנט די זאכ, וואָס אפ איר גייט פאק־טיש אריבער די טוונג, אונ דער פּרעדיקאט איז א פּאסיווער ווערב, הייסט **פּאסיווער**.

דער פאסיווער ווערב קאָנ קומענ אינ אַלע צײַטנ אונ מאָדוסנ.

דער פאסיווער ווערב בילדעט זיכ פונ באהילפיקנ ווערב „ווערנ" אָדער „זײַנ" אונ דעם פארטיציפ.

צומבײַשפיל: אקטיוו — שרײַבנ. פאסיוו — געשריבנ ווערנ, געשריבנ זײַנ.

פאסיוו מיט „ווערנ":	פאסיוו מיט „זײַנ":
די בריוו ווערט געשריבנ.	די בריוו איז געשריבנ.
די בריוו איז געשריבנ געוואָרנ.	די בריוו איז געשריבנ געווענ.
די בריוו וועט געשריבנ ווערנ.	די בריוו וועט געשריבנ זײַנ.

אינ דעם פאסיוונ זאצ ווערט באזונדערס אויסגעטײלט דער געגנשטאנד, אפ וועלכנ עס גייט פאקטיש אריבער די טוונג.

אינ דעם פאסיוונ זאצ ווערט אויכ אָפגעצויגנ די אופמערקזאמקײַט פונעם פאקטישנ טוער דורכ דעם, וואָס ער ווערט אינ זאצ אנ אָביעקט. אמאָל ווערט דער טוער אינ־גאנצנ פארשוויגנ.

צומבײַשפיל: דאָס ביכל איז צעריסנ געוואָרנ.

אָפט קאָנ מענ א פאסיווע קאָנסטרוקציע פארבײַטנ אפ א קאָנסטרוקציע מיט „זיכ".

א. מע לייענט דעם בוכ מיט אינטערעס.	ב. דער בוכ ווערט געלייענט מיט אינטערעס.

ג. דער בוכ לייענט זיכ מיט אינטערעס.

דאָס איז אָבער מעגלעכ ניט שטענדיק. מע קאָנ, אשטייגער, ניט זאָגנ: אפנ זאַוואָד ארבעט זיכ אויס גלאָז.

דער דאָזיקער זאצ איז א מעכאנישע איבערזעצונג פונ רוסיש:

На заводе вырабатывается стекло.

אינ יידיש דארפ מענ זאָגנ: מיט אנ אקטיווער קאָנסטרוקציע — אפנ זאַוואָד ארבעט מענ אויס גלאָז, אָדער מיט א פאסיווער — אפנ זאַוואָד ווערט אויסגעארבעט גלאָז.

אנ ענלעכע שלעכטע איבערזעצונג פונ רוסיש איז דאָס ניצנ אינ פאסיוונ זאצ די פרעפאָזיציע „מיט".

צומבײַשפיל: די לידער זײַנענ פארשפרייט געוואָרנ מיט די ארבעטער.

דאָ איז מעכאניש איבערגעגעבנ דער רוסישער творительный падеж:

..были распространены рабочими.

אינעם פאסיוונ זאצ דארפ מענ ניצנ די פרעפאָזיציעס „דורכ" אָדער „פונ":

די לידער זײַנענ פארשפרייט געוואָרנ דורכ (פונ) די ארבעטער.

אופגאבע 72. פאָלגנדיקע פאסיווע זאצנ פארוואנדלט אינ אקטיווע:

1. די דעלעגאטנ זײַנענ באגעגנט געוואָרנ דורכ די פאָרשטייער. 2. די צײַטונג ווערט געלייענט דורכ טויזנטער מענטשנ. 3. דאָס ביכל איז פאָפּוליאריזירט געוואָרנ

פון די שילער. 4. די עקסקורסיע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן זעקסטן קלאַס. 5. די פראגע איז באלויכטן געוואָרן דורכן רעדנער. 6. דער ראַיאָן ווערט ארומגעכאַפּט דורך דער מטס. 7. די פראגע וואָלט באטראַכט געוואָרן אפ דער זיצונג, ווען דער מאטעריאַל זאָל צוגעגרייט ווערן דורך דער קאָמיסיע. 8. דער פּראָיעקט איז באשטעטיקט פון ראַטפּאָלקאָם.

אופגאבע 73. פון די פאָלגנדיקע זאצן ארבעט איבער אפ פאסיווע די, וואָס לאָזן זיך:

1. די כעווערע האָבן גוט אופגענומען דעם גאַסט. 2. אונדזער שעפ האָט צוגעשיקט די ביבליאָטעק. 3. די ארבעטער האָבן איינשטימיק אָנגענומען דעם פאָרשלאַג. 4. אפן זאוואָד „באָלשעוויק" האָט יעדער צעך זיין גאָרקיך. 5. אלע קאָלווירטן הייבן אופ פריר־ערד. 6. די מטס האָבן ארומגעכאַפּט העכער א העלפט פונעם קאָלווירטישן פארזיי־שעטעך. 7. דער רייפּארטקאָם האָט אָנגענומען אלע מיטלען אפ צו ליקווידירן דעם דורכרייס אין ליין־פארזיי. 8. אין וואָלאָדארסקער ראַיאָן פארנעמען די טעכקולטורן דאָס ערשטע אָרט. 9. סקווירער ראַיאָן האָט אויסגעפילט דעם פארזיי־פּלאַן פון צוקער־בורעקעס אפ 105 %.

אופגאבע 74. אָנשטאָט די פילפונקטן שטעלט אריין די פאסיקע פּרעפּאָזיציעס:

1. אונדזער זאוואָד האָט זיך איינגעשלאָסן אין קאָנקורס, וואָס איז געמאָלדן געוואָרן... „שטערן". 2. עדלשטאַטס און ווינטשעווסקיס לידער ווערן געזונגען... ארבעטער. 3. מע דארף אופשטעלן די געביידעס, וואָס זיינען רוינירט געוואָרן... דער ערד־ציטערניש. 4. די פריצים זיינען פארניכטעט געוואָרן... דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. 5. דער גאַנעוו איז געכאַפּט געוואָרן... מיליציאָנער.

אופגאבע 75. די וויטערדיקע זאצן זעצט איבער אפ יידיש אין דער פאסיווער און אקטיווער קאָנסטרוקציע לויט פאָלגנדיקן מוסטער:

Нашей фабрикой промфинплан полностью выполнен.

פאסיוו:	אקטיוו:
דער אינדפינפּלאַן איז דורך אונדזער פאבריק פולקום אויסגעפילט געוואָרן.	אונדזער פאבריק האָט פולקום אויסגעפילט דעם אינדפינפּלאַן.

1. Богатые источники сырья в Латинской Америке захвачены английскими империалистами. 2. В пятницу полицией были арестованы четыре товарища. 3. Компартией одержана крупная победа на последних выборах. 4. Фашистской печатью эта победа замалчивается. 5. Капиталистами скуплены все трамвайные линии городов Аргентины. 6. Безработицей охвачены все страны капиталистической Европы и Америки. 7. Рабочим ткацкой фабрики Никаноровым изобретен новый способ окрашивания материи.

אופגאבע 76. די זאצן מיט „מע" ארבעט איבער אפ פאסיווע און פארקערט:

1. מע דארף איינשטעלן א שטארקע דיסציפּלין. 2. עס דארף אָפּגעגעבן ווערן א גרויסע אופמערקזאמקייט דער פראגע וועגן פיצוכט. 3. מע מוז ארויסרוקן אפן

פּאָדער־גרונט די פּראָדוציר־פּראָפּאַגאַנדע. 4. עס דאַרף ברייט אַנטוויקלט ווערן די אַרבעט אַף אַרויסרוקן פייִקע אַדמיניסטראַטערס. 5. די רעדע ווערט אופמערקזאַם אויסגעהערט. 6. די אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן צו דער צײַט. 7. ביכלעך ווערן געליִיענט אַסאַך. 8. אין סאַמע ברען פון דער אַרבעט נעמט מען בײַ דער קאָלווירטניצע אַראָפּ דעם יאָך פון דער קיך און פון די קינדער. 9. די קינדער ווערן אָפּגעפירט אין די יאַסליעס און ווערן נאָך דער אַרבעט צוריק גענומען. 10. מע האָט באַהאַנדלט דרײַ פראַגעס. 11. די באַשלוסן זײַנען אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. 12. נעכטן האָט מען אָפּגעשיקט דרײַסיק פאַמיליעס קיין בירעבידזשאַן. 13. אַלע אָרדערס זײַנען צו דער צײַט רעאַליזירט געוואָרן.

אופגאַבע 77. פאַרריכט פאָלגנדיקע זאַצן מיט „זיך“ (פאַרבײַט זיי אַף פּאַסיווע):

1. דער סאָצגעוועט שליסט זיך צווישן דעם זעקסטן און זיבעטן קלאַס. 2. די פראַגע באַטראַכט זיך אַף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. 3. אײַנגיכן האָט זיך אויסגעפילט זײַן פאַרלאַנג. 4. אין קאָלווירט שאַפט זיך אַ סאָציאַליסטיש אייגנטום. 5. דער כאַוער באַפולמעכטיקט זיך אויסצופאָרשן די ביבליאָטעק. 6. דאָס געלט גיט זיך אויס ניט צוועקמעסיק.

אופגאַבע 78. זעצט איבער, ווו מע דאַרף, מיט אַ פּאַסיווער קאָנסטרוקציע, און ווו מע דאַרף—מיט „זיך“.

1. Улицы освещаются электричеством. 2. Он воспитывался в деревне. 3. Бюро переводится в район. 4. Вода льется из крана. 5. Вода превращается в пар. 6. Выбираются делегаты на с'езд. 7. Об'является конкурс. 8. Социалистическое имущество расхищается классовым врагом. 9. Себестоимость снижается. 10. В протоколе об этом не говорится. 11. Книжка читается с большим интересом. 12. Мы приближаемся к городу.

§ 24. ווערטערסיידער אינעם אײנפאַכן זאַץ.

אין רויִקער דערציילערישער רייד קומט געוויינלעך אַפן ערשטן אָרט אין זאַץ דער סוביעקט אָדער די סוביעקט־גרופּע (דער סוביעקט מיט די ווערטער, וואָס געהערן צו אים). דערנאָך — דער פערזאָניקער ווערב, דאָס הייסט—דער פרעדיקאַט אָדער אַ טייל פרעדיקאַט.

צומבײַשפּיל: דער קאָלעקטיוו האָט געאַרבעט אין דער באַלקע הינטערן שוואַרצן כוטער. די דרײַ פערד האָבן פריילעך געשלעפּט די שנײַד־מאַשין. די מאַשין האָט געגראַגערט.

מע דאַרף זיך היטן פאַר גרײַזן אין דער שטעלונג פונעם פערזאָניקן ווערב.

מע טאָר, צומבײַשפּיל, ניט שרײַבן: אַף דער שאַכטע דער פּלאַן ווערט אויסגעפילט (דער פערזאָניקער ווערב אַפן דריטן אָרט).

דער פערזאָניקער ווערב קאָן קומען אַפן ערשטן אָרט אין זאַץ. דאָס ווײַזט, אַז דער געגעבענער זאַץ איז ענג פאַרבונדן מיט אַ פריִערדיקן. דער זאַץ מיטן פערזאָניקן ווערב אַפן ערשטן אָרט דריקט דאַן אויס אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס ס'איז געזאָגט אינעם פאָריקן זאַץ.

צומבייַשפּיל: דער אינסטרוקטער איז קראַנק, פאַרבייַט אים דער בריגאַדיר (רעזולטאַט).

דער צווייטער זאַץ קאָן אויך אויסדריקן א קעגנשטעלונג צום דערוואַרטן רעזולטאַט.

צומבייַשפּיל: איך האָב אים געבעטן לייענען, וויל ער ניט.

אויב מע וויל, אַז דער פּערזאָניקער ווערב אָנהייב זאַץ זאָל ניט אויסדריקן קיין פאַרבינדונג מיטן פריערדיקן זאַץ (ווען דאָס איז ניט נייטיק), דאַן קומט פאַרן פּער־זאָניקן ווערב דאָס וואָרט „עס“.

צומבייַשפּיל:

א. דער זאַוואָד אַרבעט. פליִען פונקען פון די הויכע קוימענס.

ב. ס׳אַרבעט דער זאַוואָד. ס׳פליִען פונקען פון די הויכע קוימענס.

א בייַגליד, וואָס מע וויל שטאַרקער באַטאָנען, קומט אפן ערשטן אָרט.

צומבייַשפּיל: כּייעס האָט דער פּאָרעץ ליב געהאַט. מענטשן האָט ער גע־פּייַניקט. א הינט־הויף האָט ער אויסגעבויט ניט ערגער פון א פּריצישער דירע. (קאָראָלענקאָ)

א בייַגליד קאָן אַמאָל קומען אפן ערשטן אָרט אין זאַץ צוליב דער פאַרבינדונג מיטן פריערדיקן זאַץ.

צומבייַשפּיל: דעם 20 דעקאַבער האָט זיך אָנגעהויבן דער צונויפפֿל פון יידישע לערער. דעם צונויפפֿל איז געקומען באַגריסן א דעלעגאַציע פון אוקראַיִנישע לערער.

אַן אַדווערב, וואָס געהער צו אַן אַדיעקטיוו, שטייט שטענדיק פאַרן אַדיעקטיוו.

צומבייַשפּיל: א טעכניש אָפּגעשטאַנען לאַנד.

דער אַדווערב „טעכניש“ געהער צום אַדיעקטיוו „אָפּגעשטאַנען“.

מע קאָן ניט זאָגן:

אַן אָפּגעשטאַנען טעכניש לאַנד.

דאָס וואָלט באַטייַט „א טעכניש לאַנד“, וואָס איז אָפּגעשטאַנען.

די ווערטער „גאָר“, „זייער“, „צו“, וואָס געהערן צו אַן אַדיעקטיוו, קאָנען אַמאָל קומען פאַרן אַרטיקל.

צומבייַשפּיל: גאָר א ווייַטער קאָרעוו.

אָדער: א גאָר ווייַטער קאָרעוו.

די ווערטער: אַזש, אַפילע, טאַקע, דאַפקע, דען א.א. הייסן פאַרשטאַרקווערטער. זייער ראָליע אין זאַץ איז צו באַטאָנען דעם אָדער יענעם זאַצגליד.

דאָס פאַרשטאַרק־וואָרט קומט בישכיינעס מיט יענעם וואָרט, וועלכעס עס באַטאָנט.

צומבייַשפּיל:

א. אַפילע איך האָב ניט געוואָלט מיט אים ריידן.
ב. איך האָב אַפילע ניט געוואָלט מיט אים ריידן.
ג. איך האָב ניט געוואָלט מיט אים אַפילע ריידן.
ד. איך האָב ניט געוואָלט ריידן אַפילע מיט אים.

דער אַדיעקטיוו שטייט געוויינלעך אינעם זאַץ פאַרן סובסטאַנטיוו, צו וועלכן ער געהער.

צומבײַשפּיל: עס שפּירט זיכ דער פריילעכער יאָנטעוו אינ רוסישקע גאסנ.

אינ דער ליטעראַרישער שפּראַכ, באַזונדערס אינ דער דיכטונג, קומענ פאָר אָפּ־ווײַכונגענ פונעמ געוויינלעכנ ווערטערסיידער. די דאָזיקע אָפּווײַכונגענ קומענ צוליב באַטאָנענ דעמ אָדער יענעמ זאַצגליד.

צומבײַשפּיל: אינ וועלדער געדיכטע, אינ וועלדער ווײַסרוסישע ווער וועט הײַנט האַלטנ די וואַכ?

די אַדיעקטיוונ קומענ דאָ נאָכנ סובסטאַנטיוו אונ ווערנ דערמיט שטאַרקער באַטאָנט.

אינ דער דיכטונג ווערט די אָפּווײַכונג פונעמ געוויינלעכנ ווערטערסיידער צײַטנ־ווײַז דערקלערט מיט פאָדערונגענ פונ ריטמ אונ גראַמ.

צומבײַשפּיל: פאַר פראָנטנ פאַר אַלע אַזוינס מיר פאַרמאָגנ, וואָס וועט אַלע לענ־דער אינ שאַפנ דעריאָגנ.

דער אָביעקט (אַזוינס) שטייט דאָ אפנ צווייטנ אָרט, דער פּערזאָניקער ווערב — סאָפ זאַצ.

אופגאַבע 79. אינ פאָלגנדיקע זאַצנ ענדערט דעמ ווערטערסיידער אונ קוקט זיכ צו, אפ וואָס פאַר אַנ אָרט קאָנ קומענ די סוביעקט־גרופּע, דער פּערזאָניקער ווערב, וויאַזוי ענדערט זיכ די אַקצענטירונג פונ די זאַצגלידער:

1. דער צוג איז פאַמעלעכ אָפּגעגאַנגענ פונ דער סטאַנציע.
2. דער מאַנגל אינ קאַדרענ פאַר דער לאַנדווירטשאַפט פילט זיכ נאָכ גענוג שאַרפ.

אופגאַבע 80. שרײַבט אַרויס פונ דער אופגאַבע נומ. 20 עטלעכע איינפאַכע זאַצנ אונ שטעלט פעסט, אפ וואָס פאַר אַנ אָרט שטייט דאָרט דער סוביעקט, דער אָביעקט, דער פּערזאָניקער ווערב א. אַז. וו.

אופגאַבע 81. אינ די ווײַטערדיקע בײַשפּילנ דערקלערט די פונקציע פונעמ פּערזאָניקנ ווערב אפנ ערשטנ אָרט:

1. מיט פערצנ יאָר צוריק פלעגנ דאַמפּערס גיינ לאַנגזאַמ. זײַנענ מיר ביז ניזשני געפאָרנ זייער לאַנג. 2. ער האָט באַקומענ א טעווע — ער פאַרטראַכט זיכ. האָט ער זיכ צעשניטנ צוויי פינגער. 3. יוינע איז א בעקער. רופט מענ אימ: יוינע דער בעקער. 4. מע האָט דאָ ניט פאַרפלאַנצט קיינביימער אונ קיינ פּאַרקנ. שפּילט מענ זיכ דאָ הוילינקע אינ שטויב.

אופגאַבע 82. טראַכט צו עטלעכע פּאָרלעכ זאַצנ, דער פּערזאָניקער ווערב זאָל שטיינ אינעמ צווייטנ זאַצ אפנ ערשטנ אָרט.

אופגאַבע 83. זעצט איבער אונ לייגט אַכט אפנ אָרט פונעמ פּערזאָניקנ ווערב:

Пароход медленно отходит от острова. Я еду на остров Вайгач. Долго мы плыли. Наконец показался остров. Там стояло несколько деревянных домов. Людей было совсем мало. Вечером мы начали устраиваться в новой квартире.

אופגאַבע 84. שרײַבט אָנ פינפ זאַצנ מיט אַדיעקטיוונ, וואָס שטייענ פאַרנ סובסטאַנטיוו, אונ פאַרקערט.

אופגאבע 85. טראכט צו פינף ביישפילן מיט די אדווערבן: זייער, צופיל, גענוג, קוים, צו (слишком) פארן אדיעקטיוו.

אופגאבע 86. שרייבט אראפ און שטעלט אריין די אונטנגעבראכטע אדווערבן אפן פאסיקן ארט:

זיי לעבן אין א נידעריקן צימער. די פיש האט מען אריינגעלאזט אין א פלי־סעוודיקער וואסער. די קערנער זיינען געפאלן אין צעווייקטער ערד. דאס פרישע היי האט געאטעמט מיט שארפע רייכעס.

אדווערב: שטארק, קוים, צו, זייער.

אופגאבע 87. שרייבט אראפ און שטרייכט אונטער די אפווייכונגען פונעם געוויינלעכן ווערטער־סיידער:

איצטער קעמלען א שערענגע
מעסטן וויסטעס ברייט און לענג.

אפ די הארבעס האק און פאק,
פארנט פירט זיי אן אישאק.

ער איז קינדיש קליין פאר זיי,
נאר האט אויערן גרויסע צוויי

און מיט דריבנע קליינע שפאן
טראגט אפ זיך א לאנגן מאן.

דער מאן אין זעקס כאלאטן זיצט.
כאטש סע ברענט און בראט די היץ.

(לויט ל. קוויטקא)

אופגאבע 88. שרייבט אראפ און באטאנט באזונדערע זאצגלידער דורך צוגעבן צו זיי פאר־שטארקווערטער. שטעלט זיי אפן פאסיקן ארט:

דער מאטאר האט געארבעט גוט. דער מאשיניסט איז געווען אפן ארט. ער האט געטראכט אריינגיין אפ א מינוט אין אנדערן צעך, אבער ער איז ניט געגאנגען. פלוצעם האט זיך דערהערט א הילך. די פענצטער האבן א ציטער געטאן. דער מא־טאר איז געבליבן שטיין. דער מאשיניסט איז געווארן בלייך, ווי קרייד. ער האט זיך באלד באהערשט און געכאפט אין דער האנט אריין אן אינסטרומענט.

איבערכאזערונג.

אופגאבע 89. דערקלערט די אפשטעל־צייכנס אין די וויטערדיקע זאצן:

1. זיי, די יאטן, האבן די פסורע אופגענומענע ייִנגלש: געטאנצט, ארומגע־נומען איינער דעם צווייטן פאר פרייד. 2. גאזלאנים, גוואלד, גוואלד, עס שיט זיך דאך אויס די וייצ! וואס שטייט איר, ווי די ליימענע גוילעמס? 3. פונוויטנס, פון דער געדיכטער טווע, האט מען אין דער וויניק טונקעלער נאכט געזען, ווי עפעס א פלעק האט זיך געשווארצט. 4. מאלאדצי, מיינע פערדלעך, עסט און טרינקט, און

זאָל אײַך װײל באַקומען. 5. מיר זײַנען, כ'לעבן, פּראָסטע מענטשעלעך. 6. אומזיסט געדולט א קאָפּ אי יענעם, אי זיך. 7. זיי פלעגן, נעבעך, אהיים קומען פון כיידער מיט ברוין־בלויע, אויסגעקניפּטע באַקן און אונטערגעשלאָגענע אויגן. 8. דעריקער זאָל ער, דער קראַנקער, טרינקען מילך, גיין אין גאַס אַרײַן, ריידן, שמועסן. 9. זיי, די מאַשינקעלעך, פילן אויס זייער א גרויסע אַרבעט: ריגעװענ לאַצן, שטעפּן קאָל־נערס, באַװאַרפן ברעגלעך. 10. כאַװײרים, דאָ האָט דער פאָרשטײער פון פאַבריק דורכגעלאָזט א װיכטיקן פאַקט. 11. איר פאַרשטײט, כאַװער יעװגעני, מיר דאַרפן זיך בא אים נאָך לערנען באַהערשן די נײַע מעכאַניזמען.

אופגאַבע 90. שרײַבט אַראָפּ און שטעלט די געהעריקע אָפּשטעל־צייכנס:

1. כאַװער סאַמסאָנאָװ מע דאַרף לאָזן דעם מאָטאָר. יאָ יאָ מע דאַרף גיכער לאָזן דעם מאָטאָר. 2. װעלן מיר פאַרװיכערן כאַװער יעװגעני? יאָ אַנדריי מיר װעלן פאַ־רװיכערן. 3. און עס גלוסט זיך דיר זיך לאָזן אין געלױף ריידן רופן שרײַען. 4. טאָ־ניע דער נײַער טעכניקער געפעלט מיר ניט. פאַרװאָס געפעלט ער דיר ניט יעפימקע? 5. פאָר כאַים קיין דאָנבאַס אַרבעטן אפ דער שאַכטע. 6. עס איז אָנגעקומען דער דעסיאַטניק פעטראָ. א הויכער איז ער פעטראָ. 7. דער טאַטע דאָס קליינע רעב זײַנ־װעלע איז געװען א קליינס א דאַרס מיט כיטרע אייגעלעך און א גיפּטיק שמייכעלע. 8. טאָנקע דאָס מיידל מיט די יונגע אײַזערנע הענט האָט די גאַנצע װירטשאַפט געפירט געקאָכט געראָמט געװאַשן געהאָדעװעט די פי. 9. זיי האָבן זיך געמיט ניט צו באַרירן די גלאַטע שטיינער און ניט אָנמאַכן כאָלילע קיין שאָדן. 10. אונדזערע פאַרשװינע נעבעך האָבן געהויבן פיס און זײַנען געלאָפן פאַר שרעק. 11. אָ ביניאָ־מין איך האָב דערטאַפּט די קאָשערע מעציע.

אופגאַבע 91. שרײַבט אַראָפּ. באַשטימט די טיפן זאַצן, אַנאַליזירט יעדן זאַץ און שטעלט אַרײַן אָפּשטעל־צייכנס:

I. די גראָע רירעװדיקע נעפּלען קלײַבן זיך צוזאַמען אין א שװאַרצן װאָלקן עס איז שטאַרק דושנע עס װעט רעגענען דאָס שטיבל שטייט אונטערן באַרג דאָס שטרוי־ענע דעכל איז פול מיט לעכער די װאָלקנס האָבן פאַרשטעלט די זון די רעשט ליכט פאַרשטעלט דער באַרג אין שטיבל איז קימאַט פינצטער עס איז פאַרנאַכט באַלד װעט די נאַכט צופאַלן אין עק אפן קוימען שטייט א ליידיק לעמפּל מיט אַן אָפּגע־בראָכן גלעזל אין שטיבל איז שטילער װי אינדרויסן דער קוימען איז ניט ליידיק עטלעכע ערדענע האַלב־צעבראָכענע טעפּלעך אביסל אַש א שטיקל אָפּגעשליפענער ציגל אײַזערנע פיסלעך נאָר אָן א פונק פײַער אין ליידיקן שטיבל איז קימאַט פינצטער.

(י. ל. פּערעץ)

II. 'באַרעכן נאָר טעװיע דו פערד איינער ביסט דאָך עפּעס זאָגט מען יאָ ניט קיין נאַר װי קומסטו זיך לאָזן פירן אין באָד אַרײַן װאָס װאָלט דיר אָפּגעגאַנגען אַצינדערט־אָ לעמאָשל בא דײַן שטיקל פּאַרנאָסע מיט דײַן ביסל מילכיקס װאָס עס האָט אַזאַ שעם אפ דער װעלט כלעבן אומעטום אין בױבעריק אין יעהופּעץ און װי ניט בעקיצער ניט געדאַכט זאָלן זיי װערן מע האָט מיר א גוט אויג געגעבן א קאָ־

רעוו האָט מיר גאָט צוגעשיקט עפּעס א שמעלקע מענאכעמ־מענדל הייסט ער א פליער א לויפער א דרייער א נעכטיקער טאָג.

וועט איר דאָך פרעגנ ווי קומ איך טעוויע צו מענאכעמ־מענדלענ וועל איך אייך דערופ ענטפערנ א טערעצ ס'איז אזוי באשערט.

— שאָלעמ־אליכעמ רעב טעוויע וואָס מאכט א ייד?

איך דריי מיך אויס אונ טו א קוק א באקאנטער.

— מיך רופט מענ זאָגט ער מענאכעמ־מענדל באָרעכ־העדש לייע־דוואָסיעס.

— אזוי גאָר ביסטו הייסט עס א היגער זאָג איך טאקע א יעהופּעצער טוישעוו.

(שאָלעמ־אליכעמ)

III. עליע טאצ

באנאכט האָט מענ עליע טאצנ ארויסגערופנ אינ זאוואָד.

מיט א פאָר שאָ צוריק איז עליע טאצ ארייַנגעפאלנ אינ בעט א מידער אונ א גליקלעכער אינ די אָנגעדראָלענע העמט אינ די שווערע פיס צעגייענ זיך די אייַנגע־שטאנענע בלוטנ.

— מאָרגנ וועט זייַנ רו

פונ טרייַבל האָט ארויסגערעדט ווערע גערעסימענקאָס שטימ

— עליע טאצ

— נו יאָ עליע טאצ וואָס לאָזטו ניט שלאָפנ הא־הא־הא אנ אוואריע א רער פונ דער וואסערלייטונג האָט געפּלאצט האלט באמ פּלאצנ נו וואָס־זשע קאָנ איך העלפנ וועט אויסקומענ אָפּארבעטנ די נאכט שלאָג ניט אפ די געפילנ יאָ איך בינ א קאָמיוגיסט

— קריכ איצט, — האָט ער שטיל א בורטשע געטאָנ אונ גענומענ ארופשלעפּנ א שטיוול.

דער שטיוול איז ווי אפצולאָכעס ניט געקראָכנ עליע האָט אימ שווער געשלעפּט אונ געהאלטנ אינ איינ בורטשענ

— אָ־אָ־אָבער אז איך קאָנ ניט איך פיל נישט דעמ קאָפּ איך בינ צענ נעכט קימאט ניט געשלאָפנ

טיפע נאכט דאָס קליינע ווייַזערל אפנ וואנטזייגער שטייט בא צוויי איבערנ ווערסטאק וויגט זיך א שמאָל רעדל שייַנ אינ רעדל שייַנ שוועבט ארומ עליעס שווארצער צעפּאטלטער קאָפּ דער גרעסטער טייל פונ דער ארבעט איז שוינ פארטיק איצט בלייַבט צופּאסנ באזונדערע טיילנ דאָ פאָדערט זיך אסאך אופמערקזאמקייַט

— עכ־עכ אונ שלאָפנ גלוסט זיך

פויל גייט ארומ די פייַל אינ האנט אָט פארמאכנ זיך אפילע די אויגנ

— ניינ, — פארקריצט עליע מיט די ציינ, — ניינ מאָרגנ פרי מוז זייַנ פארטיק די מאָדעל עכ גענומענ זיך

צונויפגעזעצטער זאצ

25 §. טיפּנ צונויפגעזעצטע זאצנ.

צווישנ די איינפאכע זאצנ, וואָס גייענ אריַינ אינ באשטאנד פונ א צונויפגעזעצטנ זאצ, קאָנענ זיַינ צווייערליי פארבינדונגענ:

אָדער די איינפאכע זאצנ זיַינענ זעלבשטענדיקע, אָדער איינ איינפאכער זאצ דערקלערט א זאצגליד פונ צווייטנ זאצ.

צומבײַשפּיל:

א. דער זומער ווינקט פונ אלע שפּאלטנ ארויס, אונ דאָס ווינטל הויכט מיט א ליבער ווארעמקיַיט.

בּ. ווענ די זונ איז שוינ געשטאנענ נידעריק אינ הימל, האָבנ די כעווערע ערשט געוואָרפנ די ארבעט.

אינ **א** איז געגעבנ א בילד מיט דער הילפ פונ איבערעכענענ צוויי באזונדערע דערשײַנונגענ — דורכ צוויי זעלבשטענדיקע זאצנ.

אינ **בּ** דערקלערט דער ערשטער זאצ דעמ פּרעדיקאט פונעמ צווייטנ אונ ענטפערט אפ דער פראגע „ווענ?"

די פארבינדונג צווישנ איינפאכע זעלבשטענדיקע זאצנ, וואָס גייענ אריַינ אינ א צונויפגעזעצטנ זאצ, הייסט ק אָ א ר ד י נ א צ י ע.

די פארבינדונג צווישנ איינפאכע זאצנ, וואָס איינער פונ זיי דערקלערט א זאצגליד פונעמ צווייטנ, הייסט ס ו בּ אָ ר ד י נ א צ י ע.

דער איינפאכער זאצ, וואָס דערקלערט א זאצגליד פונ א צווייטנ איינפאכנ זאצ, הייסט בּ ײַ ז א צ. דער איינפאכער זאצ, וואָס דער בּײַזאצ דערקלערט זיַינעמ א זאצגליד, הייסט ה ו י פּ ט ז א צ.

אופגאבע 92. שריַיבט אראָפּ אונ וויַיזט אָנ, פונ וויפל איינפאכע זאצנ עס באשטייט יעדער צונויפגעזעצטער זאצ.

I. מע האָט גערוארט אפ דער רויטער ארמיי.

נאָכ א פּאָר ווערסט ווערנ פערד זייערע רײַטערס אפּ די רוקנס הייבנ, אונ די שטאָט־טויערנ וועלנ מיט די צעשפּרייטע אָרעמס זיי אריַינעמענ.

איז די רויטע ארמיי אינ שטאָט אָנגעקומענ, אונ אלע גאסנ זיַינענ פול געוואָרנ מיט מענטשנ.

באנאכט איז דער גרויסער שטאָט־זאל געווענ געפּאקט. די גאנצע בינע איז געווענ פארשטעלט מיט רויטע פאָנענ, מיט רויטקיַיט אונ פרייד איז געווענ דער זאל איבערפולט.

דאָ האָט מענ ווידער דערמאנט די אומגעקומענע, צעשאָסענע כאווייריִמ. דער אָנטעוו האָט זיכ אויסגעמישט מיט א טרויער־אָוונט, אונ פונ אלעמענס מײַלער האָט געקלונגענ נאָר איינ טײַנע: צי האָט מענ ניט געקאָנט זיי ראטעווענ?

II. די פאַרקער־וועגן שפּילן זייער אַ גרויסע ראָליע אין דער ווירטשאַפט, ווײַל די מער פאַרצווײַגטע ווירטשאַפט פאָדערט מער פולקומע פאַרקער־מיטלען. ווען די מענטשן האָבן זיך געפונען נאָך אויף אַ גאָר נידעריקער שטופע פון אַנטוויקלונג, האָבן זיי געבויט זייערע ייִשובֿים מערסטנטייל בײַ די טײַכן און אויף די ברעגן פון ים, וואָס האָבן זיי געדינט אַלס פאַרקער־מיטלען. ווען די פאָרמעס פון דער ווירטשאַפט האָבן זיך אַנטוויקלט און ס'איז נייטיק געוואָרן אַ גרעסערע פאַרבינדונג, דעמלט זײַנען געשאַפן געוואָרן נײַע וועגן: גרונט־וועגן, שאָסייען א. אַז. וו.

§ 26. קאָאָרדינאַציע.

אין צונויפגעזעצטע זאַצן מיט קאָאָרדינאַציע קאָן אויסגעדריקט ווערן: איבערע־ ־ענונג, קעגנשטעלונג, מעגלעכקײַט פון אויסוואַל, קאָנקרעטיזאַציע. אויף צונויפבינדן די איינפאַכע זאַצן אין אַ צונויפגעזעצטן זאַץ מיט קאָאָרדינאַציע דינען בינדווערטער, ווערטערסיידער, אינטאָנאַציע.

1. איבערעכענונג. אין צונויפגעזעצטן זאַץ ווערן איבערגערעכנט באַזונ־ דערע אַקציעס אָדער דערשײַנונגען.

צומבײַשפּיל: די גאַנצע בינע איז געווען פאַרשטעלט מיט רויטע פאָנען, און דער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן.

איבערעכענונג ווערט אויסגעדריקט:

א) דורך די בינדווערטער: און, אי־אי, סײַ־סײַ.

צומבײַשפּיל: עמעצער טוט זיך אַ ריר, און אַ שטיק שטיין לושטשעט זיך אויף פון דער סטעליע.

אי אוראָם לערנט זיך, אי דער דעסיאַטניק האָט לעבן זיך אַ מענטשן.

ב) בלויז דורך אינטאָנאַציע.

צומבײַשפּיל: אַרום טאַבאָר טראָגט זיך אַ רייעך פון לײַב־וואַרעמקײַט, די לופט שמעקט מיט פרישן היי, בײַ די זײַטן רויכערן זיך קאָפּקעלעך בעהיימישע מיסט, ער־ געץ טראָגט זיך אַ געזאַנג.

2. קעגנשטעלונג. דאָס געזאָגטע אין איין איינפאַכן זאַץ ווערט קעגנגע־ שטעלט צו דעם, וואָס איז געזאָגט אין אַנדערן איינפאַכן זאַץ.

צומבײַשפּיל: דאָס פאַרשוויצטע פּאָנעם האָט געגלאַנצט, נאָר קיין שפּור פון מיד־ קײַט איז אויף דעם ניט געווען.

קעגנשטעלונג ווערט אויסגעדריקט:

א) דורך די בינדווערטער: אָבער, דאָך, נאָר, פונדעסטוועגן. אַמאָל אויך דורכן בינדוואָרט און.

צומבײַשפּיל: איך האָב געפּרוווט דערקלערן דעם מענטשן די זאַך, אָבער ע[s] איז געווען אומזיסט.

די קינדער זײַנען שוין טיילווײַז געווען מיד, דאָך איז מען געגאַנגען לעבעדיק פריילעך.

פּעסי רעדט צו אונדז, נאָר קיינער הערט זי ניט.

אין קאָלווירט אַרבעט מען מיט מאַשינעס, און ליפּע אַרבעט מיט די הוילע הענט

ב) דורך ווערטערסיידער (דער פּערזאָניקער ווערב פון צווייטן זאַץ אויף ערשטן אָרט).

צ. ב.: ער איז אוועקגעפאָרנ ווערנ א מאָלער, איז ער גאָר געוואָרנ א פאַ־בער.

3. מעגלעכקײַט פונ אויסוואַל. אינ צונויפגעזעצטנ זאצ ווערנ איבער־גערעכנט אקציעס אָדער דערשײַנונגענ, וואָס פונ זיי איז איינציײַטיק מעגלעכ נאָר איינע.

מעגלעכקײַט פונ אויסוואַל ווערט אויסגעדריקט דורכ די בינדווערטער: אָדער, אָט.

צומבײַשפּיל: אָדער ער וועט בלײַבנ אָפּרוענ זיכ אינ דאָרפ, אָדער ער וועט פאָרנ אפ אנ עקסקורסיע קיינ לעני נגראַד.

זי וועט צופאָרנ מיטנ פורל, אָדער זי וועט גאָר צוגיינ צופוס.

אָט באַווײַזט ער זיכ אינ צעכ אפ א טאָג־צוויי, אָט פארשווינדט ער ווידער אפ גאַנצע וואָכנ.

באמערקונג. דאָס בינדוואָרט „אָדער" קאָנ קומענ צווישנ די קאָאָרדינירטע זאצנ אָדער בא יעדנ פונ זיי.

4. קאָנקרעטיזאציע. דאָס געזאָגטע אינ צווייטנ זאצ דערקלערט, קאָנקרע־טיזירט דעמ אינהאַלט פונעמ ערשטנ זאצ. ביידע זאצנ ווערנ דאַנ פארבונדנ מיט דער הילפ פונ די ווערטער „דאָס הייסט" אָדער בלויז מיט אינטאָנאַציע.

צומבײַשפּיל: די בורזשואַזע וועלט לעבט שוינ איבער עטלעכע יאָר א שרעקלעכנ עקאָנאָמישנ קריזיס, דאָס הייסט איר ווירטשאַפט צעפאַלט זיכ.

אינ גרויס אויפגערעגטקײַט פאלט פענעק אפ אנ אופּטו — מיט דער לינקער האַנט כאַפּט ער זיכ אָנ פארנ פארקנ אונ שפרינגט אונטער.

דער צווייטער איינפאַכער זאצ פונ צונויפגעזעצטנ קאָנ אָפט זײַנ אנ אומפולער, דאָס הייסט, אינ צווייטנ זאצ קאָנ פארשפאָרט ווערנ דער פּערזאָניקער ווערב, דער פּרעדיקאַט אָדער אנ אַנדער זאצגליד, ווײַל ער איז שוינ באַוווּסט פונעמ ערשטנ.

צומבײַשפּיל: איינ בריגאַדע האָט געקראָגנ די איבערגאַנג־פאָנ, די צווייטע — א פּרעמיע.

§ 27. אָפּשטעל־צייכנס בא קאָאָרדינאציע.

1. די איינפאַכע זאצנ אינ א צונויפגעזעצטנ זאצ מיט קאָאָרדינאציע ווערנ אָפּ־געטיילט מיט קאָמעס, סײַ ווענ זיי זײַנענ קאָאָרדינירט דורכ בינדווערטער, סײַ ווענ קיינ בינדווערטער קומענ ניט.

2. בא א קאָנקרעטיזאציע אָנ די ווערטער: „דאָס הייסט" קומענ צווישנ ביידע זאצנ א צווייפּונקט אָדער א טירע.

צומבײַשפּיל: עס שטייט נאָכ פאָר דאָס שווערסטע: מע דאַרפ עס אָנשרײַבנ.

א לאָקאָמאָטיוו האָט געפּרוווט זײַנע קויכעס — ער וועט דערשלעפּנ דעמ צוג צי ניט?

3. ווענ דער צווייטער זאצ אנטהאַלט א שאַרפע אנטקעגנשטעלונג צו דעמ, וואָס ס'איז געזאָגט אינ ערשטנ, קומט דאַנ צווישנ ביידע זאצנ א טירע; אינ ריידנ הערט זיכ צווישנ אַזעלכע זאצנ א לענגערע פּאַוזע.

צומבײַשפּיל: זיי האָבן גערעכנט קומען אינדערפֿרי — און זיי זײַנען אָנגעקומען שפּעט בײַנאַכט.

אויפֿגאַבע 93. שרײַבט אויס פֿונעם ווײַטערדיקן טעקסט באַזונדער די איינפֿאַכע זאַצן און באַזונדער די צונויפֿגעזעצטע. שטרײַכט אונטער די בינדווערטער:

מיט די ערשטע ווינטן פֿון פֿרילינג פֿליִען אַהער אין פֿאָרשטאָט אָנפֿאָרן הונדערטער פֿאָלישוקעס, גראָבערס און נעמען זיך גראָבן אין די טיף־אויסגעהאַקטע זײַטן פֿון די אַרומיקע לײמיקע בערג. אַלע האָבן זיי געהאַט לײַגענע קעפּ און בלאַסע פּענעמער, און זייער קליידונג איז געווען ליים־גראָ, גלײַך מע וואָלט זיי געוואַשן אין גראָע וואַסערן פֿון די אָנצאָליקע ליים־גריבער.

האָבן זיך אָנגעהויבן רויכערן די קוימענס פֿון די ציגעלנעס, און אונטער די שטאַרק־ברייטע שאָפּעס אויף די קורצע פֿיסלעך האָבן זיך געפּאָרעט גאַנצע הײַפֿלעך מיידלעך פֿון שמאָלע געסלעך פֿון פֿאָרשטאָט.

אויף דער איינציקער ברייטער גאַס האָבן זיך געשלעפּט קאָלימאַזשקעס מיט ציגל און האָבן געצויגן גרויסע שטויביקע פּאַסן איבער דער גאַנצער לענג פֿון ברוק.

נאָכעם פֿלעגט מונטער שפּאַנען מיט זײַן ליידיקן קעסטל אויפֿן אַקסל, און ער פֿלעגט וואַרפֿן פֿרײַנטלעכע בליקן אויף די יונגע פֿאָלישוקעס, אויף די שווערע הײַפֿלעך צונויפֿגעטוליעטע ציגל אין די וועגעלעך. אַנדערע פֿאָלישוקעס מיט ברייטע פֿאַרטעכער וועלן פּאַסן און לייגן אָט די ציגל איינס צום צווייטן, סע וועלן קלאַפּן גרינגע ברייט־בייניערדיקע העמערלעך, קעלניעס וועלן שמירן און שקראַבען, ווענט וועלן וואַקסן און וועלן אין זיך אײַנעמען שוואַרצע מיט האָלץ פֿאַרזוימטע פּירעקן פֿון טירן און פֿענצטער...

(ד. האָפּשטיין)

אויפֿגאַבע 94. דערקלערט, דורך וועלכע מיטלען זײַנען צונויפֿגעבונדן די איינפֿאַכע זאַצן. שטעלט פֿעסט די באַציִונג צווישן זיי און דערקלערט די אָפּשטעל־צייכנס:

I. 1. לעבן ווײַסן טירל זײַנען זיי געבליבן שטיין און זיך אײַנגעהערט: מע רעדט דאָרט אינעם פֿאַרוואַקסענעם ווינקל. 2. עס שלאָפֿט נאָך די שאָפּ אין דער וואַרעמער קלוניע, נאָר אַ האָן האָט שוין געגעבן אַ קריי אויף אַ בוידעם. 3. דער וואַלד האָט שוואַך גערוישט, און דאָס טײַכל בײַ די דעמבענע לעזשענעס האָט געפּלאַפּלט און ניט מיד געוואָרן. 4. הינטער אים איז האַלב לוטשינקי געשטאַנען מיט קינד און קייט, און אַלע האָבן געהאָלדערט צו גאָרנען. 5. פֿון לאַנג זיצן אין יאָנטעוודיקן עסצימער מלויעט אים אויש אויפֿן האַרצן — ער וואָלט מיט פֿאַרגעניגן בעסער געוועזן אין קיך. 6. מע האָט שוין געפּרוווט אונטערזוכן דעם שטאַם, נאָר די זעג־ציינדלעך האָבן זיך געטעמפּט און זיך געבראָכן אין די סטאַרטשענדיקע סוקעס. 7. דער קראַנקער האָט זיך געוואָלט אויפֿהייבן, האָט ער קיין קויעך ניט געהאַט. 8. גאָרן האָט פֿון אַלע זײַטן אַרומגעקוקט דאָס בריוול — בלויז האָט קיין איין וואָרט ניט צוגעשריבן. 9. ער האָט אָוועקגעשקראַבעט צו זיך, אַדאַם איז אַוועק מיט זײַן טשערעדע אין וואַלד, די ראַדאָווילער זײַנען געבליבן זיצן און באַרעדט די בלאָטעס. 10. אָדער ער שמייכלט פֿון דער אומגעלומפּערטער סוואָרע, אָדער די זאַך איז אַן עמעס.

II. 1. ער [1] האָט יאָרנלאנג געקליבנ געלט, קעדיי צו קויפנ א שטיקל ערד, ער האָט עס געקויפט, אונ ער וויל, פארשטייט זיכ, מיט דעמ זיכ ניט שיידנ; ער וועט בעסער ליידנ דאכקעס, ער וועט בעסער פארווילדעוועט ווערנ, אבי נאָר ראטעווענ זיינ שטיקל ערד — דעמ פונדאמענט פונ זיינ אינדיווידועלערווירטשאפט. 2. אונ טאקע דערפאר, וואָס בא אונדז איז ניטאָ קיינ פריוואט-אייגנטומ אפ ערד, איז אויכ ניטאָ יענע קנעכטישע צוגעבונדנקייט פונעמ פויער צו דער ערד, וואָס איז פאראנ אפ מייערעוו 3. בא אונדז איז פאראנ נאציאָנאליזאציע פונ דער ערד, וועלכע פארגרינגערט דעמ אריבערגאנג פונעמ אינדיווידועלנ פויער אפ די רעלסנ פונ קאָלעקטיוויזמ.

I. 1. איבערנ כוטער האָבנ זיכ שוינ איבערגערופנ די לעצטע הענער... עלקע איז פריש, מיט א ברייטנ טראָט געגאנגענ ארופ-בארג. 2. ער האָט מיט די לאנגע דארע פינגער איינציקווייז געריסנ דאָס גראָז... ס'האָט זיכ אלצ מער אָנגעקלעפט בלאָטע בא אימ אונטער די נעגל. 3. מע וועט דארפנ צוגיינ... דערווייל דארפ מענ ארבעטנ. 4. די זונ האָט זיכ געזעצט אלצ נידעריקער אונ נידעריקער אונטערנ בארג... איבערנ סטעפ האָבנ אָנגעהויבנ גרילצנ די נאכט-צירקונעס. 5. עלקע האָט אלצ גערעדט אונ גערעדט... שעפטל האָט דעמלט געטראכט וועגנ זיינע הינער. 6. יאנקעוו אָקסמאנ האָט געוואָלט אונטערשמייכלענ... ער האָט ניט געקאָנט. (נאָטע לוריע)

II. 1. אלע זיינענ געשלאָפנ... די פערד זיינענ געשטאנענ בא די קאָרעטעס אונ געקייט 2. מענאשע באטראכט אלעמענ מיט דער גרעסטער טשיקאווערדיקייט... ווער קאָנענ זיינ די דאָזיקע מענטשנ? 3. דרייט זיכ אייזיק, ווי א וואָרעמ... די זונ קריכט אימ אזעסדיק אינ די אויגנ אריינ. 4. פאראיאָרנ האָט זיכ נאָכ טאָניע געשראָקנ פאר דער שאכטע... איצט פילט זי זיכ, ווי א פויגל אינ וואלד. 5. די ארבעטער האָבנ געהויבנ די קעפ אונ געקוקט אינ אייזיקס ווינקל... פישל מיט אייזיקנ שטייענ שוינ שטיל. 6. מיר וועלנ אלע קומענ אפ דער פארזאמלונג... מיר וועלנ שיקנ פאָרשטייערס. 7. באלד איז אונטערגעפאלנ א ווילע ארבעט... גיינ מיט דער באָבענ רייסנ פאָלינ אפ בעזעמער.

אופגאבע 96. די ווייטערדיקע איינפאכע זאצנ שטעלט אויס אינ דעמ געהעריקנ סיידער אונ פארוואנדלט זיי אינ צונויפגעזעצטע מיט קאָאָרדינאציע.

1. א שטויב לויפט אימ נאָכ. ער זעצט זיכ באמ רודער. ער פארשווינדט אינ באלקע אראָפ. דער טראקטער גיט זיכ האסטיק א ריס פונ אָרט.

2. זיי פלעגנ נעמענ די העק אפ די אקסלענ. אינ וואלד האָבנ זיי זיכ געשטעלט אונטערהאקנ ביימער. זיי פלעגנ אוועקגיינ אינ וואלד ארייַנ. אלע טאָג פלעגנ זיי אופשטיינ פארטאָג.

3. די זונ האָט זיכ באוויזנ אפנ הימל. טראָפנס האָבנ אָנגעהויבנ צו טריפנ פונ די דעכער. זי האָט אָנגעהויבנ ווארעמענ דעמ שניי.

4. ער האָט זיכ געשטעלט בויענ. ער האָט געבראכט פונ דאָרט א וואָגנ געהילצ. עלקינ איז געפאָרנ מיטנ אָרדער אינ שטאָט אריינ.

---

1. דער כ' סטאלינ רעדט דאָ וועגנ קלייַנפויער.

5. דער הימל איז ליכטיק געוואָרן. א רויטע כמארע איז געקומען פונ א פרעמדער וועלט. זיילנ פייער זיינען געשטיגנ איינער נאָכנ צווייטנ.

אופגאבע. 97. צו יעדנ פונ די ווייטערדיקע איינפאכע זאצנ גיט צו נאָכ איינעם, מאכט קלאָר די באציִונג צווישנ זיי:

דאָס גלעקל האָט אָנגעהויבנ צו קלינגענ, אונ...
מע האָט מישענ הײנט גערופנ צום טאָוול, נאָר...
די קינדער זיינען גרייט געווענ גייג אפ דער עקסקורסיע, אָבער...
ער איז געווענ זייער מיד, דאָכ...
אָדער איכ וועל דיר ברענגענ דיינ ביכל, אָדער...
אי די פארזאמלונג איז פאָרגעקומענ, אי...
די קינדער זיינען געשטאנענ אונ געקוקט —
ער האָט ניט געוווסט די רעשימע —
דער זאווקאָם האָט באשלאָסנ צונויפרופנ אנ עקסטרע פארזאמלונג:
דער לערער האָט א שמייכל געטאָנ —
דער אלטער מײַסטער האָט זיכ פארטראכט:

אופגאבע 98. שרייבט אראָפּ אונ שטעלט די געהעריקע אָפּשטעל-צייכנס צווישנ די איינפאכע זאצנ:

I. 1. ביידע האָבנ אָנגעבויגענערהייט א יאָג געטאָנ נאָר פענעק האָט זיכ פּלוצעם אָפּגעשטעלט. 2. באָרעכ ווארפט ארויס די שטיינער פונ די טאשנ אונ אלײנליגט ער דערביי נאָכ אלצ אפנ בויכ קוקט דורכנ שפאלט אינ הויפ ארײנ. 3. איצט לויפט מענ ניט מע גייט ארומ-אונ-ארום די שטאָט-הײַזער צו באָרעכנ אהיימ. 4. געווונקענ וועגנ דעמ האָבנ אויכ פּאָליעקס אונ בליומעס אויגנ נאָר פענעק האָט ניט געוואָלט דערפונ וויסנ.
(בערגעלסאָנ)

II. 1. דאָס אָנקומענ פונ דער באוואָפנטער מאכנע האָט אָנגעוואָרפנ א שרעק אפ אלע אײַנוווינער די פארבייגייערס זיינענ אינגאנצנ פארשווונדנ האווראָש איז דאָ געווענ ער האָט אליינ געארבעט אונ ער האָט געצווונגענ אנדערע ארבעטנ. 2. איינ זאכ האָט אימ פארדראָסנ זיינ פיסטאָלעט האָט קיינ צינגל ניט געהאט. 3. פונ דער פינצטערניש האָט זיכ דערהערט א הויכע אונ שטרענגע שטימ אונ אינ א פאָר מינוט ארומ האָבנ ביידע הארמאטנ אָנגעהויבנ צו רעגענענ מיט פײַער אפ דער באריקאדע.
(הוגאָ)

III. די זונ באקט דער הימל איז ווי א קרישטאָל די בלאָטע האָט שוינ לאנג ויסגעטריקנט אינדרויסנ בא אונדז לעבנ שטוב ליגנ קלעצער דאָס איז יאָסי דעמ נאָגידס קלעצער ער קלײַבט זיכ בויענ א שטוב האָט ער צוגעגרייט קלעצער האָט ער ניט ווו זיי אָפּצולייגנ האָט ער זיי אָפּגעוואָרפנ לעבנ אונדז פונ די קלעצער קאָנ איכ מיר מאכנ א „קרעפּאָסט" אונ צווישנ די קלעצער וואקסנ שטעכלקעס מיט קריגעלעכ די שטעכלקעס זיינענ גוט אפ צו שטעכנ אונ די קריגעלעכ בלאָזט מענ אָנ אונ מע טוט זיי א קנאק אָנ שטערנ פּלאצנ זיי.

(שאָלעמ-אליינעמ)

אופגאבע 99. שטעלט אופ צונויפגעזעצטע זאצנ מיט קאָאָרדינאציע מיט פארשיידענע בינדווערטער אונ אָנ בינדווערטער אפ פאָלגנדיקע טעמעס:

1. דער אָנהייב לימעד. 2. א שפּאציר הינטער דער שטאָט. 3. צוגאסט אין קאָל־ווירט. 4. אַן אָוונט אין קלוב.

אופגאַבע 100. די זאצן, וועלכע מע קאָן, ארבעט איבער, אף אומפולע און שטעלט ארײַן טירעענ:

1. דער פּאָטער זײַנער איז געווען אַן ארבעטער, די מוטער איז געווען א פּוי־ערטע, ער אליין איז פון 18 יאָר אָן אפּן זאוואָד. 2. אונדזער קלאס האָט אויסגע־שריבן 30 עקזעמפּליארן „זײַ גרייט", דער זיבעטער האָט אויסגעשריבן נאָר 10 עקזעמפּליארן. 3. שטיינער ברענען ניט, קוילן ברענען יאָ. 4. איינער האָט זיך אוועקגעזעצט באַם טיש, דער צווייטער האָט זיך אוועקגעזעצט אפן פענצטער. 5. פון ליים און זאמד וועלן מיר מאכן ציגל. פון ליים און קאלך וועלן מיר מאכן צעמענט, פון אײַזנארץ וועלן מיר מאכן אײַזן. 6. פאר די קליינינקע עלעקטרע־סטאנציעס וועט מען דארפן אויסבויען הונדערטער געבײַדעס, און פאר א גרויסער וועט מען דארפן אויסבויען נאָר איין געבײַדע. 7. א טאָרף־סטאנציע וועלן מיר אויסבויען אף א טאָרף־זומפּ, א קוילן־סטאנציע וועלן מיר אויסבויען דאָרט, ווו ס'איז פאראן קוילן.

§ 28. סובאָרדינאַציע.

די איינפאכע זאצן פון א צונויפגעזעצטן זאץ מיט סובאָרדינאַציע זײַנען געוויינלעך צונויפגעבונדן דורך בינדווערטער.

צומבײַשפּיל: איך האָב אים אָנגעזאָגט, אז ער זאָל ניט פארשפּעטיקן.

דער בײַזאץ „ער זאָל ניט פארשפּעטיקן" איז סובאָרדינירט צום הויפּטזאץ דורכן בינדוואָרט „אז".

דאָס בינדוואָרט אין בײַזאץ קאָן אמאָל פארשפּאָרט ווערן.

צומבײַשפּיל: איך האָב אים אָנגעזאָגט, ער זאָל ניט פארשפּעטיקן.

דאָ איז פארשפּאָרט דאָס בינדוואָרט „אז".

ליאמען איז מיטאמאָל קיל געוואָרן, ווײַל די באבע האָט פון אים אראָפּגענומען די קאָלדרע.

ליאמען איז מיטאמאָל קיל געוואָרן: די באבע האָט פון אים אראָפּגענומען די קאָלדרע.

דאָ איז פארשפּאָרט דאָס בינדוואָרט „ווײַל".

די מערהײַט בײַזאצן קאָנען קומען נאָכן הויפּטזאץ, אינמיטן אָדער פאר אים.

צומבײַשפּיל:

א. קריזיסן זײַנען אומפארמײַדלעך דאָרט, ווו עס הערשט אנארכיע אין דער פּראָדוקציע.

ב. ווו עס הערשט אנארכיע אין דער פּראָדוקציע, דאָרט זײַנען קריזיסן אומפארמײַדלעך.

ג. דאָרט, ווו עס הערשט אנארכיע אין דער פּראָדוקציע, זײַנען קריזיסן אומפארמײַדלעך.

ווען דער בײַזאַץ שטייט פאַרן הויפּטזאַץ, קומט אין הויפּטזאַץ דער פּערזאָניקער ווערב אפן ערשטן אָרט.

צומבײַשפּיל:

א. גאַסיקע פענצטער האָבן שוין געקוקט מיט טיפער נאַכט, ווען יוליס איז מיט זײַן באַוועגלעכער פיגור אַרײַן אין זײַטיקן צימער.

ב. ווען יוליס איז מיט זײַן באַוועגלעכער פיגור אַרײַן אין זײַטיקן צימער, האָבן שוין גאַסיקע פענצטער געקוקט מיט טיפער נאַכט.

אין ב. איז דער פערזאָניקער ווערב „האָבן" אפן ערשטן אָרט.

§ 29. אָפּשטעל־צייכנס בא סובאָרדינאַציע.

1. דער בײַזאַץ טיילט זיך אָפּ פון הויפּטזאַץ מיט א קאָמע, סײַ ווען דער בײַזאַץ שטייט פאַרן הויפּטזאַץ, סײַ ווען ער שטייט נאָכן הויפּטזאַץ.

2. ווען דער בײַזאַץ שטייט אינמיטן הויפּטזאַץ, טיילט ער זיך אָפּ מיט קאָמעס פוןביידע זײַטן.

3. ווען אין בײַזאַץ, וואָס נאָכן הויפּטזאַץ, איז דורכגעלאָזט דאָס בינדוואָרט „ווײַל", קומט צווישן הויפּטזאַץ און בײַזאַץ א צווייפּונקט.

§ 30. טיפּן בײַזאַצן.

לויט דער פונקציע פון די בײַזאַצן, ד. ה. לויט דער ראָליע, וואָס זיי שפּילן אין צונויפגעזעצטן זאַץ, וועלכן זיי דערקלערן, קאָנען זיי אײַנגעטיילט ווערן אפּ אזוינע טיפּן: סוביעקט־בײַזאַצן, אָביעקט־בײַזאַצן, צײַט־בײַזאַצן, אָרט־בײַזאַצן, סיבע־בײַזאַצן, צוועק־בײַזאַצן, באַדינג־בײַזאַצן, פאַרגלײַך־בײַזאַצן, אַטריבוטיווע בײַזאַצן א. אנד.

1. דער סוביעקט־בײַזאַץ.

דער סוביעקט־בײַזאַץ איז געבונדן מיטן פּרעדיקאַט פונעם הויפּטזאַץ. ער ענטפערט אפּ דער פראַגע „ווער?" „וואָס?" און שפּילט די ראָליע פון א סוביעקט.

צומבײַשפּיל: ווער ס'איז געקומען אפּ דער פאַרזאַמלונג, זאָל אַרײַנגיין אין זאַל אַרײַן.

דער הויפּטזאַץ איז „זאָל אַרײַנגיין אין זאַל אַרײַן". „ווער ס'איז געקומען אפּ דער פאַרזאַמלונג" איז דער בײַזאַץ. ער ענטפערט אפּ דער פראַגע „ווער" (זאָל אַרײַנגיין) און שפּילט די ראָליע פון א סוביעקט.

דער סוביעקט־בײַזאַץ קאָן סובאָרדינירט ווערן דורך די בינדווערטער: ווער, וואָס אָדער וועלכער.

צומבײַשפּיל: וואָס ס'איז געשטאַנען אפּן טיש, איז אַראָפּגעפאַלן. וועלכער פּיאָנער עס וועט נעמען דאָס ערשטע אָרט, וועט באַקומען א פּרעמיע.

2. דער אָביעקט־בײַזאַץ.

דער אָביעקט־בײַזאַץ איז געבונדן מיטן פּרעדיקאַט פונעם הויפּטזאַץ, ער דערגאַנצט דעם פּרעדיקאַט און ענטפערט אפּ די פראַגעס: „וואָס?", „פון וואָס?", „מיט וואָס?" א. ד. גל.

צומבײַשפּיל: די פֿאַרזאַמלונג האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז די דורכרײַסן אינ זאַוואָד זײַנען אַ רעזולטאַט פֿונ דער שלעכט־אָוועקגעשטעלטער מאַסנ־אַרבעט.

דער אָביעקט־בײַזאַצ ווערט סובאָרדינירט דורכ די בינדווערטער: אַז, ווי, וויאַזוי, וואָס.

דאָס בינדוואָרט „אַז" קאָנ פֿאַרשפּאָרט ווערנ.

3. דער צײַט־בײַזאַצ.

דער צײַט־בײַזאַצ איז געבונדנ מיטנ פּרעדיקאַט פֿונעמ הױפּטזאַצ, ער ווײַזט די צײַט פֿונ דער אַקציע אָדער פֿונ דער דערשײַנונג, וואָס אינ הױפּטזאַצ.

דער צײַט־בײַזאַצ ענטפֿערט אַפֿ די פֿראַגעס: „ווענ?", „ווי לאַנג?"

צומבײַשפּיל: וואָווע האָט זיכ אופֿגעכאַפּט, ווענ עס האָט אָנגעהױבנ צו טאָגנ.

צײַט־בײַזאַצנ ווערנ סובאָרדינירט דורכ די בינדווערטער:

אַז, ווענ, ביז, בײס, בעשאַס, באַלד ווי, ווי נאָר, אַזױװי, קױמ, גלײַכ ווי, נאָכדעמ ווי, אײדער, זינט, קאָלזמאַנ, ביזוואַנענ, ווי לאַנג.

די בינדווערטער: בײס, ביזוואַנענ, ווי לאַנג, זינט, קאָלזמאַנ קאָנענ ווײַזנ אַ צײַט־מעשעכ, ווי לאַנג עס קומט פֿאָר די אַקציע אָדער די דערשײַנונג פֿונ הױפּטזאַצ.

צומבײַשפּיל: קאָלזמאַנ דער צוג מיט די געסט איז געשטאַנענ, האָבנ ניט אופֿגעהערט די באַגריסונגענ.

בײַ סובאָרדינאַציע מיט אַ צײַט־בײַזאַצ קאָנ, אַכוצ דעמ בינדוואָרט באַמ בײַזאַצ, אַמאָל קומענ אַנ אַנטשפּרעכיק וואָרט אינ הױפּטזאַצ (ווי נאָר — אַזוי, אַזױװי — אַזוי, ווענ — דענסטמאָל).

צומבײַשפּיל: ווי נאָר ער האָט זיכ באַוויזנ, אַזוי האָבנ אימ די כעווריע אַ כאַפּ געטאָנ.

בוזי איז געקומענ אַפֿ דער פֿאַרזאַמלונג דענסטמאָל, ווענ קײנער איז שױנ ניט געווענ.

4. דער אָרט־בײַזאַצ.

דער אָרט־בײַזאַצ איז געבונדנ מיטנ פּרעדיקאַט פֿונעמ הױפּטזאַצ אונ ווײַזט דאָס אָרט אָדער די ריכטונג פֿונ דער אַקציע אינ הױפּטזאַצ. דער אָרט־בײַזאַצ ענטפֿערט אַפֿ די פֿראַגעס: „ווו?", „וווהינ?", „פֿונוואַנענ?"

צומבײַשפּיל: מיר האָבנ זיכ אױסגעלײגט, ווו ס'איז נאָר געווענ אַ פֿרײַ אָרט.

מיר האָבנ זיכ געלאָזט לױפֿנ אַהינ, פֿונוואַנענ סע האָבנ זיכ געהערט די שאָסנ.

אָרט־בײַזאַצנ ווערנ סובאָרדינירט דורכ די בינדווערטער: ווו, וווהינ, פֿונוואַנענ. דער הױפּטזאַצ קאָנ דערבײַ האָבנ אַנ אַנטשפּרעכיקנ אַדווערב: דאָ, דאָרט, אַהינ א. א.

5. דער סיבֿע־בײַזאַץ.

דער סיבֿע־בײַזאַץ איז געבונדן מיטן פּרעדיקאַט פֿון הויפּטזאַץ און ווײַזט די סיבֿע פֿון דער אַקציע אָדער דערשײַנונג, וואָס אין הויפּטזאַץ.

דער סיבֿע־בײַזאַץ ענטפֿערט אױף דער פֿראַגע „פֿאַרוואָס?"

צומבײַשפּיל: עס איז ניטאָ בײַ אונדז קיין אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע, ווײַל מיר פֿירן אַ פּלאַנמעסיקע ווירטשאַפֿט.

סיבֿע־בײַזאַצן ווערן סובאָרדינירט דורך די בינדווערטער: ווײַל, וואָרעם, אַזױ ווי, דערפֿאַר ווײַל, איבער דעם וואָס, אַדאַנק דעם וואָס א. א.

דאָס בינדוואָרט „ווײַל" שטאַמט פֿון וואָרט „ווײַלע" (צײַט) און האָט פֿריִער באַטײַט צײַט. אַ רעשטל דערפֿון איז נאָך איצט צו זען אין דער שפּראַך אין אַזאַ זאַץ ווי: „ווײַל איך וועל לעבן", ד. ה. ווי לאַנג איך וועל לעבן.

אַזעלכע בינדווערטער, ווי „דערפֿאַר ווײַל", „איבער דעם וואָס" א. ד. גל., קאָנען צעטײלט ווערן אַזױ, אַז אײן טײל זאָל בלײַבן אַלס בינדוואָרט באַם בײַזאַץ, און דער צווײטער זאָל קומען אַלס אָנטשפּרעכיק וואָרט באַם הויפּטזאַץ, אָפּהענגיק פֿון דער אינטאָנאַציע.

צומבײַשפּיל:

א. מיר האָבן פֿאַרשפּעטיקט, איבער דעם וואָס ס'איז געגאַנגען אַ רעגן.

ב. מיר האָבן פֿאַרשפּעטיקט איבער דעם, וואָס ס'איז געגאַנגען אַ רעגן..

6. דער צוועק־בײַזאַץ.

דער צוועק־בײַזאַץ איז געבונדן מיטן פּרעדיקאַט פֿונעם הויפּטזאַץ און ווײַזט דעם צוועק פֿון דער אַקציע, וואָס אין הויפּטזאַץ. דער צוועק־בײַזאַץ ענטפֿערט אױף דער פֿראַגע „צוליב וואָס?"

צומבײַשפּיל: ער האָט זיך געסטאַרעט גײן באַנאַנד מיטן דעסיאַטניק, כּדי ער זאָל בעסער כאַפּן זײַנע ווערטער.

דער צוועק־בײַזאַץ ווערט סובאָרדינירט דורך די בינדווערטער: כּדי, אַז, צוליב דעם כּדי. „צוליב דעם" קאָן דערבײַ בלײַבן אַלס אַן אָנטשפּרעכיק וואָרט באַם הויפּטזאַץ.

דער סוביעקט אין צוועק־בײַזאַץ קאָן פֿאַרשפּאָרט ווערן, ווען ער איז דער אײגענער סוביעקט, וואָס אין הויפּטזאַץ.

דער פּרעדיקאַט אין בײַזאַץ ווערט דעמאָלט פֿאַרביטן אױף אַן אינפֿיניטיוו.

צומבײַשפּיל:

א. שׂיִע האָט אַוועקגעשטעלט אַ דרענגל, כּדי ער זאָל ניט פֿאַרפּלאָנטערן מיט אַנדערע קלײנע ערד.

ב. שׂיִע האָט אַוועקגעשטעלט אַ דרענגל, כּדי ניט פֿאַרפּלאָנטערן מיט אַנדערע קלײנע ערד.

אין צוועק־בײַזאַץ קאָן פֿאַרשפּאָרט ווערן דאָס בינדוואָרט.

צומבײַשפּיל: די זעמליאַנקע איז פֿון דער זײַט געווען אונטערגעשפּאַרט, די לײמענע וואַנט זאָל ניט אײַנפֿאַלן. דאָ איז פֿאַרשפּאָרט „כּדי".

7. דער באַדינג־בייַזאַץ.

דער באַדינג־בייַזאַץ איז געבונדן מיטן פּרעדיקאַט פונעם הויפּט־זאַץ און ווייַזט, בײַ וואָסער באַדינג עס קאָן פאָרקומען די אַקציע פון הויפּטזאַץ.

צומבייַשפּיל: אויב די וואַגאָנעס וועלן אָנקומען, וועט ער זיי אַליין קאַטשען.

דער באַדינג־בייַזאַץ ווערט סובאָרדינירט דורך די בינדווערטער: אויב, ווען, ווי באַלד, אַז, טאָמער א. א.

אינעם הויפּטזאַץ קאָנען קומען די ווערטער „טאָ" אָדער „איז".

צומבייַשפּיל: אַז איר ווייסט, טאָ זאָגט־זשע. אויב איר האָט אייַער אַרבעט פאַרענדיקט, איז קאָנט איר שוין גיין.

אין באַדינג־בייַזאַץ קאָן פאַרשפּאָרט ווערן דער סוביעקט. אָנשטאָט דעם פּרעדיקאַט קומט דאַן אין בייַזאַץ אַן אינפיניטיוו.

צומבייַשפּיל: אויב אַרבעטן שלאָגלעריש, קאָן דער פּלאַן אויסגעפילט ווערן צו דער צייַט.

דער באַדינג־בייַזאַץ קאָן סובאָרדינירט ווערן אָן אַ בינדוואָרט אויך. דער בייַזאַץ קומט דאַן נאָר פאַרן הויפּטזאַץ.

צומבייַשפּיל: מע לערנט, קען מען.

8. דער פאַרגלייַך־בייַזאַץ.

דער פאַרגלייַך־בייַזאַץ איז פאַרבונדן מיטן פּרעדיקאַט פונעם הויפּטזאַץ און דינט אַפּ צו פאַרגלייַכן די טוונג אין הויפּטזאַץ מיט דער טוונג אין בייַזאַץ.

צומבייַשפּיל: מישע האָט געשפּילט אַזוי, ווי עס שפּילט אַ געניטער מוזיקער. ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט, ווי ער וואָלט ערשט אַרויס אין סטעפּ.

דער פאַרגלייַך־בייַזאַץ ווערט סובאָרדינירט דורך די בינדווערטער: ווי, פּונקט ווי, אַזוי ווי א. א.

9. אַנדערע טיפּן בייַזאַצן.

א) דער אינהאַלט פון הויפּטזאַץ איז קעגנזעצלעך צו דעם, וואָס דרינגט אַרויס פון בייַזאַץ.

צומבייַשפּיל: כאָטש עס איז שוין געווען שפּעט־באַנאַכט, האָט ער פונדעסטוועגן נאָך געלייענט.

(ווייַל עס איז שפּעט, איז נאַטירלעך, אַז מע זאָל שוין ניט לייענען, און ער לייענט יאָ).

דער דאָזיקער טיפּ בייַזאַץ ווערט סובאָרדינירט דורך די בינדווערטער: כאָטש, האַגאַם. אין הויפּטזאַץ קאָנען קומען די אַנטשפּרעכיקע ווערטער: פונדעסטוועגן, דאָך.

ב) דאָס געזאָגטע אין בייַזאַץ ווייַזט דעם רעזולטאַט פון געזאָגטן אין הויפּט־זאַץ.

צומבייַשפּיל: ער האָט וועגן דער געשעעניש געשריבן, אַזוי אַז אַלע האָבן וועגן דעם געוווּסט.

דער דאָזיקער טיפּ בײַזאַצן ווערט סובאָרדינירט דורך די בינדווערטער „אַזוי אַז״.

אויפגאַבע 101. שרײַבט אַראָפּ באַזונדער די צונויפגעזעצטע זאַצן מיט סוביעקט־בײַזאַצן און באַזונדער מיט אָביעקט־בײַזאַצן.

1. ווער ס'ע קויפט אַ בילעט פון אָסאָאַוויאַכעם, קאָן געווינען אַ רײַזע אַרום דער וועלט. 2. ווער עס ווייסט, זאָל ענטפערן. 3. וואָס ווײַטער איז געוואָרן, האָב איך ניט געהערט. 4. ווער ס'איז אַ בעסערער שלאָגלער, גיט בעסערע קוואַליטעט. 5. ווער ס'ע האָט ניט געזען דאָס בילד, האָט קיין שיינס ניט געזען. 6. ווער ס'איז אַ באַוווסטזיניקער בירגער פון ראַטנפאַרבאַנד, דאַרף זיך פאַרשרײַבן אויף דער האַלוואָע. 7. וואָס ס'איז אַראָפּגעפאַלן פון טיש, איז צעבראָכן געוואָרן. 8. עס האָט אים געצויגן וויסן, וואָס האָט מען אויף אים אָנגעשריבן. 9. מיט וואָס די געשיכטע האָט זיך געענדיקט, ווייס איך ניט. 10. ער האָט אפילו ניט געפילט, ווי דער רעגן גיסט אויף אים.

אויפגאַבע 102. גיט צו הויפּטזאַצן צו די ווײַטערדיקע זאַצן אַזוי, אַז זיי זאָלן ווערן אָביעקט־בײַזאַצן.

מוסטער: קאַדרען לייזן אַלץ. — דער כאַווער סטאַלין האָט אויפן אַרויסלאָז פון די אַקאַדעמיקער פון דער רויטער אַרמיי געזאָגט, אַז קאַדרען לייזן אַלץ.

1. די אויפגאַבע פון דער יוגנט איז פאַרבינדן דאָס לערנען מיטן רעוואָליוציאָנערן קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס (לענין).
2. מע מוז ליקווידירן די אָנפּערזאָניקײַט (סטאַלין).
3. אין צווייטן פינפיאָר וועלן מיר אויסבויען דעם סאָציאַליזם (מאָלאָטאָוו).
4. די ערד דרייט זיך פאָרט (גאַליליי).

אויפגאַבע 103. שרײַבט אַראָפּ, באַשטימט די טיפּן בײַזאַצן און שטעלט אַרײַן די פּאַסיקע בינדווערטער מיט די אָפּשטעל־צייכנס:

1. מענאַשע מיט אוראָמען האָבן נאָך אַזאַ הויכן וואַגאָן ניט געזען (...) זיי לעבן. 2. (...) וואָווע האָט אָנגעהויבן צו ריידן האָט ער זיך געפילט אָנגעשטרענגט. 3. אַ ווינט האָט געיאָגט פון דאָרטן (...) דער אַעראָפּלאַן איז אָנגעקומען. 4. (...) ער איז ווידער אַרײַן אין פאַבריק האָט ער זיך דערפילט פרייליך און מונטער. 5. באָרעך איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג (...) ער איז נאָך געווען אַ לערן־ייִנגל. 6. גאָלדענע סאָרטן ווייץ וועלן זיך כוואַליען דאָרטן (...) איצטער שטעקן קראָן־קריגעלעך פונעם וואַסער אַרויס. 7. באַטאָג (...) זי האָט זיך אין קאָלווירטישן הויף געפאָרעט מיטן טראַקטער איז פון ראַיאָנעם פּאַרטיי־קאָמיטעט אָנגעקומען אַ פאַרכאַסמעטער פּאַקעט.

אויפגאַבע 104. צו די ווײַטערדיקע הויפּטזאַצן טראַכט צו בײַזאַצן, וואָס זאָלן ווײַזן די סיבע:

1. איך מאַך דאָס בעקיצער, ווײַל...
2. דער לערער האָט ניט באַוויזן ענדיקן דעם שמועס, וואָרעם...
3. אונדזער פאַבריק האָט איבערגעשטיגן דעם פּלאַן, דערפאַר ווײַל...

4. דער קאָלווירט האָט אויסגעצייכנט דורכגעפירט דעם פארזיי, ווײַל...
5. די פרווונ זײַנענ דורכגעגאנגענ זייער גוט אדאנק דעם, וואָס...

אופגאבע 105. ענטפערט שריפטלעכ אפ די ווײַטערדיקע פראגעס מיט א הויפטזאצ אונ מיט א צוועק־בײַזאצ:

1. צוליב וואָס לייענענ מיר צײַטונגענ?
2. צוליב וואָס דארפנ מיר דעם דניעפּערהעס?
3. צוליב וואָס דארפנ מיר טראקטערס?
4. צוליב וואָס דארפנ מיר א באוואָפנטע רויטע ארמיי?
5. צוליב וואָס דארפנ מיר באהערשנ די טעכניק?

אופגאבע 106. שרײַבט אראָפּ, באשטימט די טיפנ בײַזאצנ אונ שטעלט ארײַנ קאָמעס:

1. דאָס קעלבל איז מיד געגאנגענ גלײַכ צום כוטער ווי עס וואָלט געוווּסט דעם וועג אינ סטעפּ. 2. פעטריק אליינ האָט שוינ פארשטאנענ מער ווי די מאמע האָט זיכ פאָרגעשטעלט. 3. ווענ איר טרעפט מיט אײַער טינט אפ מענאשע דעם רויפעס גאָרטנ וואָלט איר געוווּסט. 4. אויב מע זאָל פאָלגנ דעם דעסיאטניק קאָנ מענ זיכ אלצ אויסלערנענ. 5. אויב מיר וועלנ ניט באווײַזנ אָנקומענ צו דער נייטיקער צײַט וועט דער סוינע פארכאפּנ די שטאָט. 6. פיניע הערט אימ אויס מיט קאס אזויווי א דאָקטער הערט אויס א קראנקנ. 7. גערעדט האָט דער הויקער פאמעלעכ ווי ער טוט א טויווע. 8. ער האָט א דריי געגעבנ מיטנ קאָפּ ווי ער וואָלט אָפּגעטריבנ א פליג. 9. ווענ אינ קעלער זאָל זײַנ נאָכ צענ מאָל פינצטערער וואָלט אויכ דאנ פענעק דערקענט די אינעווייניקסטע מאשינעריע. 10. א נאָגיד האָט פײַנט קאָוועד ווי א קאצ סמעטענע. 11. אז מע זייט וואקסט אויס. 12. איידער מײַנ שוועסטער איז פונ שיפּ ארויס האָט זי שוינ געוואָלט צוריק פאָרנ. 13. האגאמ דער פאָטער מײַנער איז שוינ אנ עלטערער מענטש איז ער פונדעסטוועגנ איינער פונ די בעסטע ארבעטער אפנ זאוואָד. 14. כאָטש אונדזער קאָלווירט איז ניט קיינ גרויסער האָט ער פונדעסט־וועגנ באוויזנ צו פארנעמענ אנ אָנגעזועענ אָרט אינ ראיאָנ. 15. ווײַל דער אינוועג־טאר איז אנ אלטער פאָדערט ער רעמאָנט.

אופגאבע 107. שרײַבט אראָפּ, שטרײַכט אונטער די בײַזאצנ, באשטימט זייער ראָליע אונ שטעלט ארײַנ קאָמעס:

1. צומאָרגנס באגינענ ווענ מאָטקע האָט געהאלטנ אינמיטנ בעסטנ שלאָפ האָט ער דערפילט ווי פײַערדיקע דיטער שפרינגענ איבער זײַנ פּאָנעם. 2. דאָרט לעבנ וואסער ווו עס געפינענ זיכ די טיפע ליימיקע גרובנ שטייט א הײַזל. 3. שפּעטער אז די זונ שטעלט זיכ אינמיטנ הימל לאָזט זיכ דאָס קליינוואָרג שווימענ איבערנ טײַכ. 4. זיי ווייסנ אז פיאָנערס קומענ צונויפ. 5. ער וועט זײַנ אז ער וועט עלטער ווערנ א קאָלווירניסט אָדער א שאָפער. 6. אז דער וואָגנ גייט בארג ארופּ שטופּנ זיי אימ אונטער. 7. ווענ זיי האָבנ דערהערט קוילעס האָבנ זיי שטארקער גענומענ לויפנ. 8. ער האָט זיכ שוינ געפונענ אינ פינצטערנ צימער דאָרט ווו זומער האָבנ געוווינט בוני די קעכנ מיט שיינדל דער לאנגער. 9. באָרעכ איז שוינ דערווײַל געזעסנ רײַטנ־

דיק אפנ פאַרקאַנ — פונקט אפ יענעמ אָרט פונוואַנענ ס׳איז גרינג אַראָפּצושפּרינגענ. 10. כאָטש דער זיידע האָט זיכ ניט גערירט האָבנ זײַנע ליפּנ זיכ געשאָקלט. 11. ליאַמ האָט זיכ געווישט די אויגנ ווײַל ער האָט געוואָלט מיטגיינ. 12. פונדערווײַטנס פונ האָריזאָנט האָט געשלאָגנ מיט רויטקײַט ווי עס וואָלט געברענט. 13. פּענעק צעוויגט זיכ אונ שפּרינגט אונטער אַזוי אַז זײַנע אויגנ בלײַבנ איינ רעגע העכער פונעמ פאַרקאַנ.

אופגאַבע 108. שרײַבט איבער פאָלגנדיקע בײַשפּילנ, ענדערנדיק דאָס אָרט פונעמ בײַזאַצ. קוקט זיכ דערבײַ צו צומ אָרט פונ פּערזאָניקנ ווערב אינ הויפּטזאַצ:

1. ער האָט מיכ איינמאָל געכאַפּט בעשאַס איכ בינ געווענ צוגאַסט בא מײַנ ברודער עליע. 2. דאָס האָט מענ אומיסטנ אַרײַנגעלייגט, כדי צו באַקומענ 10 דאָלער שטראַפ. 3. כאָטש דער פאָטער זײַנער האָט אימ קיינ בילדונג ניט געגעבנ, האָט ער דאָכ געקענט לייענענ אונ שרײַבנ. 4. אויב מע זאָל גלייבנ זײַנע איידעס, איז ער ניט שולדיק. 5. סטאַניסלאַוו געדענקט גענוי אונ פּינקטלעכ, אפ א וואָסער פּאַפּיר פלעגט ראָזע ליוקסעמבורג צושיקנ אירע אַרטיקלענ. 6. אַנע האָט נאָכ אינ מינסק באַשטימט, אַז זי וועט נעמענ אפ זיכ די אָנפירונג מיטנ אָטריאַד. 7. ווענ אַנע פאַרענדיקט ריידנ, לייגט זי אַרופ אפנ אָפּענעמ קייווער דעמ רויטאַרמייִשנ קראַנצ. 8. זיי האָבנ אומיסטנ גערעדט הויכ, כדי פּענעק, דער אויסוווּרפ יאָל דער־הערנ אינ פאָדערצימער אונ זאָל מעקאַנע זײַנ. 9. איידער די מוטער איז געקומענ פונ אויסלאַנד, האָבנ זיכ אומגעקערט פונ אָדעסער לימאַנ „די קינדער״ — פּאָליעק אונ בליומע.

אופגאַבע 109. שרײַבט אַראָפּ אונ לאָזט דורכ, וווּ מע קאָנ, די בינדוואָרטער באַמ בײַזאַצ:

1. אויב מע זאָל נעמענ אינ אַכט די גוואַלדיקע אופגאַבעס, האָבנ מיר נאָכ ווײַט ניט אַלצ אָפּגעטאָנ. 2. קאָלומאַנ דער שניי איז געלעגנ, האָט מענ געפירט האָלצ. 3. מיינט איר, אַז איר זײַנט שוינ פאַרטיק? 4. מע האָט אַרויסגעלאָזט א קלאַנג, אַז דער פאָרמאַנ[1] רוקט דעמ זייגער. 5. ווענ עס זאָל בא אונדז אינדערהיימ הייסנ „געז״, וואָלט מענ דאָ מיסטאַמע געזאָגט „גאַז״. 6. מע מוז אופשטיינ קאַיאָר, כדי מע זאָל ניט פאַרשפּעטיקנ. 7. אַז ס׳איז געקומענ צו צאָלנ, האָט מענ בא זיי אָפּגע־ריסנ טעג. 8. ווענ זיי זאָלנ אַרבעטנ אינ שאַפּ[2], וואָלטנ זיי זיכ ניט געלאָזט שפּײַענ אינ דער קאַשע. 9. ווענ עס זאָל נאָר געראָטנ, קאָנענ אַזוינע צוויי הויפּנס געבנ גאַנצע צוויי זעק טוווּע.

אופגאַבע 110. גיט איבער דורכ פאַרשיידענע בינד־וואָרטער פאַרשיידענע באַציִונגענ צווישנ די ווײַטערדיקע פאָרלעכ זאַצנ (סיבע, רעזולטאַט א. אַנד.).

1. א. וואַסיל פילט זיכ שלעכט.
ב. ער ליגט אפנ בעט.

---

[1] פאָרמאַנ — אופזעער.
[2] שאַפּ — פאַבריק.

2. **א.** מאַריִע שטייט און וויינט.
ב. זי זוכט איר קינד.

3. **א.** די אַרבעטער האָבן אופגעריסן די הרעבליע.
ב. די וואַסער האָט אַ שפּאַר געטאָן.

4. **א.** מע זיצט פאַר מיכײַלעס שטוב.
ב. די ווינטמיל קומט אויס נעענטער.

5. **א.** ער האָט אַ דריי־געטאָן מיטן קאָפּ.
ב. ער האָט אָפּגעטריבן אַ פליג.

6. **א.** גאָרן איז צוגעקומען.
ב. דאָס באָכערל האָט אײַנגערוימט דעם פאָטער אַ סאָד.

§ 31. דער אַטריבוטיווער בײַזאַץ.

אַ בײַזאַץ, וואָס דערקלערט אַ סובסטאַנטיוו אָדער אַ פּראָנאָם פונעם הויפּטזאַץ, הייסט *אַטריבוטיווער בײַזאַץ*.

דער אַטריבוטיווער בײַזאַץ ענטפערט אויף די פראַגעס: *„וועלכער?"*, *„וואָסער?"*, *„מיט וועלכן?"* אאַז״וו.

צום בײַשפּיל: באָלשעוויקעס זײַנען געווינט אויספילן די *צוזאָגן*, וואָס זיי גיבן. דאָ איז „וואָס זיי גיבן" אַן אַטריבוטיווער בײַזאַץ; ער דערקלערט דעם סובסטאַנטיוו „צוזאָגן" פונעם הויפּטזאַץ און ענטפערט אויף דער פראַגע *„וועלכע?"*.

אַלס שלאָגלער זײַנען אַנערקענט געוואָרן נאָר *אַזעלכע*, וואָס האָבן אויסגעפילט אַלע פאַרפליכטונגען.

דאָ איז „וואָס האָבן אויסגעפילט אַלע פאַרפליכטונגען" אַן אַטריבוטיווער בײַזאַץ; ער דערקלערט דעם פּראָנאָם „אַזעלכע" פונעם הויפּטזאַץ און ענטפערט אויף דער פראַגע *„וועלכע?"*.

דער אַטריבוטיווער בײַזאַץ ווערט סובאָרדינירט צום הויפּטזאַץ דורך די בינד־פּראָנאָמען: *„וואָס"*, *„וועלכער"*, *„ווער"* (אין פאַרשיידענע בייג־פאָרמעס).

די בינדפּראָנאָמען פאַרטרעטן אינעם בײַזאַץ דעם סובסטאַנטיוו פונעם הויפּטזאַץ, וועלכן דער בײַזאַץ דערקלערט, און זײַנען אינעם בײַזאַץ זאַצגלידער.

די בינדווערטער זײַנען ניט קיין זאַצגלידער פונעם בײַזאַץ. דערמיט אונטערשיידן זיך די בינדווערטער פון בינדפּראָנאָמען.

צום בײַשפּיל: 1) מיר בויען אַ קולטור, וועלכע איז סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט און נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם. דער בינדפּראָנאָם *„וועלכע"* פאַרטרעט דעם סובסטאַנטיוו *„קולטור"*. *„וועלכע"* איז סוביעקט אינעם בײַזאַץ (אינעם הויפּטזאַץ איז *„קולטור"* אָביעקט).

2) מיר דאַרפן באַהערשן די קולטור־ירושה, וואָס ס'האָבן געלאָזט די בעסטע פאָרשטייער פון די פריערדיקע עפּאָכעס.

„וואָס" פאַרטרעט דעם סובסטאַנטיוו *„קולטור־ירושה"*. *„וואָס"* איז אינעם בײַזאַץ דער אָביעקט.

מיטן געפיל פון א מענטשן, ווּעמעס לעבן איז ניט ווערט קיין גראָשן, שאָקלט זיך פענעק אוועק פון ראכמיִעלס שטוב. „ווּעמעס״ פארטרעט דעם סובסטאנטיוו „מענטשנ״. „ווּעמעס״ איז אין בײַזאצ דער אטריבוט.

דער בינדפראָנאָם „וועלכער״ שטימט אין מין און אין צאָל מיטן סובסטאנטיוו (אָדער מיטן פראָנאָם), צו וועלכן דער בײַזאצ איז סובאָרדינירט, צומבײַשפּיל: דער כאוור, וועלכער איז ארויסגעטראָטן דער ערשטער, איז א מיטגליד פון פּארטקאָם.

די כאוורטע, וועלכע איז ארויסגעטראָטן די ערשטע, איז א מיטגליד פון פּארטקאָם.

דאָס לאנד, וועלכעס האָט ליקווידירט די עקספּלואטאציע, איז טײַער אלע ארבעטנדיקע.

די פארשארפטע קלאסנקאמפן, וועלכע פלאקערן זיך פאנאנדער, שרעקן די בורזשואזיע.

די בייגפאָרמע פונעם בינדפראָנאָם (וועלכער, ווער, וואָס) הענגט אָפּ דערפון, וואָס פאר א זאצגליד ער איז אין בײַזאצ.

צומבײַשפיל: דער געוויקס, וועלכער געפעלט דיר אזוי שטארק, שטאמט פון א ווײַטן קאנט.

דאָ איז „וועלכער״ א סוביעקט אינעם בײַזאצ און קומט אין נאָמינאטיוו.

די געוויקסן, וועלכע מיר דערלערנען איצט, האָבן א גרויסן באטײַט פאר דער אינדוסטריע.

דאָ איז „וועלכע״ א דירעקטער אָביעקט באם ווערב „דערלערנענ״ און קומט אין אקוזאטיוו.

די געוויקסן, מיט וועלכע מיר באקענען זיך איצט, האָבן א גרויסן באטײַט.

דאָ איז „מיט וועלכע״ אן אומדירעקטער אָביעקט באם ווערב „באקענען זיכ״ און קומט אין דאטיוו מיט דער פּרעפּאָזיציע מיט.

באמערקונג: די פּרעפּאָזיציע „מיט״ געהער צום בינדפראָנאָם און זי גייט ארײַן אינעם בײַזאצ. די קאָמע קומט דעריבער פאר דער פּרעפּאָזיציע.

אטריבוטיווע בײַזאצן, וועלכע דערקלערן סובסטאנטיוון, וואָס באצייכענען אָרט, קומען מיט די בינדווערטער: „ווו״, „וווהינ״, „פונוואנענ״.

צומבײַשפיל: ער וווינט אין דער שטאָט, ווו איך האָב פארבראכט די קינדער־יאָרן.

אטריבוטיווע בײַזאצן, וואָס דערקלערן סובסטאנטיוון, באצייכענען צײַט, קומען מיט די בינדווערטער: „ווענ״, „בייס״, „זינט״. די דאָזיקע בינדווערטער זײַנען זאצגלידער אינעם בײַזאצ.

צומבײַשפיל: דאָס איז געווען אין די יאָרן, ווען עס האָבן נאָך געהערשט די פּריצים און די קאפּיטאליסטן.

באמערקונג. די בינדווערטער „ווו״, „וווהינ״, „פונוואנענ״, „ווענ״ א.אנד. אין אטריבוטיווע בײַזאצן קאָנען פארביטן ווערן אָפּ בינדפראָנאָמען מיט א פּרעפּאָזיציע.

צומבײַשפּיל: דאָס איז געשען אינעם דאָרף, ווו (אינ וועלכנ) איכ בינ געווענ פּאַראיאָרנ.

„וואָס" איז ניט שטענדיק אינעם אטריבוטיווג בײַזאצ א בינדפּראָנאָמ. „וואָס" קאָנ אויכ זײַנ א בינדוואָרט. דאָס איז דאנ, ווענ אינעם בײַזאצ קומט צוזאמענ מיטנ דאָזיקנ בינדוואָרט א פּראָנאָמ, וואָס פארטרעט דעמ סובסטאנטיוו, וועלכנ עס דערקלערט דער בײַזאצ.

צומבײַשפּיל: בערעלע כאָלעמט פונ א גרויסער וועלט, וואָס ער ווייסט זי ניט.

אינעם דאָזיקנ אטריבוטיווג בײַזאצ איז „וואָס" ניט קיינ זאצגליד. דעמ דערקלערטנ סובסטאנטיוו פונעמ הויפּטזאצ פארבײַט דאָ אינעמ בײַזאצ דער פּראָנאָמ „זי".

אויב דער אטריבוטיווער בײַזאצ קומט מיטנ בינדפּראָנאָמ „וואָס", איז אמאָל ניט קלאָר, וואָס פאר א סובסטאנטיוו פונעמ הויפּטזאצ דער בײַזאצ דערקלערט.

צומבײַשפּיל: אפנ דאכ פונ דער געבײַדע, וואָס וועט זײַנ צוגעפּאסט פאר פארווײַלונגענ, וועט שפּילנ מוזיק.

וואָס וועט זײַנ צוגעפּאסט פאר פארווײַלונגענ: צי די גאנצע געבײַדע, צי בלויז דער דאכ? דאָ איז עס ניט קלאָר. מע קאָנ מיינענ סײַ דעמ דאכ, סײַ די געבײַדע.

מיט דער הילפ פונעמ בינדפּראָנאָמ „וועלכער" קאָנ מענ אינ געוויסע פאלנ די צווייִדײַטיקײַט אויסמײַדנ. דער בינדפּראָנאָמ „וועלכער" האָט מינ־פאָרמעס. מיינענ מיר דעמ דאכ, וועלנ מיר זאָגנ „וועלכער", מיינענ מיר די געבײַדע, וועלנ מיר זאָגנ „וועלכע".

קעדיי באטאָנענ דעמ סובסטאנטיוו, וועלכנ עס דערקלערט דער בײַזאצ, קאָנ אינעמ הויפּטזאצ קומענ באמ דאָזיקנ סובסטאנטיוו אנ אָנווײַזיקער פּראָנאָמ: „דער דאָזיקער", „יענער", „אזעלכער", „אזוינער", „אזא", „דער".

צומבײַשפּיל: ער האָט ארײַנגעטראָגנ אזא פאָרשלאג, וואָס האָט ניט ארויסגערופנ קיינע דערווידערונגענ.

די הײַנטצײַטיקע ליטעראטור וועט בעסער פארשטיינ יענער לייענער, וועלכער איז אויכ באקאנט מיט דער קלאסישער ליטעראטור.

דער אטריבוטיווער בײַזאצ קומט געוויינלעכ גלײַכ נאָכנ סובסטאנטיוו, וועלכנ ער דערקלערט.

צומבײַשפּיל: דער יונגער ארבעטער, וועלכער איז אויסגעוואקסנ בא דער ראטנמאכט, שטעלט זיכ אָפּט שלעכט פאָר די באדינגונגענ פונ דער שקלאפישער ארבעט באמ קאפּיטאליזמ.

ווענ אָבער דער סובסטאנטיוו, צו וועלכנ עס באציט זיכ דער אטריבוטיווער בײַזאצ, האָט נאָכ זיכ דערקלער־ווערטער, וואָס קאָנענ פונ אימ ניט אָפּגעטיילט ווערנ, קומט דער בײַזאצ נאָכ די דאָזיקע דערקלער־ווערטער.

2. צומבײַשפּיל: די פאָרשטייער פונעמ קאָלווירט, וועלכע זײַנענ געקומענ אונדז באגריסנ, האָבנ מיר זייער ווארעמ אופגענומענ.

דער אטריבוטיווער בײַזאַץ קאָן ניט שטיין נאָכן סובסטאַנטיוו „די פאָרשטייער“, ווײַל מע קאָן פון אים ניט אָפּטיילן די דערקלער־ווערטער „פונעם קאָלווירט“. דער־ריבער קומט דער בײַזאַץ נאָך די דאָזיקע דערקלער־ווערטער.

דער אטריבוטיווער בײַזאַץ קאָן קומען אָדער נאָכן הויפּטזאַץ, אָדער אינמיטן הויפּטזאַץ. דער אטריבוטיווער בײַזאַץ קאָן ניט קומען פאַרן הויפּטזאַץ.

אינעם אטריבוטיוון בײַזאַץ ווערט אַמאָל דורכגעלאָזט דער פּרעדיקאַט. דאָס קומט פאָר דאַן, ווען אַלס פּרעדיקאַט וואָלטן געדאַרפט דינען די ווערבן „געפינען זיך“, „זײַן“, „אַרויסקומען“ אאַז״וו.

צומבײַשפּיל: ניט ווילנדיק, הער איך זיך אײַן אינעם שמועס פון די צוויי, וואָס הינטער מײַנע פּלייצעס.

אויפגאַבע 111. שרײַבט אַראָפּ, שטרײַכט אונטער דעם אטריבוטיוון בײַזאַץ און דאָס וואָרט אין הויפּטזאַץ, וואָס ער דערקלערט.

I. פענעק בלײַבט שטיין לעבן איינער אַן אַלטער שטוב און הערט זיך אײַן אינעם געראַוש פון דער זשאָרנע, וואָס געפינט זיך אינעם צעטרייסלטן הינטערהויז. אין אָט דער שטוב וווינט אַלטער מייטעס מיט זײַן זשאָרנע — אַ מילשטיין מיט אַ מאַשינעריע באַשטייט פון צוויי טרעפּלעך, אַף וועלכע מע דאַרף טאַנצן מיט ביידע פיס פון איין טרעפּל אַפן צווייטן, קעדיי דער מילשטיין זאָל זיך דרייען. באָרוועס טרייסלט זיך אַלטער לעבן דער זשאָרנע, וואָס אין ווײַטן ווינקל. זײַנע שי־טערע האָר אונטער דער יאַרמעלקע זײַנען צעדרויבלט־נאַס, ווי בײַ איינעם, וואָס איז אין אַ שוויצבאָד נאָרוואָס אַראָפּעקראָכן פון דער אייבערשטער באַנק.

(בערגעלסאָן)

II. 1. אוראַל שטעלט מיט זיך פאָר אַזאַ קאָמבינאַציע פון רײַכטימער, וואָס אַזוי־נע קאָן מען ניט געפינען אין קיינשום לאַנד. 2. די סאָוועטישע אָרדענונג גיט אַזעלכע מעגלעכקײַטן פאַר רוקן זיך פאָרויס, וואָס וועגן זיי קאָן ניט טרוימען קיין איין בורזשואַזן לאַנד. 3. ס'זײַנען ניטאָ אַזעלכע פעסטונגען, וואָס די באָלשעוויקעס זאָלן ניט קאָנען אײַנעמען.

(י. סטאַלין)

III. 1. און באַלד איז זי אַוועק אינעם עקסטן היפּשן צימער מיט די טונקעלע לאָמפּן, וווּ ס'האָבן נאָכן טאָג געדרעמלט די אָנגעהאָרעוועטע שנײַדער. 2. אין גע־רויש פון די מאַשינעס, וואָס האָט אָנגעפילט די גאַנצע לופט, האָט זיך זײַן שטים קוים געהערט. 3. איצטער קאָן מישע דאָס אויג ניט אָפּרײַסן פון די אומפאַרשטענד־לעכע ליניעס אַף דער צייכענונג, וואָס האָבן זיך געלייגט איבערן ברייטן פּאַפּיר. 4. נאָכן הודאָק שטייען די אַרבעטער אַרום די מעלדונגען פון זאַוקאָם, וואָס הענ־גען אַף די ווענט.

אויפגאַבע 112. שרײַבט אַראָפּ און באַצייכנט דעם מין, צאָל און בייגפאָרמע פון דעם בינד־פּראָנאָם „וועלכער“ און די בייג־פאָרמע פון בינד־פּראָנאָם „ווער“.

מוסטער: פלייש־שפּײַז אַנטהאַלט די וויכטיקסטע עלעמענטן, אין וועלכע (מערצאָל, דאַטיוו) עס נייטיקט זיך דער אָרגאַניזם.

1. מיט גאָלדענע אויסיעס זײַנען פארשריבן אין דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע
די ענדערונגען, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין אונדזער לאנד אין די ערשטע
צוויי פינפיאָרן. 2. גראנדיעזע זײַנען די פערספעקטיוון, וועלכע ס'עפנט פאר די אר־
בעטנדיקע פון אונדזער לאנד דער דריטער פינפיאָר־פלאן. 3. אין באָמביי איז
פאָרגעקומען אן אנטירעליגיעזע דעמאָנסטראציע, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַ־
טייליקט 40 טויזנט מענטשן. 4. רעוואָלוציאָנערע ארבעטער אין ענגלאנד באגריסן
דעם רעוואָלוציאָנערן קאמף, וועלכן דער ארבעטער־קלאס אין אינדיע פירט אין
בונד מיטן פויערטום. 5. ס'איז פאָרגעקומען א פלענום, אף וועלכן עס זײַנען באַ־
האנדלט געוואָרן פראגעס פון פאָליטישן מאָמענט. 6. דער רויבערישער רוסלענדי־
שער קאפיטאליזם, פאר וועלכן דער צאריזם האָט געשאפן אן אומבאגרענעצט פעלד
פון עקספלואטירן די ארבעטנדיקע, האָט ניט שטארק זיך אינטערעסירט מיט טעכ־
נישע פראגעס.

אופגאבע 113. שרײַבט איבער פאָלגנדיקע זאצן און שטעלט דערבײַ דעם בינד־פראָנאָם „וועל־
כער" אין דעם געהעריקן מין, צאָל, בייגפאָרמע. שטעלט דערבײַ, ווו ס'איז נייטיק, א פרעפּאָזיציע:

1. די העפטיקע אגיטאציע פונעם באלעגופ (וועלכ) האָט אויסגענוצט די פאר־
קריפלונגען אין דער ארבעט פונעם ראט, האָט געבראכט פיל שאָדן. 2. דעם פארזיי
(וועלכ) מע האָט בא אונדז אָנגעהויבן צו דער צײַט, האָבן מיר פארענדיקט מיט
דערפאָלג. 3. די יוגנט דארף גיין אף דעם וועג, (וועלכ) עס האָט אָנגעמערקט
אונדזער גרויסער פירער. 4 מיר קומען פון א לאנד, (וועלכ) עס זײַנען געוועגדעט
די בליקן פון פראָלעטאריאט פון גאָר דער וועלט. 5. דער טײַך, (וועלכ) עס האָבן
זיך געפליושקעט אָן א צאָל קינדער, האָט געגלאנצט אף דער זון. 6. די דעמאָנ־
סטראציע, (וועלכ) עס האָבן זיך באטייליקט טויזנטער ארבעטער, האָט שטארק אָנ־
געשראָקן די בורזשואזיע. 7. די ווירקלעכקײַט פון דער קומענדיקער וועלט־מילכאָמע
וועט זײַן פיל שוידערלעכער, איידער דאָס בילד, (וועלכ) מע קאָן זיך אָנמאָלן.

אופגאבע 114. שרײַבט אראָפּ, פארבײַט דערבײַ דעם בינד־פראָנאָם „וועלכער" אפן בינדוואָרט
„וואָס" און פארקערט:

1. דער הימל, וועלכן ס'האָבן מיט א שאָ צוריק באדעקט שווארצע כמארעס,
האָט אויסגעזען ווי אויסגעוואשן. 2. די באשלוסן, וועלכע זײַנען אָנגענומען געוואָרן
אף דער קאָנפערענץ, זײַנען גילטיק אויך פאר אונדז. 3. דער יאם, וואָס אין אים
איז פארטרונקען געוואָרן די שיף, האָט אויסגעזען רויִק. 4. יוקע, פון וועלכער מע
קאָן באקומען ווערטפולן רוישטאָף פאר דער שטריק־אינדוסטריע, איז אן אייביק־
גרינער געוויקס. 5. אָט דער געוויקס שטאמט פון אמעריקע, וואָס פון דאָרט האָט
מען אים אריבערגעבראכט קיין דאָרעם־אוקראַינע.

§ 32. סינאָנימישע קאָנסטרוקציעס צו בײַזאצן.

פארשיידענע בײַזאצן קאָנען פארביטן ווערן אף אנדערע קאָנסטרוקציעס — ניט
בײַזאצן.

1. צײַט־בײַזאצן, אָרט־בײַזאצן, סיבע־בײַזאצן און באדינג־בײַזאצן קאָנען אמאָל
פארביטן ווערן אף א סובסטאנטיוו אין דאטיוו מיט א פרעפּאָזיציע.

צומבײַשפּיל:

א. איידער דו גייסט עסן, וואַש זיך די הענט.

ב. פֿאַרן עסן וואַש זיך די הענט.

א. דאָרט, וווּ עס הייבט זיך אָן דער וועג, שטייט אַ וואַך.

ב. בײַם אָנהייב וועג שטייט אַ וואַך.

א. איבער דעם, וואָס די שטרײַקברעכער האָבן פֿאַראַטן, איז דער שטרײַק פֿאַרשפּילט געוואָרן.

ב. איבערן פֿאַראַט פֿון די שטרײַקברעכער איז דער שטרײַק פֿאַר־שפּילט געוואָרן.

א. ווען איך זאָל שרײַבן מיט אַ פּען, וואָלט איך געשריבן ריינער.

ב. מיט אַ פּען וואָלט איך גע־שריבן ריינער.

2. אָנשטאָט אַ צײַט־בײַזאַץ קאָן אַמאָל קומען אַ סובסטאַנטיוו אין אַקוזאַטיוו.

צומבײַשפּיל:

א. קאָלזמאַן איך וועל לעבן, וועל איך דאָס ניט פֿאַרגעסן.

ב. מײַן גאַנץ לעבן וועל איך דאָס ניט פֿאַרגעסן.

3. אָנשטאָט אַן אָביעקט־בײַזאַץ קאָן אַמאָל קומען אַן אינפֿיניטיוו.

צומבײַשפּיל:

א. איך האָב געזען, ווי ער איז געשטאַנען בײַם טײַך.

ב. איך האָב אים געזען שטיין בײַם טײַך.

4. אָנשטאָט אַ צוועק־בײַזאַץ קאָן קומען אַן אינפֿיניטיוו מיט די פּרעפּאָזיציעס „צו“ אָדער „אַף“.

צומבײַשפּיל:

א. מע וועט אופֿבויען אַן עלעקטרע־סטאַנציע, כדי צו באַזאָרגן דעם זאַוואָד מיט ענערגיע.

ב. מע וועט אופֿבויען אַן עלעקטרע־סטאַנציע אַף (צו) באַזאָרגן דעם זאַ־וואָד מיט ענערגיע.

צו אַטריבוטיווע בײַזאַצן זײַנען סינאָנימיש אָפּגעזונדערטע אַדיעקטיווישע און אַדווערבישע גרופּעס.

צומבײַשפּיל: מיר האָבן געזען אַ פּאַס ערד, אַ פֿײַכטן פֿונעם נאָרוואָס דורכגע־גאַנגענעם רעגן. פֿאַרגלײַך: וואָס איז געווען פֿײַכט...

אין צימער איז געשטאַנען אַ טיש, געדעקט מיט אַ גרינעם טישטעך. פֿאַרגלײַך: אַ טיש, וואָס איז געדעקט...

דער בײַזאַץ דריקט דײַטלעכער אויס די באַציִונג צווישן די טיילן פֿונעם צו־נויפֿגעזעצטן זאַץ. די אָפּגעזונדערטע גרופּע איז קירצער פֿונעם בײַזאַץ.

אופֿגאַבע 115. אַרבעט איבער די ווײַטערדיקע צונויפֿגעזעצטע זאַצן אַף אַנדערע קאָנסטרוקציעס:

1. אַ פֿאַרגעניגן צו זען מײַן ברודער עליע, ווי ער שאָקלט צו יעדן אײַנציקן מיטן קאָפּ. 2. די רײַכע לאָזט מען אַרײַן גלײַך, ווי זיי קומען אָן מיטן שיף. 3. דאָס

האָט געטראָפֿן, ווען דער אַלטער האָט נאָך געלעבט. 4. בײַס מע האָט זיך געזעגנט, האָט די מאַמע געוויינט. 5. ווען איך האָב אים באַגעגנט, האָב איך אים דערציילט. 6. ווײַל איך בין געווען קראַנק, האָב איך ניט געקאָנט מאַכן די אַרבעט צו דער צײַט. 7. איך האָב אים געלײַען דאָס ביכל, קעדיי ער זאָל לייענען. 8. ער וואָלט גוט אוועקגעשטעלט די אַרבעט, ווען מע זאָל אים ווי געהעריק צוהעלפֿן. 9. לאַפּאַטיעוו האָט פּלוצעם דערזען, אַז הינטער אַ גרופּע אַרמייער שטייט אַנע באָגדאַנאָוויטש. 10. אַלעמאָל, ווען יוליס אָדער לידוויג רעדן, ווערן אומרויִק באַם אַלטן פּוילישן זעצער די דאַרע פֿינגער. 11. נאַכמענס שטוב קוקט צו אים אַזוי, ווי זי וואָלט זיך מיט אים אָנגעקערט אַ קרויווע.

אופֿגאַבע 116. פֿאַרוואַנדלט די איינפֿאַכע זאַצן אין צונויפֿגעזעצטע זאַצן מיט בײַזאַצן:

1. ביידע אויטאָמאָבילן האָבן זיך צונויפֿגעשטויסן באַם דורכגיין די שמאָלע גאַס פֿון דער פֿאָרשטאָט. 2. גאַנצע טעג הער איך מאָטאָרן רוישן. 3. די קאָמוניקאַציע מיטן דאָרף איז שווערער געוואָרן איבער די אָפּטע רעגנס. 4. אַ פֿרייד איז צו זען די קוימענס וואַרפֿן געדיכטע וואָלקנס רויך אין הימל. 5. באַם אָנקומען אַף דער סטאַנציע האָבן מיר דערהערט שטאַרקע הוראַ־אויסרופֿן. 6. זיי זײַנען דאָרט אַלע פֿרימאָרגן נאָך איבערבײַסן געזעסן באַם גרויסן קײַלעכדיקן טיש. 7. פֿאַר רופֿן זיי באַ אָט די נעמען האָבן אים (פֿענעקן) איינמאָל פֿאָליעק און בליומע שטאַרק גע־שלאָגן.

אופֿגאַבע 117. שרײַבט אַראָפּ און שטרײַכט אונטער די אָפּגעזונדערטע גרופּעס און באַצייכנט זיי.

1. אונדז אַנטקעגן גייען די אָפּרוענדיקע, בראָנדזענע פֿון זון און היץ. 2. זיבן שטולן, באַצויגענע מיט זײַדענע צודעקן, האָט מען אַהער געבראַכט פֿון עפּעס אַ פֿאַרלאָזענעם מויער. 3. פֿאַר אונדז האָט זיך געצויגן אַ פֿעלד, פֿאַרזייט מיט ווינטער־טווועס. 4. דאָס איז אַ כאַוער, אַן אויסגעפּרוווטער אין שלאַכטן. 5. אונ־דזערע כאַווײרים, דערצויגענע אין דער רויטער אַרמיי, האָבן באַוויזן אַ מוסטער פֿון העלדישקײַט.

אופֿגאַבע 118. געפֿינט די אָפּגעזונדערטע גרופּעס און שטעלט די נייטיקע אָפּשטעל־צייכנס.

1. מאָרגן וועט פֿאָרקומען אַן אָוונט געווידמעט דעם יאָרטאָג פֿון דער פּאַריזשער קאָמונע. 2. ברייט שפּרייט זיך דער גרינער טעפּיך פֿונעם וואַלד אַרומגערינגלט מיט נאָדל־ביימער. 3. לעם די הײַזער שטייען יונגע ביימער באַשאָטענע מיט שניי. 4. זיי האָבן געפּאַקעוועט אַפּאַראַטן נייטיקע פֿאַר דער אויספֿאָרשונג. 5. זומער האָט מיט פּעטריקן געאַרבעט באַ די ליים־גריבער אַ פֿרעמדער אַרבעטער פֿון ערגעץ אַ גע־קומענער. 6. ווײַט און ברייט ליגט אויסגעגאָסן דער יאַם צוזאַמענגעגאָסן מיטן זוימ פֿונעם לאַכנדיקן פֿריילעכן הימל. 7. לויט יעדיִעס באַקומענע פֿון זיכערע קוועלן ווערט די פֿאַרזאַמלונג ניט אָפּגעלייגט.

§ 33. גערונדיווישע און פּאַרטיציפּישע בײַזאַצן.

די גערונדיווישע און פּאַרטיציפּישע בײַזאַצן זײַנען סינאָנימיש צו צײַט־בײַזאַצן אָדער צו סיבע־בײַזאַצן.

צומבײַשפּיל. **א.** גייענדיק אַהיים, האָב איך אים באַגעגנט. **ב.** אַז איך בין גע־גאַנגען אַהיים, האָב איך אים באַגעגנט.

א. אָפּגעפּאָרן פון שטאָט, קאָן ער ניט זײַן אפ דער פארזאמלונג. ב. אַזױװי ער איז אָפּגעפּאָרן פון שטאָט, קאָן ער ניט זײַן אפ דער פארזאמלונג.

פאראנ אויכ גערונדיווישע בײַזאצנ, וואָס גיבנ איבער דעם אויפנ פונ דער טוונג פונ הויפטזאצ. דער בײַזאצ ענטפערט אפ דער פראגע „וויאזוי?“.

צומבײַשפּיל: לאָמיר ענטפערנ אפנ באשלוס פונעם צק, פארשטארקנדיק די ארבעט־דיסציפּלינ אונ די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט.

ער לייענט, זיצנדיק באם טיש.

צײַט־ אונ סיבע־בײַזאצנ קאָנענ געוויינלעכ פארביטנ ווערנ אפ גערונדיווישע אונ פארטיציפּישע בײַזאצנ, אויב די טוונג פונעם בײַזאצ געהער צום זעלבנ סוביעקט, וואָס אינ הויפטזאצ.

צומבײַשפּיל: 1) אז יאשע האָט געלייענט דעם בוכ, האָט ער געהאט פארגעניגנ. לייענענדיק דעם בוכ, האָט יאשע געהאט פארגעניגנ. — אינביידע זאצנ רעדט זיכ וועגנ יאשענ. אינעם הויפטזאצ פארטרעט דער פראָנאָמ „ער“ דעם סובסטאנטיוו „יאשע“, קאָנ מענ דאָ דעם צײַט־בײַזאצ פארוואנדלענ אינ א גערונדיווישנ.

2) אז י א ש ע האָט געלייענט דעם בוכ, האָט מ י ש ע אופמערקזאמ צוגעהערט זיכ.

דאָ זײַנענ די סוביעקטנ אינעם הויפטזאצ אונ בײַזאצ פארשיידענע, אונ דער בײַזאצ קאָנ ניט פארוואנדלט ווערנ אינ א גערונדיווישנ.

דער גערונדיווישער בײַזאצ ווערט באנוצט צוליב באצייכענענ, אז איינ טוונג קומט פאָר איינצײַטיק מיט א צווייטער.

צומבײַשפּיל: הערנדיק דעמ פאָרטראג, האָבנ די פארזאמלטע קיינ אויג ניט אראָפּגעלאָזט פונעם לעקטער. ביידע טוונגנ קומענ פאָר איינצײַטיק.

דער פארטיציפּישער בײַזאצ באצייכנט א טוונג, וואָס איז פאָרגעקומענ פאר דער טוונג פונעם הויפטזאצ.

צומבײַשפּיל: אויסגעהערט דעמ פאָרטראג, האָבנ די פארזאמלטע אָנגענומענ א רעזאָליוציע.

דער גערונדיווישער בײַזאצ קאָנ קומענ אינ זאצ אינ פארשיידענע ערטער.

דער פארטיציפּישער קומט נאָר פארנ הויפטזאצ.

דער גערונדיווישער אונ פארטיציפּישער בײַזאצ ווערנ אָפּגעטיילט מיט קאָמעס, אזוי ווי אנדערע בײַזאצנ.

דער גערונדיווישער אונ פארטיציפּישער בײַזאצ גיבנ די מעגלעכקײַט אויסצודריקנ דעמ געדאנק קירצער, ווי דורכ א צײַט־בײַזאצ אונ א סיבע־בײַזאצ, זיי גיבנ א מעגלעכקײַט אויסמײַדנ איינארטיקנ זאצבוי.

באמערקונג: מיט די פארטיציפּישע בײַזאצנ דארפ מענ ניט פלאָנטערנ די אָפּגעזונדערטע אדווערבישע גרופּע. צומבײַשפּיל:

ניט ווײַט פונ אונדז איז געשטאנענ א בודקע, באהאנגענ מיט לאָזונגענ אונ פלאקאטנ.

אופגאבע 119. שרײַבט ארויס באזונדער די צונויפגעזעצטע זאצנ מיט גערונדיווישע בײַזאצנ אונ באזונדער מיט פארטיציפּישע:

1. קוקנדיק דער טאָכטער גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן, האָט זיך דער פֿאָטער אופגעהויבן פֿון שטול. 2. ארופנעמענדיק איינע פֿון דער מוטערס טערקישע שאַלן אַפ די אַקסלען, קלינגט זי אָן אין קיך. 3. צוגעקומענ צו דער שטוב, דערהערט ער אַן אומבאַקאַנט קאָל. 4. אויסגעפּאַרקויפּט אײַנגאַנצן און אונטערגעוואָרפן מײַן פֿערדל אַ ביסל היי, גיי איך מיר ארויס אינ שטאָט. 5. שטייענדיק אַזוי בא אַ גרויסן פֿענצטער, טראַכט איך מיר בעשאָס־מײַסע. 6. אויסגעהערט אַלע פֿאָרשלאַגן, נעמען זיי אָן אַ פֿעסטן באַשלוס. 7. פֿונ ערגעץ אַ ווינקעלע שפּרינגט ארויס פּלוצעם אַ ציג, וועלכע/אַ פּאָר ווײַסע־כעוורעניקעס האָבן איבערגעשראָקן, אונטערגאַנווענענדיק זיך שטילערהייט צו איר אַפ דער פֿריזבע דאָרט. 8. איבערגעדעקט זיך מיט דער קאָלדרע, איז ער גיך אנשלאָפֿן געוואָרן. 9. באָדנדיק זיך אין קאַלטן שוויס, קוקנדיק יעדע מינוט דעם טויט אין די אויגן אַרײַן, האָט באָנציע געשוויגן. 10. ער האָט געשוויגן אַפילע דעמלט, ווען דער באַלטויווע איז אים, פֿאָרנדיק אַפ אַ קאָטש מיט גאָמענע רעדער און פֿערד, ווי לייבן, איבערגעפֿאָרן.

אופגאַבע 120. פֿאַרוואַנדלט דעם בײַזאַץ אין אַ גערונדיוויִשן, ווו ס׳איז מעגלעך:

1. בייס ער רעדט מיט אים, פֿילט ער, ווי נאָענט דער מענטש איז אים געוואָרן. 2. ווען ער איז געגאַנגען דורכן ניו־יאָרקער סקווער, האָט ער אַלץ אָפטער און אָפטער באַגעגנט היימלאָזע. 3. יענער האָט, בייס ער האָט מיך אויסגעהערט, אָנגעשפּאַרט ביידע הענט אַפן טיש. 4. שמועסט איר מיט די קאָלווירטניקעס, דערוויסט איר זיך אַסאַך אינטערעסאַנטע זאַכן. 5. בייס הערשעלע איז אַזוי געשטאַנען, האָט ער זיך צוגעהערט צו די גרויסע מיט ביידע אויערן. 6. אַז דער טעלעפֿאָן קלינגט, ענטפֿער איך אַלעמאָל. 7. בייס מיר גייען אַהיים, לויפֿט אונדז אַנטקעגן די מאַמע. 8. ווען דער לימעד ענדיקט זיך, גייען די קינדער ארויס אין קאָרידאָר.

אופגאַבע 121. בויט איבער דעם צײַט־בײַזאַץ אין אַ פּאַרטיציפּישן, ווו ס׳איז מעגלעך:

1. אַז מע האָט אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען, האָט מען זיך אַ ביסל צערעדט. 2. אַז פּינקע איז אַרײַנגעקומען אין הויז, איז דאָס מיידל שוין געזעסן בא דער מאַשין. 3. אַז איך בין געקומען קיין יעהופּעץ און האָב אָפּגעזעצט דאָס ביסל מילכיקס, האָב איך מיך געלאָזט זוכן דעם נעפּעש מײַנעם. 4. אַז סענקע האָט דערזען זײַן פֿאָטאָגראַפֿיע אין צײַטונג, איז ער שטאַרק דערפֿרייט געוואָרן. 5. אַז איך בין אָפּגעפֿאָרן אַ קילאָמעטער צוויי, איז דער וועטער קאַליע געוואָרן. 6. ווען זי האָט געזען, אַז מיט בייזן קאָן זי גאָרניט מאַכן, פֿאַלט זי צו מיט גוטע רייד.

אופגאַבע 122. בויט איבער דעם פּאַרטיציפּישן בײַזאַץ אין אַ צײַט־בײַזאַץ אָדער סיבע־בײַזאַץ:

1. דערהערט אַזעלכע דיבורים, האָט זיך אונדזער ראַבטשיק דערשראָקן. 2. געקומען אין שטאָט אַרײַן, האָט ראַבטשיק אויסגעפֿעלט דעם הויף, ווו ער איז אויסגעוואַקסן. 3. ארויסגעכאַפּט זיך אַפ דער פֿרײַער ליכטיקער וועלט, האָבן מיר ביידע זיך בעגומעג אויסדריקן אונדזער צופֿרידנקײַט. 4. אויסגעבעט אַפ דער ערד, האָבן מיר זיך ביידע אויסגעצויגן. 5. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די לעקציעס, פֿלעגט ער קומען צו מיר זיך אָפּרוען. 6. געשטאַנען אַזוי אַ פּאָר מינוט אָן ווערטער, לאָזט מען אַראָפּ די אויגן. 7. צונויפֿגעדרייט אַ ציגאַר מאַכאָרקע, האָט דער עלטערער אַרבע־

טער זיכ צערעדט. 8. דערהערט די דאָזיקע ווערטער, האָב איכ זיכ פּאַשעט מעכײַע געווען. 9. דורכגעלייענט א ביכל, פלעגט טאניע ליב האָבן זיכ פארטראכטן און פארשרײַבן אירע אײַנדרוקן אין העפט. 10. געבוירן, דערצויגן און אויסגעוואקסן צווישן פויערים, איז שמוליק ארײַנגעטאָן אין די אינטערעסן פון דאָרף.

אופגאבע 123. פארוואנדלט דעם גערונדיווישן בײַזאץ און א צײַט־בײַזאץ, ווו עס לאָזט זיכ לויטן אינהאלט:

1. דערנעענטערנדיק זיכ צום פלאץ, האָב איכ אלץ אָפטער און אָפטער אָנגעהויבן באמערקן איינצלנע ארבעטער־גרופּעס. 2. פארקוקנדיק זיכ אפן אויסגעשטערנטן בלויען הימל, נעמען זיי געשמאק שמועסן. 3. שפּארנדיק אים עטלעכע מאטבייעס אין האנט ארײַן, האָט אײַזיק גערעדט. 4. צוקומענדיק צום פּאָטערס שטוב, האָט ער דערזען, ווי די פענצטער זײַנען באלויכטן. 5. שטייענדיק אפן לייטער, גרונטע־וועט ליאם די קארניזן.

§ 34. קאָמפּליצירטע קאָנסטרוקציעס.

א צונויפגעזעצטער זאץ קאָן אנטהאלטן צוויי אָדער עטלעכע בײַזאצן בא איין הויפּטזאץ, אָדער א קאָאָרדינאציע פון הויפּטזאצן, וואָס האָבן צו זיכ בײַזאצן. דאָ זײַנען מעגלעכ פארשיידענע קאָנסטרוקציעס:

1. צוויי אָדער עטלעכע גלײַכארטיקע בײַזאצן זײַנען סובאָרדינירט צו איין און דעם זעלביקן וואָרט פון הויפּטזאץ, וועלכעס זיי דערקלערן.

צומבײַשפּיל: ס'איז קיינעם פון די עלטערע שאכטיאָרן ניט אײַנגעפאלן זײַן באַרויגעז אפ אוראָמען, פארוואָס דאָס לעמפּל איז בא אים פלוצעם פארלאָשן געוואָרן און פארוואָס ער קאָן ניט רירן קיין אָנגעלאָדענעם וואגאָן אפ די רעלסן.

ביידע בײַזאצן זײַנען דאָ גלײַכארטיקע, ווײַל זיי דערקלערן איין און דאָס זעלבע וואָרט אין הויפּטזאץ — „זײַן בארויגעז" — און ענטפערן אפ דער זעלבער פראגע „פארוואָס?"

די סכעמע פון דעם צונויפגעזעצטן זאץ איז אזא:



פארן בינדוואָרט „און", וואָס פארייניקט גלײַכארטיקע בײַזאצן, קומט ניט קיין קאָמע.

2. עטלעכע בײַזאצן זײַנען סובאָרדינירט צו איינ און דעם זעלבן הויפּטזאַץ און דערקלערן דאָס זעלבע אָדער פאַרשיידענע ווערטער אינ אים.

צומבײַשפּיל: עטלעכע ייִדן, וואָס גייען ארום ליידיק, שטייען אינ מארק ארום א שליטן, וואָס האָט אָטשערעט צו פּאַרקויפן געבראַכט.

ביידע זאצן זײַנען אטריבוטיווע, נאָר זיי דערקלערן פאַרשיידענע ווערטער פון הויפּטזאַץ: דער ערשטער — „וואָס גייען ארום ליידיק" — דערקלערט דאָס וואָרט „ייִדן", דער צווייטער — „וואָס האָט אָטשערעט צו פאַרקויפן געבראַכט" — דערקלערט דאָס וואָרט „שליטן". די סכעמע פונעם זאַץ איז אזא:

עטלעכע ייִדן שטייען אינ מארק ארום א שליטן

(הויפּטזאַץ)

וואָס האָט אָטשערעט צו פאַר־קויפן געבראַכט

(בײַזאַץ)

וואָס גייען ארום ליידיק

(בײַזאַץ)

3. די בײַזאצן באַם הויפּטזאַץ בילדן א קייט פון סובאָרדינאַציע: איינ בײַזאַץ איז סובאָרדינירט צום הויפּטזאַץ, דער צווייטער בײַזאַץ איז סובאָרדינירט צום ערשטן בײַזאַץ, דער דריטער בײַזאַץ איז סובאָרדינירט צום צווייטן א. אז. וו.

צומבײַשפּיל: פאַראַן צווישן די איבערוואַנדערער אזוינע, וואָס זײַנען דיר בעריעס אפּ אויסצורעכענען, וויפל פאַרשיידענע מינים כײַעס לעבן אינ בירעבידזשאַנער טײַגע.

דאָ איז דער ערשטער בײַזאַץ סובאָרדינירט צום הויפּטזאַץ, אינ ווע‌לכן ער דערקלערט דאָס וואָרט „אזוינע"; דאָס איז א בײַזאַץ פון דער ערשטער שטופע. דער צווייטער בײַזאַץ איז סובאָרדינירט צום ערשטן בײַזאַץ, אינ וועלכן ער דער־קלערט דאָס וואָרט „אויסצורעכענען". דאָס איז א בײַזאַץ פון דער צווייטער שטופע. די סכעמע פון אָט דעם זאַץ איז אזא:

פאַראַן צווישן די איבערוואַנדערער אזוינע

(הויפּטזאַץ)

וואָס זײַנען דיר בעריעס אפּ אויסצורעכענען

(בײַזאַץ פון דער ערשטער שטופע)

וויפל פאַרשיידענע מינים כײַעס לעבן אינ בירעבידזשאַנער טײַגע.

(בײַזאַץ פון דער צווייטער שטופע)

4. צוויי הויפטזאצנ, וואָס האָבנ יעדערער צו זיכ בײַזאצנ, זײַנענ פארייניקט אינ איינ צונויפגעזעצטנ זאצ, אזוי אז דאָ ווערנ פאקטיש קאָאָרדינירט צוויי צונויפגע־זעצטע זאצנ.

צומבײַשפיל: צעמעכ האָט באשלאָסנ, אז די זשאנדארמענ ווייסנ ניט פונ די אופשריפטנ, אונ עס איז אימ אנגענעמ געווענ, וואָס ער ווייסט אינ זייער מעלוכע פונ א זאכ, פונ וועלכער זיי ווייסנ ניט.

די סכעמע פונ אָט דעמ טיפ קאָמפליצירטנ זאצ איז אזא:

צעמעכ האָט באשלאָסנ
(הויפטזאצ)

אז די זשאנדארמענ ווייסנ ניט פונ די אופשריפטנ
(בײַזאצ)

אונ

עס איז אימ אנגענעמ געווענ
(הויפטזאצ)

וואָס ער ווייסט אינ זייער מע־לוכע פונ א זאכ
(בײַזאצ)

פונ וועלכער זיי ווייסנ ניט
(בײַזאצ)

5. אינ זאצ איז אײַנגעשלאָסנ א צווייטער זאצ, וואָס זײַנ אופגאבע איז עפעס באמערקנ צו דעמ, וועגנ וואָס דער זאצ רעדט. אזוינע באמערקזאצנ קומענ אינ קלאמערנ אָדער אויסגעטיילט מיט טירע.

צומבײַשפיל: מע האָט מיכ נאָכ געבעטנ, איכ זאָל פארשרײַבנ איינעמ (מע האָט פארגעסנ, ווי ער הייסט) א געלנ יידנ מיט ווײַב אונ קינדער (מע געדענקט ניט וויפל, נאָר אסאכ).

די סכעמע פונ אזא זאצ קאָנ מענ אופשטעלנ אזוי:

מע האָט מיכ נאָכ געבעטנ
(הויפטזאצ)

איכ זאָל פארשרײַבנ איינעמ א געלנ יידנ מיט ווײַב אונ קינדער
(בײַזאצ)

(מע האָט פארגעסנ, ווי ער הייסט)
(באמערקזאצ)

(מע געדענקט ניט וויפל, נאָר אסאכ)
(באמערקזאצ)

אופגאבע 124. אנאלײזירט פֿאָלגנדיקע קאָמפּליצירטע זאצן, שטעלט די געהעריקע אָפּשטעל־צייכנס, שטעלט אופ צו אייניקע זאצנ סכעמעס:

I. 1. מע האָט בא אים געפונענ א קלֿיינ בלֿוי העפט וואָס אינ דעם האָט עמעצער פּראָטעסטירט קעגנ דער נידערטרעכטיקער קאפּיטאלֿיסטישער וועלֿט אונ געלֿערנט אלֿע זײַנע פֿרײַנט אז זיי זאָלֿנ פּראָטעסטירנ. 2. מיט מי אונ מאטערניש האָט צעמעכ געלֿייענט דאָס געשריבענע העפט ווײַלֿ שרײַבנ אונ לֿייענענ האָט ער זיכ אָנגעהויבנ צו לֿערנענ ווענ ער האָט אָנגעהויבנ אלֿיינ אפ זיכ צו פֿארדינענ. 3. אונ יעדע שורע וועלֿכע ער האָט בײַגעקומענ אינ דעם קלֿיינעם געשריבענעם העפט האָט בא אים ארויסגערופֿנ לֿיבע צו דעם וועמ עס האָט די שורע געשריבנ. 4. דורכגעלֿייענט דאָס העפט האָט ער דעם גאנצנ אפּמאָרגעדיקנ טאָג געפֿילֿט א נײַע הויט אפ זיכ אונ האָט פֿרײַנטלֿעכ צוגעשמייכלֿט בא דער ארבעט צו זײַנע אופגעקלֿערטע באוויירימ ווי ער וואָלֿט זיי געגעבנ צו פֿארשטיינ אז ער געהערט שוינ צו זיי אונ אז זײַנ רײַכנ באלֿעבאָס האָט ער פֿײַנט מער פֿאר אלֿעמאָלֿ. 5. אונ ווײַלֿ ער האָט געלֿאָזנ בא זיכ דאָס העפט נאָכ אפ א נאכט איז ער ארײַנ אינ געפֿענקעניש אינ א באזונדער צימער אונ דאָס ביכלֿ איז ארײַנגעפֿאלֿנ צו דער פּאָלֿיציי אינ די הענט.

II. 1. די קאָמונע וואָס די נעכטיקע פֿארבינדעטע האָבנ זי געוואָרפֿנ אונ וואָס קיינער האָט זי ניט געשטיצט האָט אומפֿארמײַדלֿעכ געדארפֿט לֿײַדנ א מאפּאָלֿע. 2. די גאנצע בורזשואזיע פֿונ פֿראנקרײַכ אלֿע פּריצימ בירזשעוויקעס פֿאבריקאנטנ אלֿע גרויסע אונ קלֿיינע גנאָווימ אלֿע עקספּלֿואטאטערס האָבנ זיכ קעגנ איר פֿאראייניקט. 3. דער דאָזיקער בורזשואזער קאָאלֿיציע געשטיצט דורכ ביסמארקנ (וואָס האָט ארויסגעלֿאָזט פֿונ דער דײַטשישער געפֿענקעניש 100 טויזנט פֿראנצויזישע סאָלֿדאטנ קעדיי אײַנצונעמענ דעמ רעוואָלֿיוציאָנערנ פּאריזש) איז געלֿונגענ אופצושטעלֿנ די פֿינצטערע פּויערימ אונ די פּראָווינציעלֿע קלֿיינ־בורזשואזיע קעגנ דעמ פּאריזשער פּראָלֿעטאריאט אונ ארומצורינגלֿענ האלֿב פּאריזש מיט אנ אײַזערנעמ רינג (די צווייטע העלֿפֿט איז געוועזנ באלֿאגערט דורכ דער דײַטשישער ארמיי). 4. אינ אייניקע גרויסע פֿראנצויזישע שטעט (מארסעלֿ לֿיאָנ סענט־עטיענ דיזשאָנ א. א.) האָבנ די ארבעטער אויכ געמאכט א פּרווו צו פֿארכאפּנ די מאכט צו פּראָקלֿאמירנ א קאָמונע אונ צו גיינ העלֿפֿנ פּאריזש אָבער די דאָזיקע פּרווונ האָבנ זיכ גיכ פֿארענדיקט מיט א דורכפֿאלֿ אונ פּאריזש וואָס האָט דער ערשטער אופגעהויבנ די פֿאָנ פֿונ פּראָלֿעטארישנ אופשטאנד איז געבלֿיבנ אלֿיינ מיט זײַנע אייגענע קויכעס אונ פֿארורטיילֿט אפ א זיכערנ אומקומ.

(לעניג)

III. ווענ איכ רעד אויס אָט דעמ שלֿאכט־נאָמענ וואָס ניט געקוקט אפ קיינ זאכ הילֿכט ער איבערנ גאנצנ פּראָלֿעטארישנ דײַטשלֿאנד ווענ איכ קלֿער וועגנ דעמ דאָזיקנ קעמפֿער וואָס אונדזער סוינע האלֿט אים פֿארשפּארט אינעמ וויסטנ כוישעכ פֿונ זײַנ טפּיסע ווענ איכ דערמאנ דעמ נאָמענ פֿונ ערנסט טעלֿמאנ זע איכ אים אינ מײַנ געדאנק אזא ווי איכ האָב אים פֿריער געזענ אינ דער סוויווע אינ וועלֿכער ער איז אויסגעוואקסנ אינ האמבורג צווישנ דעמ פּראָלֿעטאריאט.

דאָס לֿעצטע מאָלֿ האָב איכ אים געזענ פֿארהעלֿטעניסמעסיק ניט לֿאנג, דאָס איז געוועזנ סאָפ 1932 יאָר אינ פּאריזש אינ אזויגערופֿענעם בולֿיע צווישנ א מאסע

ארבעטער. מע האָט געפּײַערט דעם 15־טן יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. ער איז ארויף אפֿ דער טריבונע און איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַן אומבאַשרײַבלעכער אַנטציקונג פון דער גאַנצער פֿאַרזאַמלונג. ער איז געווען דער זעלבער וואָס פֿריִער — אַ גרויסער אַ ברייטפּלייציקער מיט אַ פֿריילעכן פּאָנעם און מיט קלאָרע אויגן. דער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט האָט באַגריסט דעם מענטשן וואָס האָט געקעמפט קעגן דער באַוואָפענונג פון דײַטשלאַנד וואָס האָט געשאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון די דײַטשישע פֿראַנצויזישע טשעכאָסלאָוואַקישע און פּוילישע ארבעטער קעדיי צו קעמפן קעגן דער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק.

דער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט האָט באַגריסט דעם אַנטי־אימפּעריאַליסט ערנסט טעלמאַן.

(באַרביוס)

35 §. דירעקטע און אומדירעקטע רייד.

> עמעצנס רייד, איבערגעגעבן פּינקטלעך לויטן אינהאַלט און לויט דער פֿאָרם, ווערן גערופֿן ד י ר ע ק ט ע ר י י ד.

צומבײַשפּיל:

„הײַנט גיי איך אין פֿעלד“, — האָט געזאָגט דער זיידע.

> עמעצנס רייד, וואָס ווערן איבערגעגעבן אַזוי, אַז ס׳ווערט ניט אײַנגעהיט זייער פֿאָרם, רופֿן מיר א ו מ ד י ר ע ק ט ע ר י י ד.

צומבײַשפּיל: דער זיידע האָט געזאָגט, אַז הײַנט גייט ער אין פֿעלד.

בּאַ דירעקטע רייד קומען געוויינלעך דערקלער־ווערטער, וואָס ווײַזן וועמען עס געהערן די רייד, אמאָל אויך — באַ וועלכע אומשטאַנדן זיי זײַנען ארויסגעזאָגט.

די דערקלער־ווערטער אין אונדזער בײַשפּיל זײַנען: „האָט געזאָגט דער זיידע“.

אומדירעקטע רייד שטעלן מיט זיך געוויינלעך פֿאָר אַ צונויפגעזעצטן זאַץ מיט אַן אָביעקט־בײַזאַץ. אינעם אָביעקט־בײַזאַץ ווערט איבערגעגעבן דער אינהאַלט פון די דירעקטע רייד אינעם הויפּטזאַץ — דער אינהאַלט פון די דערקלער־ווערטער.

דירעקטע רייד ווערן זייער אָפֿט אָנגעווענדעט אין דער קינסטלערישער ליטעראַ־טור, ווי אַ מיטל, וואָס העלפֿט פֿאָרצושטעלן זיך בולטער דעם געשילדערטן מענטשן. די באַזונדערקײַטן פון דער שפּראַך זײַנען שטענדיק פֿאַרבונדן מיט די אָדער יענע כאַ־ראַקטער־שטריכן פונעם העלד. אָט פֿאַרוואָס דער שרײַבער ווענדעט אָפֿט אָן דירעקטע רייד.

אָט האָבן מיר אַ בײַשפּיל, וויאַזוי דורך דירעקטע רייד שילדערט דער שרײַבער זײַנע העלדן:

I. דרײַ רײַזעס האָט יִסראָעל ברוידע געמאַכט הין און צוריק צו דער באַן. אַלע זאַכן אריבערגעפֿירט. ווען ער איז געקומען צו פֿאָרן דאָס דריטע מאָל צו זײַן נײַ שטיבל, איז שוין געווען שפּעטער אָוונט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אפֿ זײַן אַלטער, אַ שמייכל געטאָן צו איר, אָנגעשטאָפּט זײַן ליולקע מיט מאַכאָרקע, פֿאַרצויגן זיך, ארויסגעלאָזט אַ פּאָר קנוילן רויך און אַ זאָג געטאָן:

— אָט זײַנען מיר שוין, אַלטע, אינדערהיים... און אפּשטענדיק...

— א גערולע אפּ דער באַבען דײַנער... — האָט די אַלטע געענטפערט, פאַרענדיק זיך באַ די זאַכן.

— שטיפּ ניט, אַלטע... שטיפּ ניט, איך בעט דיך... איך זע דאָך — דו האָסט האַ־נאָע... איז וואָס־זשע, דו פאַרגינסט מיר ניט דײַן האַנאָע?

— האָסט זיך שוין צערעדט? אין שטוב איז אַן איבערקערעניש, און ער שטייט און אגיטירט מיך!

II. אין שטאָט רופט מען אים גערשל בעקער. וואָרעם די ליגנס, וואָס ער באַקט אפּן טוץ, זײַנען אַלע טאָג נײַע — מע פּילט מאַמעש, ווי זיי זײַנען נאָך וואַרעם, ווי פריש־געבאַקענע אייער־בייגל. באַ גערשלען האָט מען געפרעגט:

— ווו האָסטו גערינט?

גערשל האָט געדרייט א וואָנצע און גלײַך געגעבן א קנאַק אָפּ:

— אין יעיאָ אימפּעראַטאָרסקע דער קייסעריניעס פּאָלק, פּערווע גוואַרדיע, פּער־ווע ראָטע, פּערווע ווזוואָד, פּערווע שערענגע.

אין שטאָט האָט מען געזאָגט:

— א גלאַטקײַט פון א צינגעלע!

— וואָלט ער זיך כאָטש איין מאָל פאַרהיקעט...

— הער א מײַסע! — האָט מען צו אים געזאָגט. — ביסט מינאַסטאַמ שוין געווען באַקאַנט מיט דער קייסעריניע?..

גערשל האָט געענטפערט:

— וואָפראָס?.. יאָלדן, וואָס איר זײַט! דער קייסעריניעס פּאָלק!.. די קייסעריניע האָט אונדז אַלע געקענט באַ די נעמען, זיך געוויטעט מיט אַלע באַ די הענט.

— טצ, טצ, טצ! — האָט מען אין שטאָט צוגעקנאַקט מיטן צונג און געקוקט גערשלען גלײַך אין די אויגן.

— הער א מײַסע!

(בערגעלסאָן, „באַם דניעפּער”)

אין קינסטלערישע ווערק ווערט אָפט איבערגעגעבן א שמועס פון די העלדן — א דיאַלאָג.

צומבײַשפּיל:

— פונוואַנען, — זאָג איך, — שפּאַנט דאָס א באָכערל?

— פון יעהופּעץ.

— וואָס האָט, — זאָג איך, — אַזא באָכערל, ווי דו, צו טון אין יעהופּעץ?

— אַזא באָכערל, ווי איך, — זאָגט ער, — גיט אָפּ עקזאַמען.

— אָפּ וואָס, — זאָג איך, — שטודירט אַזא באָכערל, ווי דו?

— אַזא באָכערל, ווי איך, — זאָגט ער... — א. אַז. וו.

(ש. אַל.)

ס'איז קעדײַ צו באַמערקן: דאָ ווערן קעסיידער איבערגעכאַזערט אַלץ דעם אַוו־טערס ווערטער „זאָג איך — זאָגט ער”. דאָס ברענגט ארײַן הומאָר אין דער שילדע־רונג. אָבער אַזא אַרט ריידן איז א סימען פון שפּראַכלעכער אומבאַהאָלפנקײַט, און

דאָס ווײַזט טעוויעס אָפגעשטאנענקײַט. אזא אײנארטיקע איבערכאזערונג פון ווארטער דארף מען אויסמײַדן.

פארוואנדלען דירעקטע רייד אין אומדירעקטע קומט אויס גאנץ אָפט, ווען מע גיט איבער מינדלעך אָדער שריפטלעך דעם אינהאלט פון יענעמס געהערטע אָדער געלייענטע רייד.

אין פראָטאָקאָלן גיט מען געוויינלעך איבער דעם אינהאלט פון די ארויסטרעטונגען אפ פארזאמלונגען אין דער פאָרם פון אומדירעקטע רייד.

באם פארוואנדלען דירעקטע רייד אין אומדירעקטע ווערן אויסגענוצט פארשיידענע קאָנסטרוקציעס:

1. די דירעקטע רייד ווערן פארוואנדלט אין א בײַזאצ מיטן בינדוואָרט „אז". דאָס איז דאן, ווען די דירעקטע רייד דריקן ניט אויס קיין פראגע.

א. די מאמע האָט געזאָגט: „בערל איז א גאנצע נאכט געשלאָפן".

ב. די מאמע האָט געזאָגט, אז בערל איז א גאנצע נאכט געשלאָפן.

2. א דירעקטע פראגע, וואָס אנטהאלט א פרעגוואָרט (ווי, וואָסער, וועלכער א. א.)' ווערט פארוואנדלט אין אן אומדירעקטער פראגע אָן קיין שום בינדוואָרט.

צומבײַשפיל:

א. — ווי זעט אויס דער קאָזאק? — האָט אויסגעפרעגט פיאָדער.

ב. פיאָדער האָט אויסגעפרעגט, ווי זעט אויס דער קאָזאק.

3. א דירעקטע פראגע, וואָס אנטהאלט ניט קיין פרעגוואָרט, ווערט פארוואנדלט אין אן אומדירעקטער פראגע מיטן בינדוואָרט „צי".

צומבײַשפיל:

א. — האָסט אליין געזען? — האָט אים פיאָדער אויסגעפרעגט.

ב. פיאָדער האָט אים אויסגעפרעגט, צי ער האָט אליין געזען.

באם פארוואנדלען דירעקטע רייד אין אומדירעקטע ווערן די פערזאָניקע פראָנאָמען גענוצט אזוי: דער, וואָס גיט איבער דעם אינהאלט פון יענעמס רייד, באטראכט זיך אלס ערשטע פערזאָן. די, צו וועלכע די דירעקטע רייד איז געווענדעט, באטראכט ער אלס דריטע פערזאָן.

צומבײַשפיל:

דירעקטע רייד.

דער לערער האָט געפרעגט די שילער: „איר האָט געלייענט די צײַטונג?"

אומדירעקטע רייד.

דער לערער האָט געפרעגט די שילער, צי זיי האָבן געלייענט די צײַטונג.

דער, וואָס גיט דאָ איבער דעם אינהאלט פון יענעמס רייד, רעדט ניט דירעקט צו די שילער, ווענדעט ער דעריבער ניט אָן די צווייטע פערזאָן, נאָר די דריטע.

באם פארוואנדלען דירעקטע רייד אין אומדירעקטע קומט אויס צו ענדערן אויך די דערקלער־ווערטער אָדער אליין צוגעבן דערקלער־ווערטער, אויב זיי ווערן ניט געבראכט בא די דירעקטע רייד.

צומביישפּיל:

א. זי האָט ניט געענטפערט. זיין קאָל איז געוואָרן הארטער, שטרענגער: — מע פרעגט בא דיר: דיינע קערב?

ב. זי האָט ניט געענטפערט, האָט ער מיט א הארטערן און שטרענגערן קאָל געפרעגט, צי דאָס זיינען אירע קערב.

36 §. פּונקטואַציע בא דירעקטע רייד.

די דערקלער־ווערטער בא דירעקטע רייד קאָנען קומען פאר, נאָך און אינמיטן די דירעקטע רייד.

צומביישפּיל:

1. האָט אבע אים א פרעג געטאָן: „ווי רעכנט איר שטעלן אייער שטוב?"
2. „ווי רעכנט איר שטעלן אייער שטוב?" — האָט אבע אים א פרעג געטאָן.
3. „ווי רעכנט איר, — האָט אבע אים א פרעג געטאָן, — שטעלן אייער שטוב?"

אין ערשטן פאַל קומט פאר די דירעקטע רייד א צווייפּונקט. די דירעקטע רייד ווערן גענומען אין פּיסלעך. סאָף דירעקטע רייד (פאר די פּיסלעך) קומט אָפּהענגיק פון כאראקטער פון זאַץ, א פּינטל, א פרעגצייכן אָדער אויסרופצייכן.

אין צווייטן פאַל טיילט מען די דירעקטע רייד אָפּ פון די דערקלער־ווערטער מיט א טירע. דערביי קומט פארן טירע א קאָמע, א פרעגצייכן אָדער אן אויסרופצייכן, אָפּהענגיק פון דער אינטאָנאַציע פון די דירעקטע רייד.

אין דריטן פאַל ווערט דער גאנצער זאַץ גענומען אין פּיסלעך; פאר די דערקלער־ווערטער קומט א קאָמע מיט א טירע, נאָך די דערקלער־ווערטער קומט א קאָמע מיט א טירע, סאָף זאַץ (פאר די פּיסלעך) קומט, אָפּהענגיק פון דער אינטאָנאַציע, א פּונקט, א פרעג־ אָדער אויסרופצייכן.

ווען די דערקלער־ווערטער ווערן איינגעשלאָסן אין דירעקטע רייד, וואָס באַשטייען פון איינצלנע זאַצן, קומט פאר די דערקלער־ווערטער אין א פרעג־ אָדער אויסרוף־זאַץ א פרעג־ אָדער אויסרופצייכן פארן טירע; נאָך די דערקלער־ווערטער קומט דאַן א פּונקט, אמאָל א צווייפּונקט פארן טירע.

צומביישפּיל:

— וואָס פאר א נייס? — האָט דער ברודער אויסגערופן א פארכידעשטער. — ער פלעגט דאָך קיינמאָל ניט פארשפּעטיקן.

אופגאבע 125. שרייבט אראָפּ און שטעלט פאַנאַנדער די פארפעלטע אָפּשטעל־צייכנס:

דערוויילן אזוי־ווי איך טראַכט פון האָדלענען קומט זי אָן האָדל הייסט עס זעצט זיך לעבן מיר אַף דער פריזבע קוקט זיך ארום אַף אלע זייטן און רופט זיך אָן צו מיר שטילערהייט

הערסטו טאַטע איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן הייַנט געזעגענען מיר זיך אַף מיט דיר אַף שטענדיק

וואָס הייסט זאָג איך דו געזעגנסט זיך אָפּ מיט מיר אפ שטענדיק
אזוי מאכ איך צו איר אונ קוק אראָפּ זי זאָל ניט זענ ווי איך בינ טויט
דאָס הייסט זאָגט זי איך פאָר אוועק מאָרגנ! גאנצפרי מיר וועלנ זיך שוינ קיינ־מאָל ניט זענ קיינמאָל ניט

— —

אונ אז מיר האלטנ שוינ ניט ווײַט פונ דער באַנ רופ איך זיך אָנ צו איר זי זאָל מיר זאָגנ דאָס לעצטע מאָל וואָס פאָרט האָט ער געטאָנ אזעלכעס פעפערל הייסט עס איטלעכע זאכ זאָג איך באדארפ דאָכ האָבנ א טאם ווערט זי אָנגעצונדנ אונ שווערט מיר אז ער איז ריינ ווי גינגאָלד ער איז א מענטש וואָס פאר זיך ארט אים ניט דאָס גאנצע טועכצ זײַנס איז נאָר יענעמס טויווע אונ דעריקער די באלמעלאָכעס

זאָרגט ער זיך זאָג איך צו איר פאר דער וועלט לעמיי־זשע זאָג איך זאָרגט זיך די וועלט ניט פאר אים (ש. אל.)

אופגאבע 126. אינ די ווײַטערדיקע דיאלאָגנ שטעלט ארײַנ פאסיקע דערקלער־ווערטער צו די איינצלנע רעפליקעס פונ די פערזאָנענ:

1. מוישע דער אײַנבינדער, אז ער איז ארײַנגעקומענ צו אונדז אונ דערזענ אזוי־פיל פלעשער, האָט ער זיך דערשראָקנ. פרעגט מײַנ ברודער עליע:

— וואָס האָט איר זיך דערשראָקנ?

— וואָס איז בא דיר אינ די פלעשער?

— וואָס זאָל זײַנ? ווײַנ.

— וואָסער ווײַנ? ס'דאָכ טינט!

— הײַנט וואָס־זשע פרעגט איר?

— וואָס וועסטו טונ מיט אזויפיל טינט?

— טרינקענ.

— ניינ, איך מיינ אָנ קאָטאָוועס: וועסט פארקויפנ לאאכאָדים אויכ?

— וואָס בינ איך, א מעשוגענער? אז פארקויפנ, וועל איך פארקויפנ צענ פלעשער, צוואנציק פלעשער, פופציק פלעשער!

— וועמענ וועסטו פארקויפנ?

— וועמענ? דעם ראָוו!

2. — דאָ פארקויפט זיך טינט לאאכאָדים?

— יאָ, וואָס איז דענ?

— איך האָב געוואָלט אביסל טינט.

— וויפל דארפסטו טינט?

— גיט מיר פאר א קאָפּיקע טינט.

3. — דאָ מאכט מענ טינט?

— יאָ, וואָס איז דענ?

— די שוועסטער האָט געבעטנ, טאָמער קאָנט איר איר לײַענ אביסל טינט? זי דארפ שרײַבנ א בריוו קיינ אמעריקע.

— ווער איז דײַנ שוועסטער?

— באסיע די נייטערנ.

(לויט שאָלעמ־אלייכעמענ)

אופגאַבע 127. גיט איבער דעם אינהאַלט פון די ווײַטערדיקע טעקסטן, בויט איבער דערבײַ די דירעקטע רייד אַף אומדירעקטע:

I. אַ צעניאָריקער יאַט האָט געזאָגט צו זײַנע כאַווײרים: „אין אַמעריקע הייצט מען מיט ווייץ די לאָקאָמאָטיוון". „ווען די אַרבעטער זאָלן דאָרטן האָבן די דייע, — האָט באַמערקט אַ צווייטער, — וואָלטן זיי דאָס ניט געלאָזט טון". גיט נאָך איינער טרוימעריש צו: „די אַרבעטער שטייען אומעטום פאַר אונדז" „ווי נאָר אין אַמעריקע וועט זײַן אַ רעוואָליוציע, פאָר איך אַהינצו", האָט ווידער געטײַנעט דער צווייטער.

(לויט קושניראָוון)

II. אין דער נײַער שטוב האָט זיך ייִסראָעל ברוידע מיט זײַן הויזגעזינד אַריבער־געקליבן פון אָוונט.

צו אָוונט־צו האָט זיך גראָד די זון צעשײַנט.

די מענטשן אין ייִשעוו — שוין נאָך דער אַרבעט און נאָך דער וועטשערע — האָבן געררויכערט. געקוקט אַפן עמאַלעוון הימל און אַף דער ריזיקער גינגאָלדענער זון איבער דער בירע און מונטער זיך דורכגעשמועסט:

— האָסטו געזען, ס'איז גאָר אַפסנײַ זומער געוואָרן!..

ווען זיי האָבן דערזען, ווי ייִסראָעל גייט אײַנגעשפּאַנט אין די האָלאָבליעס און שלעפּט דעם וואָגן מיט די זאַכן פון דער באַן, האָבן זיי זיך דערמיט דערפרייט נאָך מער, ווי מיט דער זון: דאָס איז געווען אַ גוט שטיקל שפּײַז פאַר זייערע צינגער.

— ייִסראָעל, — האָבן זיי אים נאָכגעשריִען, — וואָס עפּעס פון אָוונט?

— ייִסראָעל, דו האָסט מוירע, מע וועט דײַן פּאַלאַץ איבער נאַכט פאַרכאַפּן?

נאָר ייִסראָעל האָט זיי ניט געענטפערט. ער האָט געשלעפּט דעם וואָגן, געדרייט מיט די האָלאָבליעס און האַנאָע געהאַט פון זײַנע קוויטשעס: ער האָט געפילט, אַז זײַן ווײַב אַלטע פון הינטן און די קינדער בא דער זײַט פון וואָגן דאַרפן ניט פאַר־טערן קיין סאַך מי אַף אונטערשטופּן דעם וואָגן. ער קאָן נאָך אַליין אויך אַ שלעפּ טאָן, אַ האָרעווע טאָן!...

די מענטשן האָבן אים נאָכגעקוקט און געשמועסט:

— אָט דער־אָ איז צוגעפּאַסט פאַר בירעבידזשאַן...

— האָט ער טאַקע דערפאַר באַקומען די פּרעמיע...

— ניטאָ וואָס צו לאַכן... ער האָט אַרײַנגעכאַפּט אַ שטעלכל, איבערגעבויט עס, וועט ער טאַקע האָבן אַ דירע אַף ווינטער... און מיט מילך איז ער אויך באַזאָרגט...

— איך האָב פײַנט כאַפּן... איך האָב ליב צו וואַרטן...

— וועסטו טאַקע מויכל זײַן איבערשלאָפן דעם ווינטער אַפן בוידעם.

(ש. גאָרדינער)

קלאָלים פון פונקטואַציע

פונקטואַציע — דאָס איז די סיסטעם צייכנס, וואָס באַצייכענען געוויסע גראַמאַטישע באַציִונגען אין אונדזער רייד, און די אינטאָנאַציע, וואָס איז מיט אָט די באַציִונגען פאַרבונדן.

די פונקטואַציע שליסט איַין פאָלגנדיקע צייכנס:

פונקט (.)	קאָמע (,)
פרעגצייכן (?)	פונקט־קאָמע (;)
אויסרופצייכן (!)	טירע (—)
פילפונקט (...)	קלאַמערן ( )
צווייפונקט (:)	פיסלעך („ ”)

§ 37. אָפּשטעל־צייכנס סאָף זאַץ.

1. סאָף אַ דערציילערישן זאַץ (אַן איינפאַכן און אַ צונויפגעזעצטן) שטעלט מען אַ פונקט.

צומבייַשפּיל: ס'האָט זיך באַוויזן די זון. גאַנצע טעג האָט אָן אויפהער גערעגנט. פאַרנאַכטלעך ערשט האָט זיך גענומען לייַטערן, און אַ רויטע געשוואָלענע זון האָט זיך געשפּיגלט אין טראָפּנס רעגן, וואָס זייַנען געהאַנגען אויף די שפּיצן גראָז.

2. סאָף אַ פרעגיקן זאַץ שטעלט מען אַ פרעגצייכן.

צומבייַשפּיל: וווהין לויפט איר?

3. סאָף אַן אויסרופיקן זאַץ שטעלט מען אַן אויסרופצייכן.

צומבייַשפּיל: פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!

4. סאָף אַ זאַץ, ווו דער געדאַנק איז ניט דערזאָגט אָדער איבערגעריסן, שטעלט מען אַ פילפונקט.

אויב אַזאַ זאַץ דריקט אייַנצייַטיק אויס אַ פראַגע אָדער אַנטהאַלט אַן אויסרוף, ווערט דער פילפונקט סאָף זאַץ קאָמבינירט מיט אַ פרעג אָדער אויסרופצייכן.

צומבייַשפּיל: וועגן ווייַטסטן קלין האָט מען אָפּגערעדט, אַז מע וועט אים טאַקע אָפּגעבן פאַר די קאָראָסטענער אַרבעטער.

— די קאָראָסטענער זייַנען אַ וווּל פאָלק. וואָס מיינט איר, שכיינים איז אַ קלייניקייַט?..

געטראַכט אַביסל און צוגעגעבן:

— מירן קיין ערד ניט לאָזן פוסטעווען, און זאָלן אָרעמעלייַט געניסן...

(אָרלאַנד)

38 §. אָפּשטעל־צייכנס אינעם צונויפגעזעצטנ זאצ.

1. קאָאָרדינירטע זאצנ, אומאָפּהענגיק דערפונ, צי זיי קומענ מיט אָדער אָנ בינדווערטער, טיילט מענ אָפּ איינעם פונ צווייטנ מיט א ק אָ מ ע.

צומבײַשפּיל: ס׳זײַנענ דורכגעגאנגענ; די קאָראָסטענער יונגענ, יעדערער מיט א פּאָר פריש אויסגעפּלאָכטענע לאַפּטיעס אינ די הענט.

די גרעבער האָבנ נאָכ אַלצ געטומלט, אונ דער אינזשעניער האָט מיט זיי אײַנגעטײַנעט.

2. אויב עס זײַנענ קאָאָרדינירט אָנ בינדווערטער פארברייטערטע זאצנ, באַזונדערס אזעלכע, וואָס האָבנ שוינ אינמיטנ אָפּשטעל־צייכנס, טיילט מענ אָפּ איינ זאצ פונ צווייטנ מיט א פּונקט־קאָמע.

צומבײַשפּיל: איכ קומ, ווי א שטאָלצער קאָמעט, ווי דו זונ, ווענ עס הייבט אָנ צו טאָגנ; איכ קומ, ווי א בייזער געוויטער, פונ בליצ אונ פונ דונער געטראָגנ...

ער קאָנ מיט קיינ האנט ניט רירנ, קיינ פוס ניט אופהייבנ; ס׳ציט אימ צו דער ערד.

3. אויב בא קאָאָרדינאציע פונ זאצנ אָנ בינדווערטער איז אינעם צווייטנ זאצ אויסגעדריקט א רעזולטאט אָדער א שארפע אנטקעגנשטעלונג דעמ ערשטנ, קומט צווישנ זיי אָנשטאָט דער קאָמע, א ט י ר ע.

צומבײַשפּיל: ברײַנע, זײַנ ווײַב, האָט זיכ געמאכט א שפּײַז־געוועלבל אונ געלייזט „שטיקער גאָלד״ — האָט מענ אימ געקרוינט אפּ „מענדל ברײַנעס״.

ניט קיינ יאמענ, אָקעאנענ, ניט קיינ זונענ זיכ צערונענ — צו א פּעטראָגראדער באנהויפ איז א שנעלצוג צוגעקומענ.

4. ווענ דער צווייטער פונ די קאָאָרדינירטע זאצנ דערקלערט דעמ פריערדיקנ, שטעלט מענ צווישנ זיי א צ וו ײ פּ ו נ ק ט אָדער א ט י ר ע.

צומבײַשפּיל: אונ איכ האָב געהערט אנ אנקער סוואָרע: די באזארער האָבנ איבערגעלאָזט שוטפים אינדערהיימ — יענע האנדלענ, אונ די היגע ארבעטנ.

5. דער בײַזאצ ווערט אָפּגעטיילט פונעמ הויפּטזאצ מיט קאָמעס.

צומבײַשפּיל: אז הערשעלע איז געקומענ אהיימ, האָט ער געכאפּט א שטיקל פּסאק, פארוואָס ער האָט זיכ אזוי געזאמט.

6. צוויי גלײַכארטיקע בײַזאצנ טיילט מענ אָפּ איינעמ פונעמ צווייטנ מיט א קאָמע, אויב זיי זײַנענ ניט פארבונדנ מיט קיינ בינדווערטער.

צומבײַשפּיל: ער האָט זײַנע אופגעקלערטע כאווייריִמ געוואָלט געבנ צו פארשטיינ, אז ער ווייסט שוינ עפּעס, אז ער געהערט צו זיי.

7. פארברייטערטע גלײַכארטיקע בײַזאצנ, באזונדערס ווענ אינמיטנ זיי איז שוינ פאראנ פּונקטואציע־צייכנס, טיילט מענ אָפּ איינעמ פונ צווייטנ מיט א פּונקט־קאָמע (אויב זיי זײַנענ ניט פארייניקט צווישנ זיכ דורכ בינדווערטער).

צומביישפּיל: אונדזער פּראַקטישע ווירקלעכע וועלט איז פאר הערשעלען געווען א שטייגעלע, ווו די נויט האָט אים געהאלטן געפאנגען, אים ניט געלאָזט אופהייבן דעם קאָפּ, באווייזנדיק אים אף איטלעכן טריט זיין שלאפקייט, זיין קליינקייט; ווו ער האָט פאר זיך געזען נאָר צאָרעס, צאָרעס און צאָרעס.

8. צוויי גלייכארטיקע בייזאצן, וואָס זיינען פארבונדן צווישן זיך דורכן בינדוואָרט „און", טיילט מען ניט אָפּ איינעם פון צווייטן מיט א קאָמע.

צומביישפּיל: צעמעך וועט זאָגן, אז ער האָט דאָס ביכל געפונען און אז ער ווייסט ניט, ווער דער מעכאבער איז.

9. אויב אין הויפּטזאץ זיינען דאָ גלייכארטיקע זאצגלידער, וואָס יעדערער פון זיי האָט צו זיך א בייזאץ, קאָנען קומען צווישן זיי פּונקט־קאָמעס.

צומביישפּיל: דאָס איינפאָר־הויז איז פון דרויסן באלאגערט געווען פון באלעגאָלעס, וואָס זיינען געשטאנען, געזעסן אף די פריזבעס מיט בייטשן אין די הענט, האָבן זיך געקראַצט אין די פּייעס, געשפּיגן גלאט אזוי זיך אין דער וועלט אריין, געפלוכט, געשאָלטן; אויך פון מעקלערס, וואָס האָבן זיך געדונגען מיט פארשוינען אף זייער לאָשן דאָרט.

10. פארגלייך־בייזאצן ווערן אויסגעטיילט מיט קאָמעס.

צומביישפּיל: טיף אין וועגעלע, ווי עמעצער וואָלט אים ניט אומיסטן אנידערגעוועצט, האָט האלב געדרעמלט דער אינזשעניער.

דאָס וועגעלע איז, ווי א פּילקע, אונטערגעשפּרונגען.

§ 39. אָפּשטעל־צייכנס אין איינפאכן זאץ.

I. צווישן סוביעקט און פּרעדיקאט שטעלט מען ניט קיין קאָמע און קיין שום אנדער אָפּשטעל־צייכן אפילע דאן, ווען עס ווערט געמאכט א פּאוזע.

באמערקונג 1. ווען אין צונויפגעזעצטן פּרעדיקאט איז פארפעלט דער פּערזאָניקער ווערב, קומט אָנשטאָט אים אָפּט א טירע.

צומביישפּיל: יעדער ראָג — באוואכט, און יעדער הויף — באהיט.

באמערקונג 2. צווישן ביעקט און פּרעדיקאט קאָנען קומען אָפּשטעל־צייכנס צוליב אויסטיילן באמערקווערטער, אָפּגעזונדערטע ווערטער א. ד. גל., אָדער ווען צווישן סוביעקט און פּרעדיקאט שטייט א בייזאץ.

צומביישפּיל: דער גארבער־פאך, יידן שוין מיט בערד, איז אויך געקומען. פאניע גוטניק (זי ארבעט מיט מיר אין צעך) איז אויך דאָ.

דער רויבערישער רוסלענדישער קאפּיטאליזם, פאר וועלכן דער צאריזם האָט געשאפן אן אומבאגרענעצט פעלד פון עקספּלואטאציע, האָט זיך ניט שטארק אינטערעסירט מיט פּראגעס פון טעכניק.

II. 1. צווישן גלייכארטיקע זאצגלידער, ווען צווישן זיי איז ניטאָ קיין בינדוואָרט, קומט א קאָמע.

צומביישפּיל: באגעגענען דעם גאסט זיינען געקומען ארבעטער, רויטארמייער, מאטראָסן, סטודענטן.

אָט זע איך זיי ווידער, די שניידערס און שמידן,
די פּראָסטע, די האָריקע, וואָכיקע יידן,
מיט האמערס, מיט שערן, מיט זעג און מיט העק.

באמערקונג: צווישן צוויי אדיעקטיוון—אטריבוטן צו איין און דעם זעלבן סובסטאנטיוו שטעלט מען א קאָמע נאָר דאַן, ווען זיי זײַנען גלײַכאַרטיקע.

צומבײַשפּיל: 1) אינזשעניערן אין הויכע גומענע שטיוול האָבן געמאָסטן די בלאָטעס.

2) אין טײַכל האָט געשטראָמט א קלאָר, דורכזיכטיק וואסערל.

2. ווען צווישן צוויי גלײַכאַרטיקע זאצגלידער שטייט דאָס בינדוואָרט „און", קומט צווישן זיי ניט קיין קאָמע.

צומבײַשפּיל: אינעם בריוו איז געווען מוטערשע בענקשאפט און מוטערשע פרייד.

ווען דאָס בינדוואָרט „און" בא גלײַכאַרטיקע זאצגלידער כאזערט זיך איבער מער ווי צוויי מאָל, קומט פאר אים יעדעס מאָל א קאָמע.

זײַנען קינדער, און רינדער, און טאטעס, און פערד געפאָרן, געקומען.

3. ווען צוויי און מערער גלײַכאַרטיקע זאצגלידער האָבן די בינדווערטער „אי", „סײַ", „אָדער", „צי", קומען צווישן זיי קאָמעס.

צומבײַשפּיל: אי דער זאוואָד, אי די בערג האָבן זיך געטרייסלט פון אינעווייניקסטן פײַער.

ווען די בינדווערטער אָדער, צי קומען נאָר צווישן צוויי גלײַכאַרטיקע זאצגלידער, שטעלט מען ניט פאר זיי קיין קאָמע.

צומבײַשפּיל: זאָל איך גיין צי בלײַבן אינדערהיים?

ער פלעג ביז שפּעטער נאכט לייענען אָדער שרײַבן.

4. פאר די בינדווערטער „נאָר" און „אָבער" צווישן גלײַכאַרטיקע זאצגלידער שטעלט מען שטענדיק א קאָמע.

צומבײַשפּיל: דער וואלד איז געדיכט, נאָר טרוקן.

5. פאר גלײַכאַרטיקע זאצגלידער, אויב פאר זיי קומט א פאראלגעמיינערונג־וואָרט, שטעלט מען א צווייפּונקט.

צומבײַשפּיל: אף דער בויונג ווערבירט מען ארבעטער פון פארשיידענע פאכן: בויערס, טעסלערס, מולירס, בלעכערס, גלעזערס.

אויב דאָס פאראלגעמיינערונג־וואָרט קומט נאָך די גלײַכאַרטיקע זאצגלידער, שטעלט מען פאר אים א טירע.

צומבײַשפּיל: פון שטעט, פון שטעטלעך, פון דערפער — פון אומעטום זײַנען זיך אהער צונויפגעקומען מענטשן.

באמערקונג: א צווייפּונקט פאר די גלײַכאַרטיקע זאצגלידער קאָן קומען, אויב אפילע ס'קומט ניט פאר זיי קיין פאראלגעמיינערונג־וואָרט, נאָר אויב מע מאכט א לענגערע פּאוזע.

III. 1. אַן אָפּגעזונדערטער פּאראלעליזם ווערט אויסגעטיילט מיט קאָמעס, אויב ער האָט צו זיך דערקלער־ווערטער.

צומבײַשפּיל: דער בריגאדיר, נאָך גאָר א יונגערמאן, האָט געקראָגן א פולן צוטרוי בא די בריגאדניקעס.

באמערקונג: בא פּאראלעליזם, וואָס קומט נאָך א סובסטאנטיוו און וואָס באצייכנט מאָס, צאָל אָדער א סכום פון עפּעס, ווערט קיין קאָמע ניט געשטעלט.

צומבײַשפּיל: איך האָב געקראָגן א גאנצן קאָמפּלעקט העכסט־אינטערעסאנטע טעכנישע זשורנאלן.

2. מיט קאָמעס ווערן אויסגעטײלט אָפּגעזונדערטע פּאַראַלעליזמען, וואָס קאָנ־קרעטיזירן א פּראָנאָם.

צומבײַשפּיל:

זי, די פּאָרזיצערן, איז אינ קורס פונ דער גאנצער ארבעט.

3. א פּאַראַלעליזם, וואָס פאַרפּינקטלעכט א צווייטנ סובסטאנטיוו און איז פאַר־בונדנ מיט אים דורכ: צומבײַשפּיל, דאָס הײסט, כוצ, אויסער, דערום, אפּילע, ביפּ־ראט א. דגל.

צומבײַשפּיל:

די גרויסע שטעט, צומבײַשפּיל מאָסקווע, אנטוויקלענ שנעל דעמ שטאָטישנ טראנספּאָרט.

ער איז באקאנט מיט אלע געביטנ פונ קונסט, באזונדערס מיט מוזיק.

4. א פּאַראַלעליזם, וואָס קאָנקרעטיזירט אנ אומשטאנד.

צומבײַשפּיל:

ווײַטלעכ פונ שטוב, צופוסנס פונ דער בירעבידזשאנער סאָפּקע, האָט מענ אופ־געבלאָזנ א שײַטער.

פארנאכט־צו, ארומ א זייגער זעקס, האָבנ אומעטומ שוינ געברענט העלע עלעקט־רישע לאָמפּנ.

IV. 1. עס ווערנ אויסגעטײלט מיט קאָמעס אָפּגעזונדערטע ווערטער און ווער־טער־גרופּעס.

צומבײַשפּיל:

מיר האָבנ צו טונ מיט מענטשנ, דערפארענע אינ געביט פונ גערטנערײַ.

זעקס שמאָלע הילצערנע קאסטנס, פארוויקלט אינ רויטנ לײַוונט, שוועבנ איבער מענטשנ־כוואַליעס, איבער טויזנטער קעפּ.

2. אנ ארויסגעצויגענער זאצגליד ווערט אויסגעטײלט מיט א טירע אָדער מיט א קאָמע.

צומבײַשפּיל: די אויגנ — זיי ברענענ און זוימענ זיכ שווארצ.

און ברײַנע, אזויווי מע האָט זי ניט ארויסגעזוענ באמ לעבנ, האָט מענ זי קוימ אָנגעזוענ אפנ טויטנ בעט.

V. 1. די ווענדונג ווערט צוזאמענ מיט אלע ווערטער, וואָס געהערנ צו איר, אויסגעטײלט מיט קאָמעס.

צומבײַשפּיל: צעטראָג, אָ ווינט, אפ דײַנע פליגל די הײסע ווערטער פונ מײַנ פענ.

2. ווענ די ווענדונג, וואָס שטײט אָנהײב זאצ, ווערט ארויסגערעדט מיט א שטארקער שטימ, קומט נאָכ איר אנ אויסרופצײכנ.

צומבײַשפּיל: אָ, גוטער פרײַנט! ווענ איכ וועל שטארבנ, טראָג צו מײַנ קײווער אונדזער פאָנ!

VI. 1. באמערקווערטער טײלט מענ געוויינלעכ אויס פונ בײדע זײַטנ מיט קאָמעס.

צומבײַשפּיל: דער טאָג, זעט אויס, ווערט שוינ קירצער.

2. באמערקזאצנ טײלט מענ אויס מיט טירעענ אָדער קלאמערנ.

צומבײַשפּיל: עמעצער (װען ער װאָלט זיך געקאָנט דערװיסן, װער האָט עס געטאָן!) האָט די בורעקעס נאָך גרינע אַרױסגעריסן און אין קופּקעס צעלײגט אַפּן בײט.

דאָס איז געװען — גאָר גענוי געדענקט ער ניט — אַ יאָר 12 צוריק.

40 §. אָפּשטעלצײכנס בײַ דירעקטע רײד, ציטאַטעס א. ד. גל.

I. 1. פֿ אַ ר ד י ר ע ק ט ע ר ײ ד, װאָס קומען נאָך די דערקלער־װערטער, שטעלט מען אַ צװײפּונקט; דירעקטע רײד נעמט מען אין פּיסלעך אָדער טירע; סוף די־רעקטע רײד (אָבער פֿאַר די פּיסלעך) קומט געװײנלעך אַ פּונקט, אַ פֿרעג־ אָדער אַן אױסרופֿצײכן.

צומבײַשפּיל: זאָװליע מורמלט אָן אױפֿהער: „אָט, אָט איך װעל זיך צו זײ דערקלײַבן!"

2. דירעקטע רײד, װאָס קומען פֿאַר די דערקלער־װערטער, װערן אײַנגעשלאָסן אין פּיסלעך אָדער טירע. פֿאַר די צװײטע פּיסלעך אָדער די טירע שטעלט מען אין אַ דערצײלערישן זאַץ אַ קאָמע, אין אַן אױסרופֿיקן—אַן אױסרופֿצײכן, אין אַ פֿרע־גיקן — אַ פֿרעגצײכן.

צומבײַשפּיל: „אָט, אָט איך װעל זיך צו זײ דערקלײַבן!"—מורמלט זאָװליע אָן אױפֿהער.

— די באַלעגאָלעס פֿירן צו דער גרענעץ?—דערפֿרעגן זיך בײַ יאַנקלען מאַן און װײַב.

— ניטאָ דאָ, כעװרע, פֿון װאָס צו װיצלען זיך, — האָט באַמערקט דער עלטע־רער אַרבעטער.

3. װען די דערקלער־װערטער זײַנען אײַנגעשלאָסן אין דירעקטע רײד, קומען אָנהײב און סוף זאַץ פּיסלעך (אָדער אַ טירע בלױז אָנהײב זאַץ). פֿאַר די דערקלער־װערטער קומט אַ טירע מיט אַ קאָמע פֿאַר איר אָדער נאָר אַ קאָמע בײַ אַ קורצער דערקלער־באַמערקונג. נאָך די דערקלער־װערטער שטעלט מען אַ קאָמע מיט אַ טירע. סוף זאַץ קומט פֿאַר די פּיסלעך אַ פּינטל, אַן אױסרופֿ־ אָדער אַ פֿרעג־צײכן.

צומבײַשפּיל: „דו, זײדעניו, — שרײַט ער צו אים, — ביסט שױן אַלט..."

„לעמײַ, זאָגט ער, זאָלט איר װאַרטן?"

װען דער טײל דירעקטע רײד, װאָס גײט פֿאַר די דערקלער־װערטער, שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ גאַנצן זאַץ, שטעלט מען נאָך אים אַ פּונקט, אַ פֿרעג־ אָדער אױסרופֿ־צײכן פֿאַרן טירע.

— װוּהין פֿירסטו מיך? —האָט מיט האַרץ אַרױסגעװײנט דאָס קינד. — איך האָב שױן קײן קױעך ניט צו גײן.

— קום גיכער! —האָט אים צוגעװאָרפֿן די מוטער. — ס'איז שױן באַלד.

II. 1. צ י ט אַ ט ע ס נעמט מען אין פּיסלעך. אױב פֿאַר דער ציטאַטע קומט אַן אָנװײַזונג, װעמען זי געהער, שטעלט מען נאָך דער אָנװײַזונג אַ צװײפּונקט:

צומבײַשפּיל:

אין דער באַוווסטער רעזאָליוציע פון XV צוזאַמענפאָר „וועגן דער אַרבעט אין דאָרף״ ווערט געזאָגט קלאָר: „די אויפגאַבע צו פאַראייניקן און צו איבערבויען די קליינע אינדיווידועלע פּויערשע ווירטשאַפטן אין גרויסע קאָלעקטיוון דאַרף מען אינעם איצטיקן פעריאָד שטעלן אַלס א ג ר ו נ ט־ א ו י פ ג א ב ע פון דער פּאַרטיי אין דאָרף״. (סטאַלין)

באַמערקונג: די אָנווײַזונג וועגן דעם, ווען די ציטאַטע געהער, קאָן קומען אינמיטן דער ציטאַטע. די פּונקטואַציע איז דערבײַ אַזאַ, ווי בײַ דירעקטע רייד.

2. אויב די ציטירטע ווערטער ווערן אײַנגעשלאָסן אין א בײַזאַץ, קומען זיי אין פּיסלעך. פאַר זיי שטעלט מען דאַן ניט קיין צווייפּונקט. דורכגעלאָזטע שטעלן אין ציטירטן טעקסט באַצייכנט מען מיט א פּילפּונקט.

צומבײַשפּיל:

אַרויסגייענדיק פון דעם, האַלט לענין, אַז „מיר דאַרפן זיך דורכדרינגען מיט יענעם אַרבעט־ענטוזיאַזם, מיט יענעם ווילן צו אַרבעט, אַקשאָנעסדיקײַט, פון וועלכע עס איז איצט אָפּהענגיק די שנעלסטע רעטונג פון די אַרבעטער און פּויערים, די רעטונג פון דער פאָלקסווירטשאַפט״. (XX באַנד, 2־טער טייל, 432 זײַט)

3. נעמען פון ווערק, צײַטונגען, זשורנאַלן, ווי אויך באַדינגלעכע נעמען פון אונטערנעמונגען, נעמט מען אין פּיסלעך.

צומבײַשפּיל: בערגעלסאָנס „באַם דניעפּער״ האָבן מיר שוין געלייענט. ס'איז אָנגעקומען דער לעצטער נומער „דער שטערן״. דער זאַוואָד „סערפּ און האַמער״ פּילט אויס די אָנגעמערקטע פּלענער.

4. ווערטער, וואָס ווערן געברויכט אין איראָנישן זין, ד. ה. מע לייגט אין זיי אַרײַן א פאַרקערטן אינהאַלט, נעמט מען אין פּיסלעך.

צומבײַשפּיל: אין אַמעריקע, אין לאַנד פון „בליונג״, פון „געזונטן קאַפּיטאַליזם״, זײַנען דאָ מיליאָניקע מאַסן אַרבעטלאָזע.

אויפגאַבע 128. שרײַבט אַראָפּ און שטעלט אַרײַן די פאַרפעלטע פּונקטואַציע:

I. קאַרל מאַרקס.

צום ערשטן מאָל האָב איך קאַרל מאַרקסן געזען אין פעברואַר 1865 יאָר איך בין דאַן אַלט געווען 24 יאָר דאָס גאַנצע לעבן וועל איך ניט פאַרגעסן יענעם אײַנדרוק וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט די ערשטע באַגעגעניש מאַרקס האָט דאַן צוגעקרענקט און האָט געאַרבעט אויפן ערשטן באַנד קאַפּיטאַל ער פלעגט מיט פאַרגעניגן אויפנעמען יונגע מענטשן ער פלעגט זאָגן איך דאַרף צוגרייטן מענטשן וועלכע וועלן נאָך מיר פאָרזעצן די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע.

קאַרל מאַרקס דאָס איז איינער פון די זעלטענע מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט שטיין אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס גלײַכצײַטיק אי אין דער וויסנשאַפט אי אין דער

געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט אַרבעטן פֿאַר דער וועלט איז געווען איינער פֿון זײַנע באַליבטע אויסדרוקן אין זײַן טעטיקייט האָט מאַרקס זיך ניט באַגרענעצט מיט דעם לאַנד אין וועלכן ער איז געבוירן געוואָרן איך בין אַ בירגער פֿון דער וועלט פֿלעגט ער זאָגן און בין טעטיק דאָרט ווו איך געפֿין זיך און ווירקלעך אין אַלע לענדער וווהין עס פֿלעגן אים פֿאַרוואַרפֿן די געשעענישן און די פּאָליטישע פֿאַרפֿאָלגונגען אין פֿראַנקרײַך בעלגיע ענגלאַנד פֿלעגט ער נעמען אַן אָנגעזעענעם אָנטייל אין די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונגען, וואָס האָבן זיך דאָרט צעוויקלט.

אָבער ניט אַלס אומדערמידלעכער און אומפֿאַרגלײַכלעכער סאָציאַליסטישער אַגיטאַטער נאָר ווי אַ געלערנטער איז ער דערשינען פֿאַר מיר צום ערשטן מאָל אין יענעם אַרבעט־צימער וווהין עס פֿלעגן זיך פֿון אַלע עקן וועלט צונויפֿקומען פּאַרטייכאַווערים קעדיי אויסהערן אין פֿאַרשיידענע פֿראַגעס די מיינונג פֿון מײַסטער פֿון סאָציאַליסטישן געדאַנק דאָס איז אַ היסטאָרישער צימער און מע דאַרף אים קענען אויב מע וויל קענען אויב מע וויל פֿאַרשטיין די אינטימע זײַט פֿון מאַרקס גײַסטיקן לעבן ער האָט זיך געפֿונען אויפֿן ערשטן שטאָק און דאָס ברייטע פֿענצטער דורך וועלכן אין צימער פֿלעג אַרײַנדרינגען אַ מאַסע ליכט איז אַרויסגעגאַנגען אין פּאַרק אַנטקעגן קאַמין באַם פֿענצטער זײַנען געשטאַנען צוויי טישן פֿאַרוואַלגערטע מיט פּאַפּירן ביכער און צײַטונגען אינמיטן צימער ווו ס׳איז געווען אַסאַך שײַן איז געשטאַנען אַ זייער איינפֿאַכער קליינער אַרבעט־טיש דרײַ פֿוס די לענג צוויי פֿוס די ברייט און אַ הילצערנער שטול ביכער זײַנען געלעגן אויך אויפֿן קאַמין דאָ זײַנען געווען אויך ציגאַרן שוועבעלעך אַ שאַכטל מיט טאַבאַק אַ פּרעספּאַפּיע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון זײַנע טעכטער, פֿון זײַן ווײַב און פֿון פֿרידריך ענגעלס.

מאַרקס פֿלעגט קיינעם ניט דערלויבן ברענגען אין אָרדענונג אָדער ריכטיקער אין אומאָרדענונג זײַנע ביכער און פּאַפּירן און ס׳האָט זיך נאָר געדאַכט אַז זיי זײַנען אין אומאָרדענונג אַלץ איז אייגנטלעך געווען אויף זײַן באַשטימטן אָרט און ער פֿלעגט ניט זוכנדיק טייקעף נעמען דאָס בוך אָדער העפֿט וועלכע זײַנען אים נייטיק געווען.

אַזוי ווי דאַרווין איז מאַרקס געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון ראָמאַנען וואַלטער סקאָטס ראָמאַן די פּוריטאַנער האָט ער געהאַלטן פֿאַר אַ מוסטער־ווערק העכער פֿאַר אַלע ראָמאַניסטן האָט ער געשטעלט סערוואַנטעסן און באַלזאַקן.

מאַרקס האָט געלייענט אויף אַלע אייראָפּעיִשע שפּראַכן און אויף דרײַ דײַטש פֿראַנצויזיש און ענגליש האָט ער אויך געשריבן.

מע האָט געדאַרפֿט זען מאַרקסן אינדערהיים אין קרײַז פֿון זײַן פֿאַמיליע ווען ער פֿלעג אָוועקלייגן אין אַ זײַט די ביכער און העפֿטן אָדער אינאָוונט אין קרײַז פֿון כאַווײרים קעדיי דורכצובליקן דאָס האַרץ פֿון אָט דעם שטרענגן געלערנטן און ליב קריגן אים אַ פֿאָטער איז ער געווען אַ צערטלעכער אַ מילדער אַ נאָכזיכטיקער קינדער דאַרפֿן דערציִען זייערע עלטערן פֿלעגט ער זאָגן געוויינלעך פֿאַר די טעכטער איז ער געווען אַ כאַווער און זיי פֿלעגן זיך מיט אים באַגיין ווי מיט אַ כאַווער זיי פֿלעגן אים רופֿן ניט פֿאָטער נאָר מאַוור אַזוי האָט מען אין שפּאַס גערופֿן מאַרקסן פֿאַר דער טונקעלער פֿאַרב פֿון זײַן פּאָנעם און פֿאַר די ווי קויל שוואַרצע האָר און באָרד.

מאַרקס האָט צוגעזאָגט זײַנע טעכטער אָנשרײַבן אַ דראַמע וואָס פֿאַר איר סיו־

זשעט האָט געזאָלט דינענ די געשיכטע פונ די גראקכנ צום באדויערנ האָט ער ניט געקאָנט אויספילנ זײַנ צוזאָג אונ ס'וואָלט אינטערעסאנט געווענ צו זענ ווי דער וועלכנ מע האָט גערופנ ריטער פונ קלאסנקאמפ האָט פאנאנדערגעארבעט אָט דעם טראגישנ אונ גלײַכצײַטיק גרויסארטיקנ עפּיזאָד פונ קלאסנקאמפ אינ דער אלטער וועלט.

מארקס פרוי איז אים דאָס גאנצע לעבנ געווענ א כאווער אינ עמעסנ אינ סאמע פולנ זינ פונ וואָרט זיי האָבנ זיכ געקענט פונ קינדווײַז אונ זײַנענ אויסגעוואקסנ צוזאמענ קיינער אונ קיינמאָל איז אינ אזא מאָס ניט געווענ דורכגעדרונגענ מיט דער אידייע פונ גלײַכהײַט ווי מארקס פרוי כאָטש זי איז געבוירנ געוואָרנ אונ האָט באקומענ דערציִונג אינ אנ אריסטאָקראטישער דײַטשישער פאמיליע זי האָט אלצ געוואָרפנ קעדיי פאָלגנ נאָכ איר קארלענ אונ קיינמאָל אפילע אינ יאָרנ פונ סאמע שווערער נויט האָט זי ניט כאראָטע געהאט אפ דעם וואָס זי האָט געטאָנ.

(פאָל לאפארג)

II. רעוואָליוציאָנ.

(אויסצוג)

איכ קומ ווײַל איכ בינ אינ דער מידבער פונ הערשאפט
געבאָרנ געוואָרנ
איכ קומ ווײַל עס האָבנ די הערשער געוועקט אונ
דערצויגנ מײַנ צאָרנ
איכ קומ ווײַל די מענטשלעכע ברוסט קאָנ די זריִע
פונ לעבנ ניט טייטנ
איכ קומ ווײַל מע קאָנ ניט די פרײַהײַט אפ אייביק
פארשמידנ אינ קייטנ

. . . .

אונ אײַכ איר געהייליקטע געלט־זעק געזאלבטע
געקרוינטע באנדיטנ
איכ וועל אײַכ פארניכטנ מיט אײַערע פאלשע
געזעצנ אונ זיטנ
אונ אײַערע הערצער וואָס שמאכטנ נאָכ מענטשנ־בלוט
וועל איכ דערשטעכנ
אונ אײַערע קרוינענ אונ סצעפּטער די גאָלדענע
וועל איכ צעברעכנ.

(י. באָושאָווער)

III. אויב געסט איז פענעקנ אלציינס צי דער פאָטער איז דאָ צי נײַנ מיט זײַנ איינציקנ אלטנ אָפּגעריבענעם אונ פארפלעקטנ גארניטורל טאָר ער דעמלט סײַ־ווי־סײַ זיכ ניט באווײַזנ אינ די צימערנ אונ מוז בלײַבנ אינ קיכ דאָכ אז דער פאָטער איז אינדערהיימ איז די גאנצע זאכ אביסל גרינגער אלע געסט זײַנענ פרעמדע אָנגעפאָרענע מעסוקנ מעיוכעסדיקע אונ מעסוקנ רײַכע.

אײנײנעם מיט אַלע קיך־מענטשן האָט פּענעק אָט די געסט מעסוקן פּײַנט קאָן ניט פאַרטראָגן דעם האַרמידער וואָס מע הייבט אויף צוליב זיי אין הויז דעם געקלאַנג פונעם אָפּגעהיטן זילבער דעם שאָרך פון די אַטלעס־זײַדענע קאָלדרעס וואָס מע נעמט צוליב זיי אַרויס דעם געשטאַנק פון נאַפטאַלין וואָס די געלופטערטע קאָלדרעס הערן ניט אויף צו פאַרשפּרייטן איבער אַלע צימערן ביז צו דער קיך פאַר פּענעקן איז דער געשטאַנק פון נאַפטאַלין אַף לאַנגע יאָר פאַרבליבן ווי אַ רייעך וואָס פילט זיך פון גרויסע גווירים.

(ד. בערגעלסאָן)

IV. ווען מיר האָבן געהאַלטן אין באַקוקן דעם נײַעם אייל־זאַוואָד האָט די שווערע הייסע לופט איבער אונדז פּלוצעם ניט הויך נאָר טיף אָפּגעזיפּצט סע האָט ווי עפּעס געפּלאַצט אין איר און איבער דעם וועג פונעם זאַוואָד איבער דער גרופּע טרויבן אײַזערנע קאָלאָנעס ציסטערנעס איז אַרומגעפלויגן אַ געקרײַזלטער שוואַרץ־גרויער וואָלקן.

עך בענזין האָט עמעצער אויסגעשריגן הינטער מיר.

אין אַ מינוט אַרום זײַנען מיר אַ מענטשן פינף געשטאַנען אַף צוויי צענדליק טריט פון אַ בילד וואָס איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן אין ווינקל צווישן דער שטיינערנער וואַנט מיט דער אײַזערנער קאָלאָנע פון דער טרויבן־סיסטעם און אַ גאַנצער ציסטערנע וואָס נעמט צו דעם בענזין האָט געבושעוועט אַ שטראָם מאָדנע ווײַסער קימאַט אָנפּאַרביקער פײַער און אין פײַער האָבן זיך גערוקט אָנגעבויגן אי־בער אים צודעקנדיק אים מיט עפּעס אַ מענטשן פּופּצן אַרבעטער טיורקן און רוסן.

איך האָב קיינמאָל ניט געזען אַז פײַער זאָל מען לעשן מיט אַזאַ אימפּעט מיט אַזאַ שרעקלאָזער האָזע מיט אַזאַ ביטל צום ווייטעק פון אָפּבריִען זיך אין דער דאָ־זיקער געמיינזאַמער פלינקער אַרבעט איז געווען עפּעס אומפאַרשטענדלעכס פאַר מיר דער שטראָם פײַער האָט זיך געיאָגט צו דער ציסטערנע און אין איר איז ווי מע האָט מיר שפּעטער געזאָגט געווען עטלעכע טויזנט פּוד בענזין דער כ׳ באַרינאָוו האָט שטיל אָפּשטויסנדיק מיך מיטן אַקסל מיר געראָטן

גייט אוועק גייט אוועק אַביסל ווײַטער

איך האָב אויפמערקזאַם געקוקט אַף מײַן לעבן האָב איך געזען אַסאַך סריפּעס און שטענדיק האָבן זיי אַרויסגערופן אַ בעהאָלע אַ טומלעניש אָן אַ טאָלק אָן אַ זין איך כאַזער איבער אַז די שנעלקײַט מיט וועלכער די אַרבעטער האָבן זיך געוואָרפן אַפן פײַער די פלינקײַט מיט וועלכער זיי האָבן אים געלאָשן און דאָס וואָס זיי האָבן עס געטאָן אָן איבעריקן ראַש און געשריי ניט געשטערט איינער דעם צווייטן דאָס אַלץ איז געווען נײַ פאַר מיר און האָט מיך זייער באַוווּנדערט.

איך האָב געפרעגט מײַן באַגלייטער צי מיינט ער אַז בײַ די אַלטע אייגנטימער וואָלטן די אַרבעטער פונקט מיט אַזאַ מעסירעסנעפעש געקעמפט קעגן פײַער.

יאָ אין יענער צײַט האָט ער געענטפערט וואָלטן זיך די אַרבעטער עפשער אַזוי ניט געסטאַרעט און איצט פאַרשטייען זיי אייגנס ברענט.

(לויט מ. גאָרקי)

אָרטאָגראַפיע

(סיסטעמאַטיזירטע ידיִעס)

אלֿפאבעט איז די סיסטעם (זאמלונג) צייכנס, וואָס באצייכענענ די קלֿאנגענ פונ אונדזער רייד. אזעלֿכע צייכנס הייסנ אויסיִעס. אינ אלפאבעט גייענ זיי אינ א באשטימטנ סיידער. אָרטאָגראַפיע איז די סיסטעם (זאמלונג) קלֿאָלים, וואָס שטעלֿנ איינ איינהייטלֿעכע אויפאנימ פונ באצייכענענ די גערעדטע שפראכ דורכ אויסיִעס.

דער ייִדישער אלפאבעט אונ די אָרטאָגראַפיע האָבנ זיכ פילֿ מאָלֿ געענדערט.

די אָקטיאבער־רעוואָלֿיוציע האָט באזייטיקט פונ דער ייִדישער אָרטאָגראַפיע אסאכ רעשטלֿעכ פונ דער מיטלֿאלֿטערלֿעכער אונ בורזשואזער ירושע: די העברייִשע לֿויטנ אָפשטאמ ווערטער פלֿעגנ זיכ פריִער שרייבנ מיט א באזונדער אויסלֿייג, הייִנט שרייבנ זיי זיכ לֿויט די קלֿאָלימ פונעמ ייִדישנ אויסלֿייג. אינ סאָפ וואָרט שרייבנ זיכ ניט קיינ ענדע־אויסיעס (ך, ם, ן, ף, ץ), ווי מע פלֿעגט פריִער שרייבנ; עס זיינענ דורכגעפירט נאָכ אנדערע רעפאָרמעס. עס זיינענ, אשטייגער, באזייטיקט געוואָרנ די שטומע „ע", „ה", „א": מע שרייבט „ליב" אונ ניט „ליעב", „טישנ" אונ ניט „טישענ", „פאָרנ" אונ ניט „פאָהרענ", „דערציִונג" אונ ניט „דערציִאונג". דאָס אלֿצ האָט שטארק פארגרינגערט דעמ אויסלֿייג, געמאכט אימ צוגענגלֿעכער פאר די ברייטסטע מאסנ אונ פארלֿייכטערט זייער וועג צו קולטור. די ייִדישע בורזשואזיע אינ אויסלֿאנד פאר־האלֿט זיכ פיינטלֿעכ צו אונדזער סאָוועטישער אָרטאָגראַפיע. זי סטארעט זיכ מיט נא־ציִאָנאלֿיסטישער פראזעאָלֿאָגיע צו פארדעקנ איר רעאקציִאָנערע לֿיניע אינ דעמ געביט.

§ 41. אלֿפאבעט.

די אויסיִעס פונעמ ייִדישנ אלֿפאבעט קומענ אינ אזא אָרדענונג (אינ קלֿאמערנ זיינענ אָנגעוויזנ די נעמענ פונ די אויסיִעס):

א (א), אָ (אָ), ב (בע), ג (גע), ד (דע), ה (הא), ו (או), וי (אוי), וו (ווע), ז (זע), זש (זשע), ט (טע), טש (טשע), י (יוד), יי (איי), ייַ (אייַ), כ (כא), לֿ (עלֿ), מ (עמ), נ (ענ), ס (עס), ע (ע), פּ (פּע), פ (עפ), צ (צע), ק (קא), ר (ער), ש (שא).

דער צייכנ אונטער „אָ" הייסט קאָמעצ, אונטער „ייַ" — פאסיקלֿ, אינ „פּ" — פינטלֿ.

מע דארפ שטרענג אונטערשיידנ „א" אונ „אָ", „יי" אונ „ייַ", „פּ" אונ „פ". פאר־בייטנ „א" אפ „אָ" אָדער פארקערט איז פונקט אזא גרייז, ווי אנדערע גרייזנ. דאָס איז איינגעפירט, קעדיי מע זאָלֿ זיינ זיכער באמ לֿייענענ אונ ניט צווייפלֿענ בא אזעלֿכע ווערטער אשטייגער, ווי:

אפנ — אָפנ	דריי — דרייַ	טיפ — טיפּ
בארג — באָרג	ויינ — וויינ	פאס — פּאס
דאר — דאָר	וויס — ווייַס	פארטרעטנ — פאָרטרעטנ
וואַרט — וואָרט	מיינ — מייַנ	פוטער — פּוטער
פארזעצנ — פאָרזעצנ	ניינ — נייַנ	פראכט — פּראכט.

דער סיידער פון די אויסיִעס איז וויכטיק באַם ניצן ווערטערביכער און באַם צונויפשטעלן אַלפאַבעטישע צעטלען (א צעטל מיטגלידער פון א קאָלעקטיוו א. ד. גל.), ד. ה. וויבאַלד אַז אַלע ווייסן, אַז פריִער איז „א", דערנאָך „אָ", דערנאָך „ב" א. אַז. וו., קאָן יעדערער גרינג אויפזוכן א וואָרט אין ווערטערבוך אָדער אין אַן אַנדער צעטל, וואָס איז אויסגעשטעלט נאָכן אַלפאַבעט.

עס פאַרנעמען ניט קיין באַזונדער אָרט אין אַלפאַבעט די באַצייכענונגען „דז" (דזע), „דזש" (דזשע), „וּ" (אוּ מיט א פּינטל), „יִ" (יוד מיט א פּינטל) און „שטש".

§ 42. אָנמערקונג וועגן באַזונדערע אויסיִעס.

כוץ אַ, וואָס באַטײַט a, איז נאָך פאַראַן א „שטומער א", וואָס שרײַבט זיך, אָבער ער לייענט זיך ניט (ס'איז א פאַרבליבענער רעשטל פון דער העברייִשער אָרטאָגראַפיע). ער שרײַבט זיך:

1) אין אָנהייב וואָרט פאַר „ו", „י" (וואָקאַל), „וי", „ײַ", „יי". צום בײַשפּיל: אײַער אייניקל און איר אויך.

2) אין אָנהייב וואָרט צווישן „אַ" (a) און „ו", צ. ב.: אַאוּל, אַאוקציאָן.

אין פריִערדיקן אויסלייג פלעגט מען נאָך שרײַבן א שטומען א אינמיטן וואָרט, צ. ב.: בויאונג, לײַבאייגנטום, וואו, פרואוו.

הײַנט שרײַבט זיך א שטומער א נאָר אין אָנהייב וואָרט (כוץ ווערטער מיט אאו צום אָנהייב), צ. ב.:

אומרויִק	באומרויִקן
אופקלערן	פּאָליטופּקלער
אוקראַיִנע	אַלוקראַיִניש
ביז איצט	ביזיצטיקער

נאָר דאַן, ווען מע שרײַבט א צונויפזאַץ מיט א דעפּיס (בינדשטריך), בלײַבט נאָכן דעפּיס דער שטומער א, צ. ב.: באַק־אויוון (אָדער באַקויוון), האַלב־אינדזל (אָדער האַלבינדזל), ציל־אײַנשטעלונג, קלאַסן־אויסגעהאַלטענער.

א דיפטאָנג, ד. ה. א וואָקאַל (אָ, ע, אַ) צוזאַמען מיט א יאָט אין איין טראַפּ, ווערט באַצייכנט אַזוי:

„אָ" מיט יאָט — וי	צומבײַשפּיל: לויף, בויען (ניט: לאָיף, באָיען).
„ע" מיט יאָט — יי	„ גיין, דייע (ניט: געין, דעיע).
„אַ" מיט יאָט — ײַ	„ מײַ, כײַע (ניט: מאַי, כאַיע).

ווען אָבער דער וואָקאַל און דער יאָט געהערן צו פאַרשיידענע טראַפּן, שרײַבט זיך דער וואָקאַל באַזונדער, ווי געהעריק.

צומבײַשפּיל: פּראָיעקט (ניט: פּרויעקט, ווײַל ס'איז ניט פּרוי־עקט, נאָר פּראָ־יעקט), בעיאַד (ניט: בייאַד), ראַיעל (ניט רײַעל).

דערקענען, ווי צו שרײַבן, קאָן מען לויטן אַקצענט: אויב צווישן צוויי וואָקאַלן ווערט אויסגערעדט א יאָט און דער אַקצענט איז אויפן ערשטן וואָקאַל, איז עס א

דיפטאָנג: בּ ו י ע נ, ד י י ע, כ ײַ ע; אויב דער אקצענט איז ניט אפנ ערשטנ וואָקאל (אפנ צווייטנ אָדער ערגעצ אנדערש), איז עס ניט קיינ דיפטאָנג.

צומבײַשפּיל: בּאָיארנ, דאָסטאָיעווסקי, סאקוואָיאזש, פּראָיעקט, פּאָיע, בּעיאדי, מעיאשעוו זײַנ זיכ, מעיוכעס, מאיאָנטעק, קאיאָר, ראיאָנ, ראיעל.

אינ געקירצטע צונויפזאצנ מיט „ראיאָנ" שרײַבּט זיכ „רײַ": רײַקאָם.

בּאמערקט די אויסלייגנ: כ א יִ ם, י אָ ד א יִ ם: דער יאָט ווערט דאָ גאָרניט בּאצייכנט (ווי אינ קִיעוו א. ד. גל.).

דער אָס „י" (יוד) בּאטײַט סײַ א וואָקאל (и), סײַ א קאָנסאָנאנט (й). ווענ דער „י" בּאטײַט א וואָקאל אונ שטייט לעבּנ א וואָקאל אָדער לעבּנ א יאָט, שטעלט מענ אונטערנ „י" א פּינטל.

צומבײַשפּיל:

1) פאר א וואָקאל: אימפּעריִאליזמ, פּיִאָנער, דערציִונג.

2) נאָכ א וואָקאל: כאיִמ, מאיִס, מעשוגאָיִמ, רויִק, אטעיִסט.

3) לעבּנ א יאָט: אנטיִאָנקיפּער־(קאמפּאניע), בּלויִנקער, טאָלסטויִש, פּייִק, צוויי־ערלייִקער.

4) „יִ" אינ אָנהייב וואָרט: יִדיש, יִכעס, יִנגל, יִשעוו; אָדער אינ א צונויפּ־זאצ מיט אוינע ווערטער: שטאָטיִדנ, פאריִדישנ, לערניִנגל.

אינ סאָפּ וואָרט שרײַבּט מענ שטענדיק „יע", ניט „יִע".

צומבײַשפּיל: אימפּעריע, אינסטרוקציע, געאָגראפיע, געאָמעטריע, לעקציע, מאטע־ריע, נאציע, פּאָעזיע, פאמיליע, רעוואָליוציע.

אָבּער ווענ ס׳קומט צו א סופיקס, ווערט אָפטמאָל דער יאָט פארבּיטנ אפ „יִ": נאציִאָנאל, אימפּעריִאליזמ, רעוואָליוציִאָנער.

ווענ „ו" שטייט פאר „ו", פאר „י" (יאָט[1]), פאר „וו" אָדער נאָכ „וו", שטעלט מענ בּאמ „ו" א פּינטל (וּ). צום בּײַשפּיל:

1) טוּונג,

2) בּורזשוּי,

3) אוּווא, אָנצווּוײַזנ, צווּוארטנ, רוּונ, שוּואקס.

4) גווּורע, זווּ, ווּנטש, צווּוּקס.

אָנ דעמ פּינטל וואָלט מענ ניט געקאָנט אונטערשיידנ „וּי אונ „וי" (בּורזשוּי וואָלט מענ געלייענט „ווי" (буржой) אונ „ווּ" (גווּורע — גוורע, רוּונ — רוונ).

אינ אלפאבעט־סײדער פארנעמט „וּ" ניט קיינ בּאזונדער אָרט, ער גייט צוזאמענ מיט „ו".

ווענ א קאָנסאָנאנט ווערט ארויסגערעדט ווייכ אונ נאָכ אימ שטייט א וואָקאל, שרײַבּט מענ צווישנ דעמ קאָנסאָנאנט אונ דעמ וואָקאל א יוד.

צומבײַשפּיל: איליוסטראציע, אינזשעניער, אפּעליאציע, טוליענ, ליאדע, ליאמע, ניאניע, סמאליענ, עליע, פּליאמע, קליאמקע, רעוואָליוציע.

ווענ אָבּער נאָכנ קאָנסאָנאנט איז ניטאָ קיינ וואָקאל (ד. ה. ווענ נאָכ אימ איז א קאָנסאָנאנט אָדער מיט אימ ענדיקט זיכ דאָס וואָרט), שרײַבּט מענ ניט קיינ יוד (ד. ה. אינ אזא פאל שרײַבּט מענ דעמ ווייכנ קאָנסאָנאנט גלײַכ ווי א הארטנ).

---

[1] אָבּער ניט (и), צומבײַשפּיל „רויִק" (אָנ א פּינטל בּאמ ו).

צומבײַשפּיל: אלט (альт), אָלכע, פּאלטאָ, קולטור, וואנקע, ווילהעלם, אוטילמאָל (моль), מעדאל, פּען (пень), אומאן, קאזאן, קרעמל (Кремль).

ווען נאָכן ווייכן קאָנסאָנאנט שטייט א יוד, שרײַבט מען ניט קיין באזונדער יוד פאר ווייכקײַט. צומבײַשפּיל: איליטש, איליטשאָווקע, מאָליער (Мольер).

אין אינטערנאציאָנאלע ווערטער שרײַבט מען ניט קיין יוד צווישן ל און ע.

צומבײַשפּיל: בילעט, דעלעגאט, לעגענדע, לעקסיקאָן, סקעלעט, עלעגאנט, פּאָפּולער, עלעוואטער, עלעמענט, עלעקטרע, פּראָלעטאריאט, קאוואלעריע, קאָלעקציע, פּערפּענדיקולער.

אָבער מע שרײַבט א יוד, ווען נאָכן ווייכן ל איז א, ו.

צומבײַשפּיל: אילוזיע, איליוסטראציע, אפּעליאציע, ווענטיליאטער, יוביליאר, פּאָליוס, קאנצעליאריע, רעוואָליוציע.

אין רוסישע אייגננעמען שרײַבט מען אָפּטמאָל הארטע קאָנסאָנאנטן אָנשטאָט ווייכע: סטעפּאן (אפּ רוסיש קלינגט עס סטיעפּאן), וואָראָנעזש (אָנשטאָט וואָראָניעזש).

§ 43. פּרינציפּן פון דער יידישער אָרטאָגראפיע.

אין גרונט פון דער יידישער אָרטאָגראפיע ליגן צוויי פּרינציפּן — דער פאָנעטיש־אינטערדיאלעקטישער און דער מאָרפאָלאָגישער.

דער ערשטער פּרינציפּ באשטייט אָט אין וואָס. מע דארף שרײַבן א וואָרט אזוי ווי מע רעדט עס, ד. ה. ווי מע רעדט עס ארויס הײַנט, ניט ווי מע האָט עס אמאָל ארויסגערעדט, און אזוי, ווי מע רעדט עס ארויס אפּ יידיש, ניט אפּ אן אנדער שפּראך. אָבער אפּ יידיש אליין רעדט מען אויך אין פארשיידענע געגנטן פארשיידן (דיאלעקטן), און די שריפט דארפּ זײַן אן אייגנהײַטלעכע. אייניקע קלאנגען שרײַבט מען ווי אין איין דיאלעקט, אנדערע — ווי אין אן אנדער דיאלעקט (אָבער לויט געוויסע קלאָלים, אזוי אז אלע שרײַבן אלציינס). מע שרײַבט ניט קאָמען (ווי מע האָט געשריבן בײַס דער האסקאָלע־עפּאָכע), מע שרײַבט קומען; און אזוי שרײַבן סײַ די ליטוויש־ווײַסרוסישע יידן, וואָס זאָגן טאקע קומען, סײַ די אוקראַינישע, וואָס זאָגן קימען; מע שרײַבט לויפן, כאָטש די ליטוויש־ווײַסרוסישע זאָגן לייפן.

דער מאָרפאָלאָגישער פּרינציפּ באשטייט אָט אין וואָס. ווען א וואָרט בייגט זיך (איך זאָג — דו זאָגסט), אָדער ווען עס בילדעט זיך פון איין וואָרט א צווייטס (מיד — מידקײַט) און עס באגעגענען זיך דערבײַ א הילכיקער קאָנסאָנאנט מיט א דומפּן אָדער פארקערט, ווערט אין אויסשפּראך דער הילכיקער אויך דומפּ, אָדער דער דומפּער — הילכיק. עס ווערט ארויסגערעדט דו זאָקסט, מיטקײַט, אָבער שרײַבן שרײַבט מען, פּונקט ווי דער קאָנסאָנאנט וואָלט זיך ניט געענדערט. מע שרײַבט: דו זאָגסט, ווײַל — איך זאָג, מע שרײַבט: מידקײַט, ווײַל — א מידער. דעריבער שרײַבט מען, אשטייגער: ער זינגט (א ליד) — זינקט (אין בלאָטע). כאָטש ביידע אויסגעטיילטע ווערטער ווערן ארויסגערעדט אלציינס. הייסט עס, באם שרײַבן נעמט מען אין אכט ניט נאָר די קלאנגען, נאָר אָפּטמאָל דעם באטײַט אויך.

§ 44. פּאָנעטיש־אינטערדיאַלעקטישע אויסלייגן.

די ווערטער, וואָס ווערן ארויסגערעדט אין ליטוויש־ווײַסרוסישע ריידענישן מיט о, שרייבן זיך מיט אָ, אפילע אויב זיי ווערן אין אנדערע ריידענישן ארויסגערעדט אנדערש.

צומבײַשפּיל: טאָג, גלאָז, זאָגן (ניט: טוג, גלוז, זוגן).

די ווערטער, וואָס ווערן ארויסגערעדט אין ליטוויש־ווײַסרוסישע ריידענישן מיט у, שרײַבן זיך מיט ו, אפילע אויב זיי ווערן אין אנדערע ריידענישן ארויסגערעדט אנדערש.

צומבײַשפּיל: קומען, פור, אונ (ניט: קימען). פ י ר, א י נ — שרײַבט מען, יאָ אָבער מיט אנדערע באטײַטן, איידער: פ ו ר, א ו נ.

ב א מ ע ר ק ט: בינדן — געבונדן, געפינען — געפונען, דינגען — געדונגען א. אז. וו. אָבער: וויגן — געוויגט, זיגן — געזיגט א. אז. וו.; קומען, געקומען. ווען דער פּאר־טיציפּ ענדיקט זיך מיט ט, האָט ער דעם זעלבן וואָקאל, וואָס דער אינפיניטיוו, כוץ: וויסן — געוווּסט.

די ווערטער, וואָס ווערן ארויסגערעדט אין ליטוויש־ווײַסרוסישע ריידענישן מיט э, שרײַבן זיך מיט ע, אפילע אויב זיי ווערן אין אנדערע ריידענישן ארויסגערעדט אנדערש.

צומבײַשפּיל: רעגן, טעג, בעט (ניט: רייגן אָדער ריגן). ט יי ג, ב יי ט — שרײַבט מען יאָ, אָבער מיט אנדערע באטײַטן, איידער: ט ע ג, ב ע ט.

די ווערטער, וואָס ווערן ארויסגערעדט אין ליטוויש־ווײַסרוסישע ריידענישן מיט и, שרײַבן זיך מיט י, אפילע אויב זיי ווערן אין אנדערע ריידענישן ארויסגערעדט אנדערש.

צומבײַשפּיל: גיכ, ליכט, זיכער (ניט: געכ, לעכט, זעכער).

די ווערטער, וואָס ווערן ארויסגערעדט אין ליטוויש־ווײַסרוסישע ריידענישן מיט а, שרײַבן זיך מיט א, אפילע אויב זיי ווערן אין אנדערע ריידענישן ארויסגערעדט אנדערש.

צומבײַשפּיל: טאטע, מאמע, וואסער (ניט: טאָטע, מאָמע). וו אָ ס ע ר — שרײַבט זיך יאָ, אָבער מיט אנ אנדער באטײַט, איידער — וו א ס ע ר.

די ווערטער, וואָס ווערן ארויסגערעדט אין ליטוויש־ווײַסרוסישע ריידענישן מיט ай, שרײַבן זיך מיט ײַ, אפילע אויב זיי ווערן אין אנדערע ריידענישן ארויסגערעדט אנדערש.

צומבײַשפּיל: ווײַס, לײַוונט, רײַכ (ניט: וואס, לאוונט, ראכ).

פאר נג, נק, שרײַבט זיכ א, ע, ניט ײַ, יי.

צומבײַשפּיל: באנק, הענגענ (ניט: בײַנק, היינגענ).

אָבער ווען דער נ אונ דער ג אָדער ק געהערנ צו פארשיידענע טיילנ פונ וואָרט (פארשיידענע וואָרצלענ אָדער פּרעפיקס אונ וואָרצל, אָדער וואָרצל אונ סו־פיקס), שרײַבט מען, אויב עס פאָדערט זיכ, ײַ, יי.

צומבײַשפּיל: ווײַנגאָרטנ, פײַנקײַט, שטיינקוילנ, שיינקײַט.

די ווערטער, וואָס ווערנ ארויסגערעדט אינ אוקראַינישע ריידענישנ מיט ой, שרײַבנ זיכ מיט וי, אפילע אויב זיי ווערנ אינ אנדערע ריידענישנ ארויסגערעדט אנדערש.

צומבײַשפּיל: לױפֿן, א גרױסער, בױם (ניט: לײפֿן, א גרײסער, בײם).

באַמערקט: גרױס — די גרײס; הױך — די הײך; בױם — בײמעלע, בײמער; אױג — אײגעלע; פֿױגל — פֿײגעלע; בײגן, איך בײג — געבױגן; הײבן, איך הײב — געהױבן (אַזױ אױך אָנגעבױגן, אײַנגעבױגן, אָנהײבן — אָנגעהױבן א. ד. גל.).

באַמערקט: אױער, געדױערן, זױער, טױער, טרױער, מױער, פֿױער (ניט: עװער, געדאָװערן א. אז. װ.).

די װערטער, װאָס װערן אַרױסגערעדט אין ליטװיש־װײַסרוסישע רײדעניש מיט ה, שרײַבן זיך מיט ה, אַפֿילע אױב זײ װערן אין אַנדערע רײדענישן אַרױסגערעדט אָן דעם ה, און פֿאַרקערט: װערטער, װאָס װערן אַרױסגערעדט אין ליטװיש־װײַסרוסישע רײדענישן אָן ה, שרײַבן זיך אָן ה.

צומבײַשפּיל: האַרגענען, האָפֿענונג, אַרבעט, אױג.

באַמערקט: אײַלן, אַמפּערן זיך, אַרן (װאָס אַרט דיך?).

אױב אין װאָרצל פֿון א װאָרט איז פֿאַראַן (אָדער ניטאָ) א ה, איז ער פֿאַראַן (אָדער ניטאָ) אין אַלע אױסבילדונגען פֿון דעם װאָרצל.

די װערטער, װאָס װערן אַרױסגערעדט אין אוקראַיִנישע רײדענישן מיט ס, ש, ז, זש, צ, טש, שרײַבן זיך אַזױ, אַפֿילע אױב זײ װערן אין אַנדערע רײדענישן אַרױסגערעדט אַנדערש.

צומבײַשפּיל: סײכל, שאָטן, זשאַלעװען, ציכל, טשעפּען.

מע דאַרף זיך היטן ניט נאָר פֿאַר די גרײַזן, װאָס קומען אױף, װען מע שרײַבט לױטן אײגענעם דיאַלעקט אָנשטאָט צו שרײַבן לױט די אָנגענומענע קלאָלים. פֿאַראַן נאָך א פֿאַרקערטער סאָרט גרײַזן: אַמאָל מײנט מען, אַז ריכטיק איז צו שרײַבן שטענדיק דװקא אַנדערש, װי מע רעדט אין אײגענעם דיאַלעקט, און מע שרײַבט (ליטװיש־װײַסרוסישע שילער) גנױװע, אױביק, אָנשטאָט: גנײװע, אײביק, (אָדער (אוקראַיִנישע שילער) טונט, בלוץ, אָנשטאָט: טינט, בליץ. מע דאַרף אײַנזינען האָבן, אַז ניט שטענדיק, װען אין אוקראַיִנישן דיאַלעקט זאָגט מען и, דאַרף מען שרײַבן „ר״; ניט שטענדיק, װען אין ליטװיש־װײַסרוסישן דיאַלעקט זאָגט מען йэ, דאַרף מען שרײַבן „װי״, א. ד. גל.

45 §. מאָרפֿאָלאָגישע אױסלײגן.

װען אָפֿן גרענעץ פֿון צװײ װאָרט־טײלן טרעפֿן זיך א הילכיקער און דומפּער קאָנסאָנאַנט אָדער פֿאַרקערט, שרײַבן זײ זיך בײדע ניט־געענדערטערהײט, צ. ב. אױסגײן (ניט: אױזגײן).

אױסגײן	דער קליגסטער
אָפּגעבן	אופּמערקזאַם
זאָגסט	דעם לײבס גריװע
געזאָגט	האַנטבוך
א קינד א קלוגס	פֿראָפּבאַװעגונג

אױסזאָגן
זיך אָפּבעטן
ער רעדט
גערעדט

(אזוי: ער באָדט, וועגדט זיך, זידט, לאָדט אָן, ליַידט, מיַידט אויס, פּאַרשווינדט, צינדט, בינדט, צעשיידט א. אז. וו.).

גערעדט, א קינד א בייזס, דער בייזסטער, אָוונטדיק, דער מויזס נאָרע, די גרינגקיַיט, א זויגקינד.

נאָר בא צונויפגוס פון א ווערב מיטן פּראָנאָם „דו" שריַיבט זיך ניט דער „ד".

צומביַישפּיל: גייסטו, האָסטו.

ווען אפן גרענעץ פון צוויי וואָרט־טיילן טרעפן זיך די קאָנסאָנאַנטן ט—צ, צ—ס, ט—ס, ד—ס, ס—ש א. ד. גל. (וואָס ווערן ארויסגערעדט צוזאמען ווי איין קאָנסאָנאַנט), שריַיבן זיי זיך ביידע ניט־געענדערטערהייט.

צומביַישפּיל: מיטציַען, אויסשפּן, דו זיצסט, דו בעטסט, דו באָדסט, דו וואשסט; א קינד א שטאָלצס, א גוטס, א בלינדס, א נארישס; דער שטאָלצסטער, דער עלטסטער, דער מינדסטער, דער נארישסטער; קאצס, דאָווידס; די הויפּט־צאָרע, די גרונטסיבע, די עסשיסל.

ווען אפן גרענעץ פון צוויי וואָרט־טיילן טרעפן זיך צוויי אַלציינע קאָנסאָנאַנטן, שריַיבן זיך ביידע, אויב ס'איז א צונויפזאץ אָדער א געקירצטער צונויפזאץ.

צומביַישפּיל: בירגעררעכט, הויפּטטייל, יוגנטטאָג, קויפפייקיַיט, פּאָליטטוער.

אין אנדערע פאלן שריַיבט זיך נאָר איין קאָנסאָנאַנט.

צומביַישפּיל: רויקיַיט (פון רויק־קיַיט), סעזאָניק (פון סעזאָן־ניק).

אזוי שריַיבט זיך אויך: אָרעמאַן, פּראָפּאריין.

די צווייטע פּערזאָן פון ווערבן מיט „ז" שריַיבט זיך אזוי: דו בלאָזט, וויַיזט, לאָזט, מוזט, שפּיַיזט א. אז. וו.

די צווייטע פּערזאָן פון ווערבן מיט „סט" שריַיבט זיך: דו הוסט, מעסט א. אז. וו.

אָבער דער צווייטער פארגלייך־גראד פון אדיעקטיוון מיט „סט" שריַיבט זיך: דער באוווסטסטער, דער וויסטסטער א. אז. וו.

אין א צונויפזאץ מיט „זעלבסט", ווען דער צווייטער טייל הייבט זיך אָן מיט „ש", פאלט ארויס דער „סט".

צומביַישפּיל: זעלבשטענדיק, זעלבשוץ, זעלבשטראָם.

באמערקט: זקיינים — וויַיל זאָקן; ריווקע — וויַיל ריווע.

אין אינטערנאציאָנאלע ווערטער שריַיבט זיך אמאָל א הילכיקער קאָנסאָנאַנט פאר א דומפּן אָדער א דומפּער פאר א הילכיקן, כאָטש זיי ווערן ארויסגערעדט ביידע דומפּ אָדער ביידע הילכיק.

צומביַישפּיל: אבסאָליוט, אבסורד, אבסטראקט, אָבסערוואטאָריע; אווטאָמאָביל, אווטער, אווסטראליע; אנעקדאָט, מאקדאָנאלד.

§ 46. אויסלייג פון פּרעפיקסן, סופיקסן, פלעקסיעס און ענדונגען [1].

די פאָלגנדיקע סופיקסן און ענדונגען שריַיבן זיך, ווי דאָ איז אָנגעוויזן: ־אטער, ־אטעריש (אָרגאניזאטער, אָרגאניזאטעריש); אָבער ־אטאָריש, אויב דער אקצענט איז אפ „אָ" (אָבליגאטאָריש, אָבער: אָבליגאטעריש).

---

1 ענדונג — די לעצטע קלאנגען פון וואָרט, אפילו אויב ס'איז ניט קיין סופיקס אָדער פלעקסיע.

־א ל אָדער ־ע ל (נאַציאָנאַל, קולטורעל); אמאָל איז פאַראַן א כילעק צווישן די צוויי סופיקסן (מאַטעריאַל — מאַטעריעל), אמאָל — ניט (פאָרמעל — פאָרמאַל).

־א נ צ, ־י נ צ, ־ע נ צ, ניט: ־אַנציע, ־ינציע (אינסטאַנץ, פּראָווינץ, קאָנפערענץ). אָבער סטאַנציע, קוויטאַנציע.

־ע צ, ־ע ס (גרענעץ, געגעץ, ערגעץ, עפּעס, — ניט גרעניץ, עפּיס א. א.).

־ד י ק (רעגנדיק).

־ה י י ט (געזונטערהייט).

־ה ײַ ט (פרײַהײַט).

־ו נ ג (פאַרזאַמלונג, בויונג, פון פאַרזאַמלען, בויען); אָבער: וויצלינג, ליבלינג; הערינג א. א.

־ו ו א ר ג (אַלטוואַרג).

־ו ײַ ז (טיילווײַז, ייִנגלווײַז, מאַכנעווײַז).

־ט ש י ק (קליינטשיקער).

־י אַ ד ע (לעניניאַדע).

־י ו, ניט ־יווע (איניציאַטיוו, פּערספּעקטיוו).

־י ז י ר נ (אָרגאַניזירן).

־י ז ם (קאָמוניזם).

־י ט ש ק (יונגיטשקער, פּשעניטשקעס).

־י ס ט (קאָמוניסט).

־י ס ט י ש (קאָמוניסטיש).

־י ם, ווען ס'איז א סופיקס פון מערצאָל (דאָקטוירים, כאַווירים); אויך דעמלט, ווען קיין איינצאָל איז ניטאָ (געדערים, יאָדאיִם). אויך אינעם נאָמען „כאיִם". אין אַנדערע פאַלן שרײַבט זיך די ענדונג — ־ע ם (וואָרעם, וואָרעם, טורעם, פּאָנעם, שטורעם א. אז. וו.) אויך אין די מערצאָלן: ווערעם, פעדעם — (דאָ איז עס ניט קיין סופיקס פון מערצאָל).

־י נ ק (קלייניקער).

־י ע, ניט ־י (סאָניע, פאַניע).

־י ע, ניט ־יען (דאַניע, נאָרוועגיע).

־י ק אין אַדיעקטיוון און אַדווערבן (א באַרגיקער, ליכטיק), אין צאָלנעמען (דרײַסיק), אין נעמען פון טעג (זונטיק). אין די ווערטער: האָניק, ווערליק, מיטיק, פרישטיק; אין אַנדערע פאַלן שרײַבט זיך די ענדונג ־ע ק (אייסעק).

־י ק, ניט ־יקע (גראַמאַטיק, פּאָליטיק, פיזיק א. ד. גל.).

־י ש, ווען ס'איז א סופיקס (טיפּיש, יאַמיש, סאָוועטיש, שטאָטיש; ווען ס'איז ניט קיין סופיקס, שרײַבט זיך די ענדונג ־ע ש (טיפּעש, כוידעש).

־יי, ניט ־ייע (אידיי).

־יי ִ ק (פייִק, צווייערלייִק, שנייִק).

־יי ִ ש (אייראָפּייִש, פּאַרטייִש, רויטאַרמייִש).

־ל ע כ (גליקלעכ, ייִנגלעכ, ייִנגעלעכ).

־נ, ניט ־ין (אַרבעטערן).

־נ י צ ע, נ י ק (קאָלווירטניצע, קאָלווירטניק).

־נ י ש, ־ע נ י ש (פּינצטערניש, לויפעניש).

־ס ט ו (בא דער צווייטער פּערזאָן — זעסטו, גייסטו, האָסטו).
־ס ט ע ר (צוואַנציקסטער, דרײַסיקסטער א. אז. װ.).
־ע װ א ט ע (טאַמעװאַטע).
־ע װ ד י ק (רירעװדיק).
־ע װ ע (מאַסעװע, קלאַסעװע), אָבער ־אָ װ ע, װען דער אַקצענט איז אױפֿן אָ (װאַטאָװע).
־ע װ ע נ (באַלעבאַטעװען).
־ע כ (מױעכ, קױעכ, שײַעכ א. אז. װ.).
־ע כ צ (טועכצ, שאָלעכצ).
־ע ל ע (מענטשעלע).
־ע נ י ו (מאַמעניו).
־ע ר (טעאַטער, מעטער, פּילטער, קאַדער א. אז. װ.; אױטער, טראַקטער א. א.)
־ע ש י (זײדעשי).
־ק ײַ ט (אַלטקײַט).
־ש א פ ט (לערערשאַפט).
די דאָזיקע פּ ר ע פֿ י ק ס נ שרײַבן זיך, װי דאָ איז אָנגעװיזן:
א ד ו ר כ אָדער ד ו ר כ (אַדורכגײן אָדער דורכגײן).
א ה י נ (אַהינקומען).
א ו מ (אומגײן, אומרײן).
א ו נ ט ע ר (אונטערגײן).
א ו פֿ (אופֿעסן).
א ו ר (אורײניקל).
א ו י ס (אױספּילן).
א ײַ נ (אײַנשליסן).
א נ ט (אַנטלױפֿן).
א ר אָ פּ (אַראָפּגײן).
א ר ו מ (אַרומרינגלען).
א ר ו פֿ (אַרופֿשלעפּן).
א ר ײַ נ (אַרײַנװאַרפֿן).
אָ פּ (אָפּגעבן).
ב א (באַקומען, באַטאָג, באַצײַטנס).
ג ע (גענומען, געזאָגט, גערעכט).
ד ע ז (דעזאָריענטירן).
ד ע ר (דערשײַנען, ניט: ערשײַנען).
נ אָ כ (נאָכגײן).
פֿ א נ א נ ד ע ר (פֿאַנאַנדערנעמען).
פֿ אָ ר (פֿאָרשטעלן).
צ ו ז א מ ע נ (צוזאַמענרופֿן).
צ ו נ ו י פֿ (צונױפֿנעמען).
צ ו ר י ק (צוריקציען).
ר ע (רעאָרגאַניזירן).

די הילפֿווערטער און פּרעפֿיקסן „צ ו", „צ ע", „צ י", שרײַבן זיך לויט די דאָזיקע קלאָלים.

צ ו. 1) א פּרעפּאָזיציע: איך גיי צו אים, איך גיי צום (צו דעם) ברודער.

2) א הילפֿוואָרט, וואָס באַטײַט פּאַנאַנדערטיילונג: געגעבן יעדערן צו 3 העפֿטן, צו האַלבע עפּל.

3) א הילפֿוואָרט, בײַ אן אינפֿיניטיוו: ער האָט כיישעק צו גיין אהיים.

אמאָל קומט דער זעלביקער „צ ו" אינמיטן וואָרט: ער האָט כיישעק אוועקצוגיין אהיים. דאָס קומט פֿאָר, ווען בײַם אינפֿיניטיוו איז פֿאַראַן אן אקצענטירטער פּרעפֿיקס.

4) אן אקצענטירטער פּרעפֿיקס בײַ א ווערב אָדער בײַ א וואָרט, געבילדעט פֿונעם ווערב: ער וויל צוגיין, ער גייט צו, ער גייט אהינצו, ער גייט צו צו אים, ער האָט כיישעק צוצוגיין אהיים; מיר געפֿעלט זײַן צוגאַנג.

5) א פּרעפֿיקס אָן אן אקצענט, אָבער ניט בײַ קיין ווערב און ניט בײַ קיין וואָרט, געבילדעט פֿון א ווערב: צוביסלעך, צוגלײַך, צוזאַמען, צולאָכעס, צומאָרגנס, צומבעסטן, צונויף, צונוץ קומען, צונישט, צוערשט, צופֿוס, צופֿוסנס, צופֿרידן, צו־קאָפּנס, צוריק, צורעכט, צושטײַער.

צ ע. א פּרעפֿיקס אָן אן אקצענט בײַ א ווערב אָדער בײַ א וואָרט, געבילדעט פֿון א ווערב: מיר צעשטערן די אַלטע וועלט. דער צעפֿוילטער קאַפּיטאַליזם.

צ י. א הילפֿוואָרט, באַטײַט א פֿראַגע אָדער „אָדער": צי ווייסטו, וואָס מיר טוען?; קום הײַנט צי מאָרגן.

נאָך נג, נק שרײַבט זיך ען, ניט ן.

צומבײַשפּיל: זינגען, געזונגען, זינגענדיק, טרינקען, געטרונקען, (ניט זינגן, טרינקן, געטרונקן).

אָבער אין דער בייגונג פֿון אייגנגעמען און פֿון אדיעקטיוון שרײַבט זיך נאָך נג, נק — ן.

צומבײַשפּיל: געלייענט מערינגן; באַגעגנט פֿינקן; געזען א יונגן כאַווער; א פֿלינקן ארבעטער (אזוי שרײַבט זיך אויך: א יונגנמאַן).

ב א מ ע ר ק ט: בראַווע יונגען (ס'איז ניט קיין בייגונג פֿון אן אייגנגאָמען אָדער פֿון אן אדיעקטיוו).

די ווערבן: ג י י ן, ש ט י י ן, ז ע ן, ג ע ש ע ן, — באַקומען אין מערצאָל פֿון קעגנוואָרט נאָך אן ע: מיר (זיי) גייען, שטייען, זעען; זיי געשעען.

ב א מ ע ר ק ט: די פּאַרטיציפּן: ג ע ז ע ן, ג ע ש ע ן; אָבער: א ג ע ז ע ע נ ע ר, א ג ע ש ע ע נ ע ר.

רוסישע א. אנד. פֿאַמיליעס מיט דער ענדונג „קי", „ני" א. ד. גל. שרײַבן זיך אף ייִדיש מיט י; צומבײַשפּיל: דזערזשינסקי (ניט דזערזשינסקע), דזערזשינסקין.

רוסישע פֿרויען־פֿאַמיליעס מיט א, יא, שרײַבן זיך אף ייִדיש אויך אזוי.

צומבײַשפּיל: קרופּסקאיא, סייפֿולינא.

47 §. פֿאַרשיידענע קלאַלים.

אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער, וואָס שרײַבן זיך אף דײַטש (און אף אַנדערע שפּראַכן) מיט h, שרײַבן זיך אף ייִדיש מיט ה:

העגעמאָניע, היסטאָריש, האָריזאָנט, היגיִענע, הידראָפּלאַן, היפּאָדראָם, היפּאָטעזע, היפּאָטענוזע, היפּנאָז, היפּערבאָלע א. אז. וו.

דאָס איז שײַך אויך צו אייגננעמען: האַמבורג, האָלאַנד, היינע, העגעל א. ד. גל.

די נעמען פֿון די כאָדאָשים שרײַבן זיך אַזוי: יאַנוואַר, פֿעוורואַל, מאַרט, אַפּרעל, מײַ, יונ, יול, אווגוסט, סענטיאַבער, אָקטיאַבער, נאָיאַבער, דעקאַבער.

48 §. וואָרטגרענעצ.

(צוזאַמענשרײַבונג און באַזונדערשרײַבונג)

א הילפֿוואָרט שרײַבט זיך באַזונדער פֿונעם ווײַטערדיקן וואָרט, און א פּרעפֿיקס צוזאַמען מיטן ווײַטערדיקן וואָרט. אונטערשיידן א הילפֿוואָרט פֿון א פּרעפֿיקס קאָן מען געוויינלעך אַזוי: אויב מע קאָן נאָך דעם אַרײַנשטעלן אַנדערע ווערטער, איז עס א הילפֿוואָרט און מע דאַרף עס שרײַבן באַזונדער, אויב ניט, איז עס א פּרעפֿיקס, און מע דאַרף אים שרײַבן צוזאַמען.

צומבײַשפּיל:

הילפֿווערטער	פּרעפֿיקסן
א פּאָנעם האָט עס (פֿאַראַן: א שײַנעם פּאָנעם האָט עס).	אפּאָנעם, אז ער איז שוינ דאָ.
איך האָב א היים.	איך גיי אהיים.
צו פֿרידן שטרעבן, און צו מילכאָמע זיך גרייטן.	צופֿרידן מיטן רעזולטאַט בינ איך ניט.

די ווערטער: דער דאָזיקער, (די דאָזיקע, דאָס דאָזיקע, דעם דאָזיקן), דער זעלביקער (די זעלביקע, דעם זעלביקן) שרײַבן זיך באַזונדער.

„ניט" (נישט) שרײַבט זיך, ביכלאַל, באַזונדער.

צומבײַשפּיל: ער איז ניט געוועזן; ער ווינט ניט הי.

אן ענגערע פֿאַרבינדונג פֿון „ניט" מיטן ווײַטערדיקן וואָרט ווערט באַצייכנט דורך א דעפּיס: א ניט־דערשאָסענער.

נאָר אינ אייניקע פֿאַלן שרײַבט מען „ניט" (נישט) צוזאַמען מיטן ווײַטערדיקן וואָרט:

ניטגוט (ד. ה: איבלדיק), א ניטהיגער (אָבער: ניט קיינ היגער), ניטגעבעטענערהייט א. א.

א פּרעפּאָזיציע שרײַבט זיך, ביכלאַל, באַזונדער פֿונעם ווײַטערדיקן וואָרט.

צומבײַשפּיל: איבער דעם, אינ אָנהייב, אינ דער פֿינצטער, אינ ערגעץ, אינ קאָפּ, אף אנ עמעס, אף דער פֿרײַ, אף לאַנג, אף מאָרגן, אף שפּעטער, ביז אהער, מיט בייזן, מיט גוטן, מיט דעם, פֿאַר זיך, (האַלטן) פֿאַר נייטיק, פֿון אויבן, פֿון אמאָל, פֿון דער היים (ניט פֿון דערהיים), פֿון דער זײַט, פֿון וואָס, פֿון לאַנג, צוליב וואָס.

א פּרעפּאָזיציע שרײַבט זיך צוזאַמען מיטן װײַטערדיקן טייל, אויב דער טייל קאָן אָן קיין פּרעפּאָזיציע ניט פֿאָרקומען.

צומבײַשפּיל: אינדערוואָכן, איניינגוועגס, אפּדערעמעסטן (ניטאָ באַזונדער „דער עמעסן״), ביזוואַנען, פֿונדערווײַטנס, פֿונוואַנען, צופֿוסנס, צוקאָפּנס.

אין די דאָזיקע ווערטער שרײַבט זיך די פּרעפּאָזיציע צוזאַמען מיטן װײַטערדיקן טייל, כאָטש דער טייל עקזיסטירט זעלבשטענדיק אויך:

איבעראיאָר, איבעראַכטאָג, איבעראַנײַס, איבערגוואַלד, אינגאַנצן, אינגיכן, אינדרויסן, איניינעם, אינמיטן, אפּגיך, מיטאַמאָל, נאָכדעם, פֿאַרוואָס (צ. ב. פֿאַרוואָס אַרבעט ער נישט? אָבער: ער ווייסט ניט, פֿאַר וואָס זיך צו נעמען). פֿאַריינס, צוגאַסט, צומבעסטן, צוערש, צורעכט, איגדערהיים, צושטײַער און איייניקע אַנדערע.

מע שרײַבט צוזאַמען: דערמיט, דערפֿאַר, דערצו א. אז. וו.

באַם צונויפֿגוס פֿון א געקירצטן פּראָנאָם מיט א ווערב אָדער פֿון א פּראָנאָם מיט א געקירצטן ווערב שרײַבט מען אן אַפּאָסטראָף (’).

צומבײַשפּיל: כ׳גיי, ס׳איז געווען, ס׳גייען מענטשן, ר׳איז געקומען, מע האָט׳ן געכאַפּט, איכ׳ל גיין, דו׳סט זען, ער׳ט זען, ער׳ט נעמען, וואָס ט׳איר זאָגן.

א צונויפֿזאַץ אָדער א וואָרט, געבילדעט פֿון א צונויפֿזאַץ אָדער פֿון א גרופּע ווערטער, שרײַבט זיך צוזאַמען.

צומבײַשפּיל: 1) ערדאַרבעט, ערדאַרבעטער, דרעשמאַשין.

2) יונגערמאַן, יונגעלײַט, גוטעפֿרײַנט, גלײַכוווערטל.

3) צוקערזיס, שפּאָטביליק, אײַזנפֿעסט, שטאָקפֿינצטער.

4) אויבנוף, אַלעמאָל, אַלציינס, באַרגאַראָפּ, וויאַזוי, נאָכאַמאָל, נאָרוואָס. אָבער: אַלץ מער, אָט וואָס, דאָס מאָל, וואָס מער, וואָס דען, ערגעץ ווו, צוויי מאָל א. ד. גל. אויך: א זעץ טון, אַכטונג געבן, צו גרונט גיין, צונויץ קומען א. ד. גל. שרײַבן זיך באַזונדער.

5) ברייטביינערדיק, לאַנגיאָריק.

6) קאָמפּאַרטיי, קאָלווירט, דניעפּערבוי, געזערד.

לאַנגע צונויפֿזאַצן שרײַבט מען מיט א דעפּיס (קעדיי גרינגער אויפֿצוכאַפּן מיטן אויג באַם לייענען).

צומבײַשפּיל: בילדונג־קאָמיסאַריאַט, קינדעריאָרן־זיכרוינעס, רעדאַקטיר־קאָלעגיע, ציל־אײַנשטעלונג.

ס׳קאָנען קומען צוויי דעפּיסן אין איין (קאָמפּליצירטן) צונויפֿזאַץ.

צומבײַשפּיל: ברויט־פֿאַרגרייטונג־קאַמפּאַניע (אָדער ברויטפֿאַרגרייט־קאַמפּאַניע).

נײַע, זעלטענע, ספּעציעל געשאַפֿענע צונויפֿזאַצן אָדער אויסבילדונגען פֿון א גרופּע ווערטער שרײַבט מען מיט א דעפּיס (קעדיי גרינגער דערקענען).

צומבײַשפּיל: סאָסנע־גאָלד, פֿאַרב־אָרעם, ערשט־רײַיק.

צונויפֿזאַצן, ווו דער ערשטער טייל איז אן אייגננאָמען, שרײַבן זיך מיט א דעפּיס: לעניג־ווינקל.

צונויפֿזאַצן, ווו ס׳קומט אַרײַן „און״ (אָדער ס׳וואָלט געקאָנט זײַן „און״, נאָר ס׳איז פֿאַרפֿעלט), שרײַבט זיך מיט א דעפּיס.

צומבײַשפּיל: אַרום־און־אַרום, האַלדז־און־נאַקן, טינט־און־פֿען, טאַטע־מאַמע (ד. ה. דער טאַטע און די מאַמע).

א צונויפזאץ פון צוויי אלציינע טיילן שרײַבט זיך מיט א דעפיס.

צומבײַשפּיל: אָט־אָס, גאָר־גאָר, ווײַט־ווײַט, ווער־ווער, קוים־קוים; אזוי אויך: ווער־ניט־ווער א. ד. גל.

א צונויפזאץ, ווו ס'טרעפן זיך אפן גרענעץ פון דער צונויפזעצונג ז מיט ש, שרײַבט זיך מיט א דעפיס (קעדיי ניט לייענען דעם ז מיט ש צוזאמען זש).

צומבײַשפּיל: גראָז־שיכט, האלדז־שנור.

באמערקט: פּארטיי־ און ראטן־אנשטאלטן, ארבעטער־ און פּויערים־דעפּוטאטן.

א צאָלנאָמען פון עטלעכע ווערטער און א צונויפזאץ מיט א צאָלנאָמען שרײַבן זיך אזוי:

1) איינ און צוואנציק, צוואנציק איינס, דרײַ טויזנט צוויי הונדערט פופציק (אָן דעפיסן).

2) איינ־און־צוואנציקסטער, צוואנציק־ערשטער, דרײַ־טויזנט־צוויי־הונדערט־פופציקסטער (מיט דעפיסן).

3) איינ־און־צוואנציק־יאָריקער, הונדערט־פופציק־רובלדיקער (מיט דעפיסן).

צווישן א ציפער און אויסיָעס, ווען זיי בילדן צוזאמען איינ וואָרט, שרײַבט מען א דעפיס.

צומבײַשפּיל: 10־טער, 21־יאָריקער.

49 §. קירצונגען.

אָנשטאָט א גאנצ וואָרט קאָן מען אמאָל שרײַבן דאָס ערשטע אָס אָדער די ערשטע אויסיָעס מיט א פּינטל.

צומבײַשפּיל: 100 פּראָצ.; אינ ה. י. (הײַנטיקן יאָר).

בא איינקע ווערטער באנוצט מען אן אנדער אויפן פון קירצונג: כ', כ'כ' (מיט אן אפּאָסטראָף) — כאוועך, כאוויירים, כ—טע (מיט א טירע) — כאווערטע א. א.

איינקע גרופּעס ווערטער ווערן געקירצט צוזאמען; דערבײַ שטעלט מען א פּינטל צום סאָף פון דער גאנצער ווערטערגרופּע; בײַשפּילן: אדגל. (און דאָס גלײַכן), אאוו. (און אזוי ווײַטער), אא. (און אנדערע).

נעמען פון מאָסן קירצט מען אזוי: קילאָגראם — קג, מעטער — מ, קילאָמעטער — קמ, העקטאר — הא (אָן פּינטלעך).

געקירצטע צונויפזאצן, וואָס באשטייען פון די נעמען פון אויסיָעס, שרײַבן אזוי: צעקא, ציק, אדגל.

אָדער: צ״ק, פּסס״ר אדגל.

אינהאלט

איינפאכער זאַץ

1 §. זאַץ 3
2 §. סוביעקט 8
3 §. פרעדיקאַט . . . 9
4 §. מיטשטימונג פון פרעדיקאַט מיטן סוביעקט 12
5 §. אָביעקט 14
6 §. אַטריבוט 15
7 §. אומשטאַנד 16
8 §. פרעפּאָזיציע 18
9 §. סינאָנימישע קאָנסטרוקציעס מיט און אָן פרעפּאָזיציעס . . . 20
10 §. גלײַכאַרטיקע זאַצגלידער . . 23
11 §. אָפּשטעל־צייכנס בײַ גלײַכאַרטיקע זאַצגלידער 25
12 §. פּאַראַלעליזמען 30
13 §. בייגונג אין פּאַראַלעליזמען . . 31
14 §. אָפּזונדערונג . . . 32
15 §. דער אומפולער זאַץ . . . 34
16 §. דער אָנרופיקער זאַץ . . . 35
17 §. דער סוביעקטלאָזער זאַץ . . . 36
18 §. דער באַפעל־זאַץ . . . 36
19 §. דער אינפיניטיווישער זאַץ . . 37
20 §. ווענדונג 40
21 §. באַמערקווערטער . . . 43
22 §. אויסרופוואָרט 45
23 §. אַקטיווע און פּאַסיווע זאַץ־קאָנסטרוקציע 46
24 §. ווערטערסיידער אינעם איינפאַכן זאַץ 49

צונויפגעזעצטער זאַץ

25 §. טיפּן צונויפגעזעצטע זאַצן . . 55
26 §. קאָאָרדינאַציע 56
27 §. אָפּשטעל־צייכנס בײַ קאָאָרדינאַציע 57
28 §. סובאָרדינאַציע 61
29 §. אָפּשטעל־צייכנס בײַ סובאָרדינאַציע 62
30 §. טיפּן בײַזאַצן 62
31 §. דער אַטריבוטיווער בײַזאַץ . . 69
32 §. סינאָנימישע קאָנסטרוקציעס צו בײַזאַצן. 73
33 §. גערונדיווישע און פּאַרטיציפּישע בײַזאַצן 75
34 §. קאָמפּליצירטע קאָנסטרוקציעס . 78
35 §. דירעקטע און אומדירעקטע רייד . 82
36 §. פּונקטואַציע בײַ דירעקטע רייד . 85

קלאָלים פון פּונקטואַציע

37 §. אָפּשטעל־צייכנס סאָף זאַץ . . 88
38 §. אָפּשטעל־צייכנס אין צונויפגעזעצטן זאַץ 89
39 §. אָפּשטעל־צייכנס אין איינפאַכן זאַץ 90
40 §. אָפּשטעל־צייכנס בײַ דירעקטע רייד, ציטאַטעס א. דגל. . . 93

אָרטאָגראַפיע

41 §. אַלפאַבעט 98
42 §. אָנמערקונגען וועגן באַזונדערע אויסיעס 99
43 §. פּרינציפּן פון דער ייִדישער אָרטאָגראַפיע 101
44 §. פאָנעטיש־אינטערדיאַלעקטישע אויסלייגן 102
45 §. מאָרפאָלאָגישע אויסלייגן . . 103
46 §. אויסלייגן פון פּרעפיקסן, סופיקסן, פלעקסיעס און ענדונגען. . 104
47 §. פאַרשיידענע קלאָלים . . . 108
48 §. וואָרטגרענעץ 108
49 §. קירצונגען. 110